STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01799

# DI HOKHMEY-HA-TALMUD UN DI NAYESTE ERFINDUNGEN

Abrom Varshavski

•

*Permanent preservation of this book was made possible by Hilah and Yael Loewenstein*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די חכמי־התלמוד
## און די
# בייעסטע ערפינדונגען

אנ׳אפהאנדלונג איבער די חכמי־התלמוד
און די מאדערנע ערפינדונגען, וועלכע
די ציוויליזאציאן האט ערפינדן ערשט
מיט א 150 יאר צוריק.


פארפאסט, לכבוד התורה ולומדיה
— פון —
אברהם, ווארשאווסקי לבית הלוי
הולל



בשנת נפלאות חכמי הגמ׳ לפ״ק

נאָכדרוק און איבערזעצונג אָן די ערלויבניש פון מחבר—פארבאָטען

Copyright 1932 by A. Warshawsky

קאָרעגירט און טעכניש צוגעגרייט צום דרוק
דורך ל. זילבערבערג
Warszawa, Zamenhofa 3 (Poland)

*Druk. „GRAFIA", Warszawa, Nowolipki 7 tel. 11.87-52.*

# אינהאַלטס־פערצייכניס


| № | | ז' |
|---|---|---|
| | פאָרוואָרט | VI |
| | איינלייטונג | 19 |
| 1 | טעלעפאָן | 36 |
| 2 | בייסיקעל | 37 |
| 3 | צעפּעלין | „ |
| 4 | ראַדיום | 38 |
| 5 | טויבערגלאָקקע | 39 |
| 6 | טעלעסקאָפּ | 40 |
| 7 | מוזיק | „ |
| 8 | מעדיצין | 55 |
| 9 | נתוח, אַנאַטאָמיע | 59 |
| 10 | עובר, עמבריאָלאָדזשי | 60 |
| 11 | שמירת הבריאות, היגיענע | 61 |
| 12 | מעדיצינען, טערפּיוטיקא | 65 |
| 13 | חירורגי, אָפּעראַציאָן | 69 |
| 14 | אַסטראָנאָמיע | 70 |
| „ | לקוי חמה ולבנה | 72 |
| „ | קאָמעט, כוכבא דשביט | 73 |
| „ | שטערנען | 74 |
| „ | לוח | 75 |
| 15 | געאָגראַפיע | 78 |
| 16 | הנדסה, געאָמעטריע | 83 |
| 17 | חכמת הצריפה, אלחימיה | 85 |

| № | | זייט |
|---|---|---|
| 18 | חכמת היד והפרצוף פיזיאָנאָמיע | 89 |
| 19 | סתרי הטבע, נאַטורוויסענשאַפט | 101 |
| 20 | מלאכות | 109 |
| 21 | זייגער | 112 |
| 22 | פלאַנצען, באָטאַני | 115 |
| 23 | נאַטורגעשיכטע, זאָאָלאָגיע | 118 |
| 24 | פילאָלאָגיע, שפּראַכוויסענשאַפט | 125 |
| 25 | יצירת האדם, אַנטראָפּאָלאָדזש | 134 |
| 26 | תנועת הארץ | 143 |
| 27 | נוטריקון, סטענאָגראַפיע | 146 |
| 28 | אונזעהבאַרע טינט | 147 |
| 29 | מאַגנעט | 148 |
| 30 | בליצאָבלייטער | „ |
| 31 | בריאת העולם | 150 |
| 32 | בי דואר, פּאָסט | 159 |
| 33 | חלוץ עצמות, אתליטין | 160 |
| 34 | דרך־ארץ | 162 |
| 35 | מכונה, מאַשין | 167 |

# פאָררעדע

די וויסענשאַפט האָט אין די לעצטע הונדערט און פופציג יאָהר אַ גרויסען שפרונג געמאַכט פאָרווערטס אויף אַלע געביעטען, ווי: מעדיצין, מוזיק, אַסטראָנאָמיע, געאָגראַפיע, געאָמעטריע, פילאָלאָגיע, נאַטורוויסענשאַפט א.אַ.וו. אַזוי אַז פיעל, זעהר פיעל מענשען פון אַלע קלאַסען, געלערנטע אַזוי ווי אונגעלערנטע, יודען זוי גוט ווי ניט יודען האָבען אָנגעפאַנגען צו קוקען אויף די וואונדער וואָס די וויסענשאַפט האָט אויפגעטוהן ווי אויף גרויסע נסים פון איבערמענשען וואָס זייערס גלייכען האָט די וועלט נאָך ניט פערמאָגט און זאָלכע וואונדער נאָך נישט געזעהען. און איבערדעם האָט יעדער געקריעגען רעספעקט פאַר די וויסענשאַפט מיט איהרע פאָרשער וועלכע זיי פערהגעטערן, אין וועלכע זענען אויך מייסטענס מענשען פון אַנדערע פ׳לקער. ווערהענד מיר יודען ווערען גאָר אָן אַ זייט געשטעלט ג׳ון פון פיעלע זאָגאר נאָך בעשולדיגט אַז מיר האָבען גאָר ניט, אָדער ווייניג וואָס. בייגעטראָגען צו די וויסענשאַפט. וואָרום? ווייל מיר ווילען זיך ניט בעשעפטיגען מיט לעהרע און בילדונג, וואָרפט מען אונז אויף; מיר ווילען ניט זיין מאָדערן, מיר טוהן גאָר ניט פאַר׳ן קיום העולם זוי ווי אַנדערע פעלקער לעבען און שטרעבען נור פאַר׳ן פראָגרעס פון די וועלט. נור מיר פאַרברענגען אונזער צייט בלויז מיט עבודה, מיט דאַוונען, מיט תהלים, מיט תורה לערנען, מיט

זיטצען אין די שוהלען און בתי מדרשות, און מיר ווילען ניט געהן מיט'ן פראָגרעס פון די צייט נור בלייבען הינטערשטעל־ליג, און ווילען דאָך געניעסען פון די קונסט, לעהרע און וויסענשאַפט וואָס אַנדערע טוהן צוגרייטען פאַר אונז.

אָט אַזאָלכע און עהנליכע פאָרווירפע מאַכען אונז טאַקי די גרויסע קעפּ, די גרויסע געלעהרטע וועלכע לאָזען זיך בע־זינגען מיט שירות ותשבחות פאַר די גרויסע נסים ונפלאות וואָס זיי האָבען בעוויעזען פאַר די וועלט.

אמת, עס לאָזט זיך ניט פערלייקענען אַז די וויסענשאַפט האָט בעוויעזען גרויסע וואונדער. אָבער זיי זענען ניט אָרגינעל. און דאָך ווען מיר זאָלען פּרובירען פרעגען אַ געלעהרטען „ווער זענען די יעניגע וואָס האָבען די קונסט און וויסענשאַפט געלערנט, געפאָרשט, געשטודירט אָדער וועניגסטענס דעם גרונד־שטיין צו די אַלע חכמות געלייגט האָט”? וועט ער בלייבען אָהנע אַנטוואָרט אָדער אים בעסטען פאַל אַנטוואָרטען מיט אַ פראַגע „ווי הייסט, ווער? אני ואפסי מלך! מיר זעלבסט האָבען דיעזע לעהרע געפאָרשט און שטודירט און דאַדורך האָבען מיר בכח געהאַט דיעזע אַלע וואונדערליכע ערפינדונגען צו ערפינ־דען פון אָנפאַנג ביז ענדע. אַלעס איז אָרגינעל”.

אויב אַזוי, מוזען מיר אַנטוואָרטען, איהר האָט זעהר אַ גרויסען טעות. און ניט איין טעות נור טאַקי צוויי טעותים.

I) אַז נור איהר אַליין זייט דאָס די יעניגע חכמים וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט קונסט און דאַדורך געוויעזען וואונדער אָהנע איינפלוס פון אַנדערע חכמים, קענען מיר אייך זאָגען „שאל אביך ויגדך” לערנט, לעזט און שטודירט די אַלטע העבּרעאישע תורה, אַלטע העברעאישע ספרים, העברעאישע גע־שיכטע, העבּרעאישע קונסט און פילאָזאָפיע און איהר וועט דאָרטען פינדען דייטליך אַלע אייערע הייטיגע מאָדערנע ערפינ־דונגען, אָדער וועניגסטענס דעם פונדאַמענט צו קונסט און וויסענשאַפט. זיי, דיעזע ספרים, וועלען אייך ערצעהלען ווער עס זענען געוועזען די ערשטע חכמים און וויסענשאַפטלער.

II) אַז מיר יודען האָבען גאָר ניט בייגעטראָגען צום

פראָגרעס פון דער וועלט און די ענטוויקלונג פון ליטעראַטור, קונסט, וויסענשאַפט א.א.וו. און אַז מיר האָבען קיינע ערפינדער ארויס געגעבען, קענען מיר אַנטוואָרטען „זקניך ויאמרו לך" לערנט אונזערעם תלמוד, בעקאַננט זיך מיט אונזערע תלמודיס-טען פון צוויי טויזענד יאָהר צוריק און איהר וועט דאָרטען פינדען אייערע הכמות, אייערע קונסט און וויסענשאַפט מיט אַלע ערפינדונגען צוזאַמענגענומען, און צו גלייכער צייט אויך קע-נען די גרויסע ערפינדער, די גרויסע חכמים וועלכע מיר האָ-בען ארויס געגעבען.

די גרויסע חכמים, וואָס טאַקי נור פון בלויס זיטצען אין די בתי-כנסיות, ובתי-מדרשות, זיך בעשעפטיגענד בלויס מיט די יודישע תורה, אָהנע שום אַנדערן יסוד, האָבען פער-שטאַנען די טיעפקייט פון די תורה און די גרויסע חכמה וועלכע איז אין איהר ענטהאַלטען, אָט מיט דעם כח פון די תורה האָבען זיי אַלעס קלאָר געלעגט און ענטוויקעלט די חכמה און וויסענשאַפט אויף אַלע געביעטען מיט וועלכען מאַ-טעריאַל די מאָדערנע ערפינדער, אָדער איהרע לעהרע, האָבען זיך בענוטצט, ניט וויסענדיג זעלבסט פון ווי עס שטאַממט, ווי מיר וועללען ווייטער ערקלעהרען.

וואָלטען די אומות העולם געוואוסט און פערשטאַנען די גרויסקייט פון אונזער תורה און איהרע פאָרשער, און אויך וואָס מיר, יודען, האָבען געטוהן פאַר די וועלט, וואָלטען זיי מיט אַנדערע אויגען אויף אונז געקוקט, מיט אויגען פון דאַנק-באַרקייט און ליעבע, אַכטונג און אַנערקענונג פאַר אַ קליין פאָלק וואָס האָט אַזוי פיעל אויפגעטוהן פאַר אַזאַ גרויסע וועלט, אַז ווי נור יודען זענען אָנגעקומען איז געוואָרען ליכטיג, דאָס ליכט דער ציוויליזאַטציאָן פון די יודישע תורה האָט באַלד בעלויכטען דאָס לאַנד וועלכעס האָט די יודען אויפגענומען, און האָבען מיט לייב און זעעלע זיך איבערגעגעבען צו אַר-בייטען פאַר'ן וואָהלזיין פון לאַנד.

און טראָצדעם וואָס, אַן און פאַר זיך, זענען יודען גע-וועזען גולים, נעים ונדים, וואַנדערער, פערטריעבענע, געיאָגטע,

און געפלאַנטע, זענען זיי אָבער פאַר'ן לאַנד פון זייער חיי־מאַט געוועזן אַ ברכה, און אין מאנכע לענדער אויך אַ קוועללע אַנצופּיללען לעדיגע קאַססעס...

קיין לאַנד אויף'ן ערדקוגעל קען אויפוויי'זען אַז אַ יודי־שע איינוואַנדערונג האָט דעם בעטרעפענדען לאַנד שאָדען גע־בראַכט, און אַז פריהער אָהנע יודען איז געוועזן בעססער.

די בעסטע פּרובע זעהען מיר דאָך אין שפּאַניען. אין די יודישע צייט האָט עס געבליהט, מאָראַליש, גייסטיג, מאַטער־יעלל און פינאַנציעל. על גפי מרומי קרת, געוועזן אַ מאַכט צווישען מאַכטע און געשפּיעלט אַ גרויסע ראָללע אין דער וועלט.

וואָס איז אָבער פון איהר געוואָרען נאָך'ן גירוש היהודים?

די יודען זענען טאַקי אַרויס געטריעבען געוואָרען נאַקעט און באָרפוס מיט'ן בלויסען מקל הנודד, מיט'ן וואַנדערשטאַב אין די האַנד, אָבער די ברכה פון לאַנד האָבען זיי אויך מיט גענומען. טראָצדעם וואָס זיי האָבען זייער גאַנץ גאָלד און זילבער איבער געלאָזען, האָט דאָך דאָס לאַנד מיט'ן גאַנצען רייכטום ניט געקענט שטייגען אָהנע יודען, נור איז געגאַנגען מטה מטה, האָט פערלוירען די בעסטע מאָראַלישע כחות און איז שפּעטער אויך פיזיש זעהר אָבגעשוואַכט געוואָרען, פער־לוירען אַלע מלחמות און איז איינגעשרומפּען געוואָרען צו אַ קליין לענדעל.

דיזעלבע גולי שפּניען זענען אַוועק אין אַנדערע לענ־דער וועלכע האָט זיי אויפגענומען מיט אָפּפענע אָרעמס און דאָרטהין האָבען זיי געבראַכט ברכה, הצלחה, לעהרע און ציוויליזאַציאָן צו די נייע היים וועלכע האָט זיי געגעבען אַ מקום מנוחה.

והא ראיה, אַז דאָרט אין יענע לענדער, ווי יודען זענען נאָך ניט איינגעוואַנדערט הערשט נאָך אַבסאָלוטע פינסטערניס און ווילדקייט, שקלאַפעריי און באַרבאַריזם.

ערשט שפּעטער, מיט פינף הונדערט יאָהר, האָט זי איינ־

געזעהען דעם גרויסען פעהלער וואָס זי איז בעגאַנגען געגען דעם יודישען פאָלק און אויך געגען זיך זעלבסט.

אָבער ליידער האָבען נאָך ניט אַללע אומות העולם גע־עפענט די אויגען צו זעהען אונז אין אונזערע אמת׳ע גע־שטאַלט און צו געבען אונז די אַנערקעננונג פאַר אונזערע גוטע לייסטונג צו די וועלט, ווייל די תורה איז איממער נאָך אַ ספר החתום פאַר זיי און אויך פאַר אַ גרויסען טייל פון אונ־זערע אייגענע יודען, וועלכע, בעוואונדערנדיג די גרויסע נסים ונפלאות פון די הייטיגע ציוויליזאַציאָן און מיינענדיג אַז אין אונזער תורה שטעהט בלויס עוה״ב לעהרע וועלכע, האָט זיי, נאָך זייער מיינונג, געלאָזען אין הינטערגרונד שטעהען, האָבען זיי אונזער תורה פערלאָסען אונד גענוממען שעפּפען לעהרע און קונסט פון אַנדערע קוועלען און אויך פּראָבירט זיך אויס־צייכנען דורך אַנדערע לעהרען און זוי אַרום געוואָרען מיט־העלפער צו פרעמדע קונסט.

דאָסזעלבע זאָגט אויך דער גרויסער דיכטער „שמוני נוטרה את הכרמים כרמי שלי לא נטרתי״ מאַנכע יודען זענען געוואָרען אויפפּאַסער פון אַנדערע וויינגערטען, אָבער אונזער אייגענעם וויינגאָרטען האָבען זיי פערנאַכלעסיגט.

אַזוי שרייבט אויך ר׳ מאיר אלדבי (1360) אין זיין ספר „שבילי אמונה״ זייטע 162. ועתה נמצאו קצת מחכמי זמננו נמשכין אחר חכמת פילוסופי אומות העולם ובידיהם יחזיקו, ובילדי נכרים יספיקו מדעתם כי מתוך חקירתם יכנסו לאמתת היסודות והניחו היסוד האמתי היא תורתנו הקדושה וכו׳. ואשר ראוי להאשים אשמה רבה הם קצת מבני עמנו אשר הניחו לימוד התורה אשר מתוכה נוכל להשיג כל החכמות אלו נהגו בם כמאמרם ז״ל „הפוך בה והפוך בה דכולא בה״.

מאַנכע געגענווערטיגע יודישע חכמים האַלטען זיך ביי די פילוסופיע פון די אומות העולם און האָבען פערלאָזען דעם ריכטיגען יסוד, די אמת׳ע קוועלע, ד. א. די תורה. דערמיט האָבען זיי בעגאַנגען אַ זעהר גרויסען חטא געגען די תורה

פון וועלכע מען קען אַלע חכמות ערלערנען, ווי דער תנא (אין אבות) זאָגט, „אַלעס געפינט זיך אין די תורה".

אויך ר' יצחק בער לעווינזאָהן (אין זרבבל זייטע 77) שרייבט בשם החכם הנוצרי הסופר שרעק בספר ד"ה שלו, „על ידי שנתפזרו עם ישראל בין הגוים אומות ע"ז, הכירו עם ישראל יותר ויותר איך הם מחויבים לתעב את אלילי הגוים ועבודתם, כי אז ראו בעינים פקוחות כי הבל המה, ומזה נצמחה ג"כ טובה רבה להאומות הללו עובדי אלילים שנתפזרו בהם בני ישראל, כי הכירו האומות הללו יותר ויותר את אמונת דת בני ישראל ואמתתה וכו'". מכל הדברים הללו והקדומים נראה גלוי שהידיעות השלמות והטובות ממוסר השכל, וחכמת המדות הרבות שאנחנו מוצאים היום מעתיקים מספרי קדמוני האומות כגון הבבליים, המצריים, הערביים, היונים וזולתן, כלם ממקור ישראל נובעים ומהם למדו וקבלו הסופרים הללו, והאומות הללו למדו אלה הלמודים היקרים מפי סופרי ישראל או מספריהם והעלימו מאין באו להם הלמודים הללו.

דער קריסטליכער שרייבער ה. שרעק שרייבט פאָלגענדעס „דורכדעם וואָס די יודען זענען צעשפּרייט געוואָרען צווישען די אומות העולם האָבען זיי ערשט ריכטיג בעגריפען און געזעהען מיט אייגענע אויגען די נאַרישקייט פון די געצענדינער און זייערע צערעמאָניען.

אויך פאַר די געצענדינער זעלבסט איז דאָס צערשפּרייטען יודען צווישען זיי אַ טובה אַרויס געקומען, ווייל דאַדורך האָבען זיי אַלס מעהר און מעהר דערזעהען דעם אמת פון דעם יודישען גלויבען א.ז.וו." פון דעם קענען מיר פערשטעהען אַז דאָס וואָס מיר זעהען היינט ספרים וואָס זענען איבערזעצט געוואָרען פון פאַרצייטיגע פעלקער; די בבליים, מצריים, אַראַבער, גריכען אד"ג וואָס האָבען פערפאַסט ספרים וועגען מענשליכקייט, זיטען און לעבענסשטייגער, שטאַמען אַלע פון די יודישע קוועלע און האָבען זיי געשריבען אויף זייערע אייגענע נעמען, אָהנע אָנצוגעבען די ריכטיגע קוועלע פון וועמען זיי האָבען עס געלערנט. והוא כותב הלאה (דף 66) ואין

לך חכמה ומדע בעולם שלא תמצא בתלמוד מוזכר כלאחר יד כשהביאם הענין לדבר באחת מהן, וכאשר נעיין בדבריהם הללו נמצא אותם שהין שלמים בהם, וכמו שכבר העידו על זה גם חכמי הנוצרים כגון החכם המלומד הגדול J. BUXDORF והחכם המלומד WOLF וכדומה. וזה לשונו בהקדמתו לספרי השרשים, ארמית ותלמודית JOHANN BUXDORF I, LEXIKON CHAL., TAL. ET RABINICUM בתלמוד נמצאים הרבה למודים בחכמת אלהות אשר עודם גם היום מהוללים ומשובחים, הגם שהלמודים הללו מעוטפים בהרבה כסתות כמו שאמר עליהם הרמב״ם במקום אחד. גם נמצא בתלמוד הרבה משיורי קדמוניות וזכרוניות דברים אמתים מקדמותם של היהודים וכו׳. התלמוד כולל גם הרבה למודים נפלאים מחכמת המשפטים, וחכמת הרפואה, וחכמת הטבע, וחכמת המדות והמוסר, וחכמת הנהגת המדינה, וחכמת הכוכבים וזולתן מהחכמות והמדעים.

עס איז גאר ניט פערהאנדען א חכמה אדער וויסענשאפט אויף דער וועלט וואס געפינט זיך ניט אין די גמרא בלויס פערבייגעהענדיג נור, ווען דאס ענין האט געפירט דאצו. אבער ווען מיר בעטראכטען גוט זייערע ווערטער זעהען מיר אז זיי האבען אלע חכמות געקענט דורך און דורך. דאסזעלבע זאגען אויף פיעלע קריסטליכע חכמים, ווי דער גרויסער געלעהרטער בוקסדארף, וואלף אד״ג.

בוקסדארף שרייבט אין די פאררעדע צו זיין בוך פאלגענדעס. אין תלמוד געפינען זיך פיעלע אבהאנדלונגען איבער געטליכע פילוסופיע וועלכע זענען נאך ביז צום היינטיגען טאג הויך געלויבט. הגם די דאזיגע מיינונגען זענען זעהר קורץ געפאסט אין אויסדרוק, ווי דער רמב״ם בעמערקט עס אין אן ארט. אין תלמוד געפינט מען אויך פיעלע וואונדערליכע לעהרען וועגען יוריספרודענץ, מעדיצין, פיזיק, עטהיק, פאליטיק, אסטראנאמיע אד״ג פון חכמות און וויסענשאפטען.

וכן כתב ר׳ דוד ניטו (כוזרי שני ויכוח רביעי אות כ׳) ואף כשהייתי מודה שהאחרונים השיגו בדורות האלו מה שהשיגו

חז״ל, הנה יש לחכמינו יתרון קדימת אלף ות״ק שנה בודאי שידעו מה שלא ידעו דורות האחרונים עד עכשיו.

איך בין טאַקי מודה אַז די שפּעטערדיגע חכמים ביז צו די היינטיגע צייט האָבען אויך אַרויסגעפונען אַלע זאַכען ווי אונזערע חכמים, אָבער דער פאַרצוג געהערט אונזערע חכמים וועל־כע האָבען די אַלע מאָדערנע זאַכען שוין געוואוסט 1500 יאָהר פריהער וואָס די שפּעטערדיגע חכמים האָבען ערשט יעצט ער־פאַהרען.

ור׳ מאיר אלדבי (שבילי אמונה ד׳ 161) כותב, וראוי להודיע קצת ממעלת רז״ל. כדי שלא יתפשו בדעת העוסקים בחכמת פילוסופי האומות ויאמרו אין תלמידי חכמים בקיאין במעשה ידינו, לדידהו קרו, לדידהו תנו, לכן ראוי להודיעם כי כל החכמות הנמצאות ביד חכמי האומות הם לקט ופיאה שהניחו להם חכמינו כדי שיסמכו עלי׳הם, אבל לא שכחו.

גרסינן בסוכה פרק הישן, שמונים תלמידים היה לו להלל הזקן, גדול שבכולן יונתן בן עוזיאל, קטן שבכולן ר׳ יוחנן בן זכאי, אמרו עליו על ר׳ יוחנן בן זכאי שלא הניח מקרא משנה וכו׳. וכי מאחר שקטן שבכולן כך, גדול שבכלם עאכו״כ, הנה התבוננו שכל החכמות כלולות בתלמוד ולא יחסר כל בו והחכם שבפילוסופי האומות לא יוכל להשיג אלה.

כדי די יעניגע וואָס זענען נור עוסק אין פילוסופיע פון די חכמי האומות זאָלען נישט מיינען אַז אונזערע חכמי התלמוד האָבען ניט געוואוסט אָדער ניט פערשטאַנען קיינע חכמה, קיינע פילוסופיע און קיינע וויסענשאַפט, נור בלויס דינים און הלכות וועלכע בעלאַנגען צו יודען אליין האָבען זיי געוואוסט, און דאַדורך האָבען זיי די וועלט גאָר ניט געגעבען, קענען מיר זיי זאָגען אַז אַלע חכמות וואָס די חכמי האומות בעזי־צען זענען נור שטיקלעך און ברעקלעך וואָס אונזערע חכמים האָבען איבערגעלאָזט פאַר זיי. די גמ׳ (אין סוכה) ערצעהלט אַז הלל הזקן האָט געהאַט 80 תלמידים, פון וועלכע דער גרעס־טער איז געוועזען יונתן בן עוזיאל און דער קלענסטער איז

געוועזען ר׳ יוחנן בן זכאי וועגען וועלכען עס איז ערצעהלט געוואָרען אַז ער האָט אַלעס געלערנט, אַלעס געוואוסט און אַלעס געקענט. נון אויב דער ר׳ יוחנן וואָס האָט אַלעס גע־קענט איז געוועזען דער קלענסטער. קענען מיר זיך מאַכען אַ בעגריף וואָס דער גרעסטער תלמיד האָט געוואוסט. זוי אַרום קענען זיי פערשטעהען אַז אַלע חכמות זענען ענטהאַלטען אים תלמוד.

אַזוי שרייבט אויך הרב יש״ר מקנדיא (מצרף לחכמה פ״ד) יראה מזה שהיודע סתרי התורה ובקי בם יוכל לפעול כל דבר הצריך. א״כ אין להפלא מפעולות הנביאים, שכ״ו השיגו באמצעית התורה וידיעתם בה יותר משאר האנשים מצד השפע הנבואי. וכן חכמי ישראל היו פועלים דברים נוראים מצד השגתם בעיון התורה מה שא״א זה לשאר חכמי האומות. ולזה היטיב אונקלוס הגר באמרו לקיסר „אפי׳ חכם שבמלכותך וזקן בן מאה שנה אינו יכול ללמוד תורתן אם אינו מל״, שנאמר, מגיד דבריו ליעקב (שמות רבה פ״ל)

פון דעם ענטנעהמען אַז דער וואָס פערשטעהט און איז אַ בקי אין די סודות פון די תורה קען דורך זיי אויפטוהן גרויסע זאַכען און וואונדער, און דאָס איז אויך געוועזען דער כח פון די נביאים און די שפעטערדיקע חכמי ישראל וועלכע האָבען געוויזען וואונדער מיט׳ן כח התורה וואָס זיי האָבען עררייכט דורך זייער שטענדיגעס לערנען און מיהען זיך אין איהר. דעריבער איז עס אונמעגליך געוועזען פאַר די חכמי האומות. ווי אונקולס הגר האָט געזאָגט צו אדריינוס המלך, אפי׳ דער גרעסטער חכם אין דיין קעניגרייך זאָל אפי׳ לער־נען תורה הונדערט יאָהר וועט ער אויך ניט פערשטעהען די תורה אויב ער זאָל ניט זיין גע־מל—ט.

וכן הוא כותב הלאה (פ״ד) בשם החכם הפילוסוף כמה״רר אברהם שלום בעל ספר נוה שלום, במאמר ה׳ פ״ה, וז״ל. וכמו שיפעל הרופא הבקי בסמים מיוחדים בעת מה בגוף הצריך אליהם, להיותו יודע איכות הסמים וסגולתם, כן חדרי התורה מלאים כל טוב וכו׳ א״כ כל החכמות וסודותיהם נמסרו מפה

לפה ונרמזו בתורה, והיודע החכמות באופן זה מתורתנו יודע בשלמות ובאמתות, ומה שהוצרך הפילוסוף להתיגע להשיגו, השיגו חכמי התלמוד במעט זמן ובלי טורח.

דער גרויסער פילוסוף ר׳ אברהם שלום זאָגט. אַזוי ווי אַ גוטער דאָקטאָר וועלכער קען די מעדיצין דורך און דורך, קען זיין אַ גרויסע היקף צו אַ קראַנקען קערפער אַזוי איז אויך די תורה פול מיט גוטעס פאַר די מענשהייט וכו׳. אַלע חכמות און סודות זענען נור בלויס אָנגעדייטעד אין די תורה היינגעגען די ערקלערונגען זענען מינדליך איבערליפערט געוואָרען. און דער וואָס פערשטעהט די חכמת התורה דער פערשטעהט זי גרינדליך. דעריבער, די זאַך וועלכע נעמט דעם פילוסוף אַ לאַנגע צייט צו ערפאָרשען, האָבען די חכמי התלמוד ערררייכט אין אַ קורצע צייט און אָהנע מיהע.

ווי דער מדרש (בראשית רבה פ״כ) ערצעהלט, פילוסופוס אחד ביקש לידע לכמה הנחש מוליד, כיון שראה אותן מתעסקין זע״ז נטלן ונתנן בחבית, והיה נתיגע בהם ז׳ שנים, מספיק להם מזונות עד שילדו.

כיון שעלו הזקנים לרומי שאלו את ר״ג לכמה הנחש מוליד, ולא יכול להשיבן, ונתכרכמו פניו. פגע בו ר׳ יהושע ופניו חולנית, א״ל למה פניך חולנית? א״ל שאלה אחת נשאלתי ולא יכולתי להשיבה, א״ל מה היא? א״ל לכמה הנחש מוליד? א״ל לז׳ שנים וכו׳. כמפני רמשא סליק ואמר ליה. התחיל מטיח ראשו לכותל ואמר, כל מה שעמלתי שבע שנים, בא זה והושיטה לי בקנה אחד.

אַ פילוסוף האָט אַמאָל געוואָלט וויסען ווי לאַנג עס דויערט אַ שלאַנג צו געבוירען. האָט ער צוזאַמענגעפאַרט צוויי שלאַנגען און זיך אָנגעמאַטערט מיט זיי גאַנצע 7 יאָהר ביז זיי האָבען געבוירען. ווען די זקנים זענען געווען אין רוים האָבען זיי געפרעגט ר׳ גמליאל׳ן האָט ער ניט געוואוסט און איז דעריבער פערשעהמט געוואָרען. ווען ר׳ יהושע האָט איהם בעגעגענט און געזעהען אַז ער זעהט שלעכט אויס, האָט ער איהם געפרעגט די אורזאַך דאַפון. ערצעהלט איהם ר׳ גמליאל,

אַז ער איז פערשעהמט געוואָרען נישט צו קענען אַנטוואָרטען ווי לאַנג עס דויערט אַ שלאַנג צו געבוירען. זאָגט ר׳ יהושע עס דויערט 7 יאָהר. איז ר׳ גמליאל אין אָבענד צייט געגאַנגען און דעם פילוזוף גזאָגט ר׳ יהושע׳ס אַנטוואָרט. האָט דער פילוסוף זיך געשלאָגען קאָפּ אין די וואַנד זאָגענדיג דאַביי: „מיר האָט גענומען 7 יאָהר זיך אָנצומאַטערן און דאָ קומט ער און דערלאַנגט עס מיר אין איין אָטהעם״.

פון די אַלע אויפגעפיהרטע בעווייזע קענען מיר דייטליך זעהען אַז די חכמי התלמוד זענען געוועזען די ערשטע וועלכע האָבען ערפאָרשט אַלע חכמות, והא ראיה אַז די יצניגע חכמות וועלכע זיי האָבען ניט ערקלעהרט זענען טאַקי געבליבען אַ חידה ביז היינטע. ווי הרב יש״ר מקנדיא שרייבט (מצרף לחכמה פ״ה) וגם חכמי הפילוסופי אינם יכולים ליתן טעם לסגולות הנגלים בעשבים ואבנים, כאבן השואבת הברזל, ואבן המושכת השער שאם ישימוה על שער הראש יגלחם כתער, ואם ישימוהו על ראש מוקרח יצמח לו שער מהרה. והברזל ישוטט על פני המים ולא ינוח עד שיהו פניו אל פני הצפון. היש מגיד טעם בזה בכל חכמיהם? אפי׳ די גרויסע חכמים וויסען אויך ניט די אורזאַכע פון די אייגענשאַפטען פון מאַנכע גראָזען און שטיינער, וואָרום דער מאַגנעט ציהט צו אייזען, אָדער דער שטיין וואָס גאָלט אָב די האָר, און אַהאָרלויזען קאָפּ מאַכט ער וואַקסען די האָר. אָדער וואָרום אַ סאָרט אייזען שווימט אויף׳ן וואַסער און זינקט ניט ביז די אויבערפלעכע איז גע־ריכטעט צו די צפון זייט. קען איינער פון זייערע חכמים ער־קלעהרען דעם טעם דערפון?

דאָס בעווייזט נאָך אַמאָל אַז די חכמי התלמוד זענען געוועזען בקי אין אַלע חכמות. און מיט רעכט פערדיענען זיי דעם נאָמען חכמים, אַ דאַנק אונזער תורה, און נור אונזער תורה וועלכע האָט אויסגעבילדעט זאָלכע גרויסע און וואונדער־ליכע מענשען וועלכע שטעהען לנס עמים עד היום הזה.

און דאָס איז אונזער ציעל וואָס מיר האָבען זיך געשטעלט מיט דיעזען בוך צו בעווייזען 1) פאַר מאַנכע פון אונזערע

אייגענע יודען בפרט וואָס אונזער תורה איז, וואָס זי ענטהאַלט און ווער עס זענען געוועזען איהרע לעהרער און פאָרשער. (11 און פאַר די וועלט בכלל, ווער עס האָט די אַלע מאָדערנע ערפינדונגען ערפונדען אָדער ווענינגסטענס דעם גרונדשטיין דאַצו געלעגט. וואָס מיר יודען זענען און וואָס מיר האָבען אויפגעטוהן פאַר'ן פראָגרעס פון די וועלט.

און אויב דיעזע אָבהאַנדלונג און ערלייטערונג וועלען העלפען צו העבען דעם כבוד פון אונזער תורה און אויך דעם מצב הישראלי ווי דאָס יודען וועלען קריגען די אַנערקענונג פאַר די גרויסע לייסטונג צו די וועלט, וועט דאָס זיין אונזער גרעסטער שכר פאַר אונזערע לאַנגיאָהריגע אַרבייט.

הולל. יום ג׳ ו׳ לחדש אלול, בשנת תרצ״ב לפ״ק
September 5-th 1932

דער פערפאַסער.

הפך בה והפך בה דכלא בה. אבות פ״ה

# איינל״טונג.

אין די לעצטע הונדערט יאָהר זענען ערשינען זוי פיעל נייע, גרויסע און וואונדערפאָלע ערפינדונגען, ווי; טעלעגראף, טעלעפאָן, פאָנאָגראף, וויירלעס, עראָפלאַנען, לופטשיף א.ז.וו. וועלכע די גרויסע ציוויליזאציאָן, בילדונג און קונסט האָבען ארויס געבראַכט אויף דער וועלט. און מיר שטעהען און קוקען אויף די אַלע קינסטליכע נייעסען און ערפינדונגען פערוואונדערט און שטוינענד, זיך פרעגענדיג „ווי אזוי האָבען אונזערע אור–אור–עלטערן געלעבט אויף דער וועלט״? וואָס פיר אַ סאָרט לעבענסשטייגער האָבען זיי געפיהרט? וואָס פיר אַ בליק האָבען זיי געהאַט אויף די וועלט?״ בעזאָנדערס די גרינדער פון די גמרא, די גרויסע פיהרער און לעהרער וואָס ווערען אָנגערופען „חכמי התלמוד״ ווי האָט זייער לעבען אויסגעזעהען? און מיט וואָס האָבען זיי זיך אויסגעצייכענט געקרוינט צו ווערען מיט׳ן נאָמען חכמים?

אָט די אַלע פראַגען וועלען דאָ ערקלערט ווערען, און אויך בעהאַנדלען אַלע פערצייטיגע און מאָדערנע ערפינדונגען וואָס זענען ערשיענען אין די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר ביז אויף די געגענוואַרט, און מיר וועלען בעווייזען אַז אַלעס האָבען אונזערע חכמי התלמוד געוואוסט, און אַז אַלע חכמות שטאַמען פון זיי.

פון אַ לאָגישען שטאַנדפּונקט אַליין מוזען מיר מודה זיין אַז די חכמי התלמוד פערדיענען דעם נאָמען חכמים. זיי האָבען אין די גמ׳ עירובין אָבגעזאָגט אַ כלל „אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם, ואם הראשונים כבני אדם אנו כחמורים״. ד. ה. אויב זיי, די חכמי התלמוד ווערען פון אונז בעטראַכט אַלס חכמים, איז עס אַ סימן אַז מיר בעזיצען וועניגסטענס שכל צו פערשטעהען ווער עס איז אַ חכם. אויב אָבער מיר בעטראַכטען די חכמי התלמוד בלויס אַלס מענשען, אָה, דאַמאַלס זענען מיר דאָך אַפילו קיין איינפאַכע מענשען אויך נישט, נור טאַקי חמורים וועלכע קענען אַפילו ניט פערשטעהען די חכמה און קונסט, די בילדונג און ציוויליזאַציאָן פון די גרויסע חכמי התלמוד.

געבען מיר אָבער אַ בליק צוריק אויף די פערגאַנגענהייט מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק, די צייט פון די חכמי התלמוד, ווען זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו פאָרשען און אויסטייטשען די תורה, וועלען מיר זעהען דייטליך אַז עס איז ניט דאָ אַן איינציגע ערפינדונג, חכמה און קונסט אין די גאַנצע וועלט, דורך די גאַנצע צוויי טויזענד יאָהר, וואָס שטעהט ניט בפירוש אין די גמרא, אָדער וועניגסטענס דער אורשפּרונג ביי די חכמי התלמוד צו געפינען איז, צ.ב.ש.: פיזיק, מוזיק, אַסטראָנאָמי, אַסטראָלאָדזשי, געאָגראַפיע, באָטאַניק, געאָמעטריע, אַלחימיע, נאַטורוויסענשאַפט, פיזיאָנאָמיע, האַנדאַרבייט, אַגריקולטור, זאָלאָגיע, פילאָלאָגיע, און מעדיצין וואָס בעשטעהט נאָך פון פאָלגענדע צווייגען, צ.ב.ש.; אַנאַטאָמיע, היסטאָלאָדזשי, און עמבריאָלאָדזשי, פיזיאָלאָדזשי, פּאַטאָלאָדזשי, באַקטריאָלאָדזשי דיאַגנאָזאַ, חירורגיע, היגיענאַ, טערפּיוטיקאַ, אַ.ז.וו. און נאָך פיעל אַנדערע אינטערעסאַנטע נייעסטע און מאָדערנע ערפינדונגען און ענטדעקונגען וואָס וועלען דאָ אין אַ ריינעם פערשטענדליכען יודיש ערקלעהרט ווערען.

אַט די אַלע זאַכען פינדען זיך דייטליך אין די גמרא וואָס האָט אָנגעפאַנגען צו ערשיינען מיט צוויי טויזענד יאָהר

צוריק, ווערענד די געשיכטע פון אלע ערפינדונגען און חכמות געהט ניט ווייטער ווי העכסטענס צוויי טויזענד יאָהר.

מוזען מיר דעריבער קומען צום שלוס, אז די אלע היינטיגע ערפינדונגען, אויב זיי האָבען יאָ שוין אמאָהל עקזיסטירט, מוזען זיי דאָך דאַמאָלס ערפונדען געוואָרדען זיין, און היינט זענען זיי נור ענטדעקט געוואָרען. און ערפונדען מוזען זיי נור זיין געוואָרען ביי די חכמי התלמוד דורך די סודות התורה וואָס איז געווען דאָס ערשטע ספר החיים, החכמה והדת, וועלכעס אפילו די חכמי אומות העולם זענען מודה.

הקב״ה האָט געגעבען די תורה פאַר דעם מענשען׳ס טובה כדי צו וויסען ווי צו לעבען אויף די וועלט, כדכתיב „וחי בהם״ דורך די תורה וועסט דו וויסען ווי צו לעבען.

אזוי ערקלעהרט אויך דער מדרש תנחומא אין פ׳ שמיני ח׳ און דער רמב״ם אין מורה נבוכים פכ״ו און פמ״ח ח״ג „וכי מה איכפת ליי׳ להקב״ה בין מי שהוא שוחט מן הצואר לשוחט מן העורף? אלא לא נתנו המצות אלא לצרף בהן את הבריות״. וואָס קימערט עס גאָט אויב מען שעכט פון האלז אָדער פון נאַקען?

נור דאָס ווייזט אונס, אז ווען מען שעכט פון האלז איז מען מקיים א מצוה וואָס גאָט האָט געהייסען, כדי דאָס גאַנצע בלוט זאָל ארויס און דער מענש זאָל ניט אריין נעהמען אין זיך דעם אינסטינקט פון די בהמה דורך דעם בלוט. דאָס בעווייזט אז די מצות זענען געגעבען געוואָרען כדי דעם מענש אויסצופוצעלען און צו לעבען ווי א מענש. און אזוי איז עס מיט אלע מצות. אָבער אָהנע תורה וואָלט קיין זאך מעגליך געוועזען, קיין נייע זאך וואָלט ניט געשאַפען געוואָרען, ממילא וואָלט דאָך די וועלט ניט געקענט עקזיסטירען. ד. ה. עס וואָלט געוועזען א בהמה־דיג לעבען פון בלויס עססען און טרינקען.

אז אין די תורה קען מען געפינען אלע זאַכען, אפילו אזאָלכע וואָס געהערען ניט צום לעבען, קען מען זעהען פון פאָלגענדע שטעללען און בעווייזע.

דער גאון, אין זיין פירוש אויף „תקונים״ זאָגט, כל

החכמות נצרכים לתורתנו הקדושה וכלולים בה, אלע חכמות גע־פינען זיך אין די תורה. אויך דער תנא אין אבות פ"ה זאָגט „הפך בה והפך בה דכלא בה, דליכא מידי דלא רמיזא באורייתא, עס איז קיין זאַך ניט דאָ אין דער וועלט, וואָס שטעהט ניט אין די תורה. נור אַזוי ווי די תורה איז זעהר קורץ געפּאַסט, מיט בלויס רמזים אין סודות, ווייל אויב אַלעס וואָלט געווע־זען געשריעבען דייטליך אין די תורה, וואָלט עס געווען, ניט 5 חומשים, נור טאַקי 5 מיליאָן ספרים. אין קורץ, הקב"ה וואָלט משה'ן געמוזט האָבען געגעבען אַ גאַנץ גרויסע ביבליאָ־טהעק. דען די גאַנצע 4000 יאָהר זייט מיר האָבען ערהאַלטען די תורה, האַלט מען אַלס אין איין שרייבען ספרים און ער־קלעהרונגען צו די תורה. און עס איז אַלס נאָך ניט גענוג ער־קלעהרט. דעריבער מוז מען טאַקי שטודירען, לערנען, פאָר־שען און אַרבייטען שווער כדי די' תורה צו פערשטעהען

און ווען מען פערשטעהט די תורה גרינדליך, דאַמאָלס קען מען ערשט קלאָר זעהען אַז אַלעס געפינט זיך אין די תורה, און דאָס זענען טאַקי געוועזען אונזערע חכמי התלמוד.

אויף אַ פראַגע ווי זיין נאָמען שטעהט אין די תורה, האָט דער רמב"ם געענטפערט — אין פ' בא — „למען רבות מופתי בארץ מצרים, ר"ת רמב"ם. און ווי עס איז בעוואוסט, איז דער רמב"ם טאַקי געוועזען אין מצרים.

דער רמב"ן האָט געוויזען זיין נאָמען אין מלאכי א', ורבים השיב מעון, ס"ת משה בן נחמן.

ר' מרדכי יפה בעל הלבושים האָט געוויעזען זיין נאָמען אין תהלים, מה רבו מעשיך י', ר"ת מורנו ר' מרדכי יפה.

דעם אלשיך'ס נאָמען איז אין פ' בא „גם האיש משה גדול מאד איז ר"ת, משה אלשיך דרשן.

דעם גאון'ס נאָמען איז אין פ' תצא „אבן שלמה" ר"ת אליהו בן שלמה.

אין זיין פירוש צום „ספרא דצניעותא" פ"ה, זאָגט ער, „והכלל כי כל מה שהיה הוה ויהיה עד עולם הכל כלול בתורה מבראשית עד לעיני כל ישראל וכו', וכן הוא בכל אדם ואדם

לבד" דער כלל איז, אז אלעס וואס איז שוין געוועזען, איז יעצט און וועט זיין, ביז צו ענדע פון די וועלט, אלעס, אלעס איז אין די תורה ענטהאלטען פון בראשית ביז לעיני כל ישראל דאס זעלבע איז אויך מיט יעדען מענש בעזאנדער.

אויך ביאת המשיח וויל דער גאון בעווייזען פון די תורה. אין זעלבען פירוש לספרא דצניעותא פ"ה זאגט ער „ודע שכל אלו הימים הן רמז לששת אלפים שנה שהן ו' ימים. כמ"ש לעיל פ"א, שיתא אלפין שנין תליין בשיתא קדמאי וכו' ומכאן תדע קץ הגאולה שהוא בעתה ח"ו שלא יהיו זכאין, שהוא קץ האחרון, ומשביע אני את הקורא בד' אלקי ישראל שלא יגלה זה. די זעקס טעג פון בריאת העולם זענען א רמז אויף די זעקס טויזענד יאהר פון די וועלט'ס עקזיסטענץ א.ז.וו. און ווען דו וועסט פערשטעהען צו פערגלייכען די זעקס טעג פון די וועלט ערשאפונג מיט די זעקס טויזענד יאהריגע עקסיסטענץ, דאמאלס וועסט דו וויסען ווען משיח וועט קומען.

דער שם הגדולים, אות ה', ערצעהלט, אז דעם דאמאלס-דיגען קראקאווער רב, ר' נתן שפירא, האט מען געפרעגט פאר זיין פטירה, ווער עס זאל זיין דער ממלא מקום זיינער, האט ער געענטפערט „הנני עומד שם לפניך" איז ר"ת העשל, על הצור, און בגימטריא „קראקא". און דער זעלבער ר' העשל איז טאקי געווארען קראקאווער רב. אויף וועמען דער שם הגדולים ערצעהלט אז דער של"ה איז ערשיענען צו איינעם אין חלום און מזהיר געוועזען אז מען זאל דעם ר' העשל זעהר מכבד זיין ווייל ער האט די נשמה פון ר"ת.

דער רמב"ן, ווי בעוואוסט, האט געהאט גרויסע ויכוחים מיט גלחים, דורך משומדים וואס האבען דערצו גורם געוועזען. איינער פון די משומדים, איז געוועזען דעם רמבן'ס א תלמיד מיט'ן נאמען אבנר, און ווען דער רמב"ן האט זיי אלע מנצח געוועזען — עיין בספר שבט יהודה לבן ווירגא, ובהקדמת ר' יוסף אלבו לספרו העקרים — איז זיין תלמיד, וועלכער האט זיך נאכהער גע-שמד-ט און געווארען א גלח, געווארען א גרויסער שונא צו זיין געוועזענעם רבי און איהם, דורך'ן קעניג'ס

בעפעהל אַרויס געדופען צו אַ ויכוח, וועלכען ער האָט גליין אָנגעפאַנגען בזה"ל „ווען איך בין געוועזען אַ יוד, האָט דער דאָזיגער רב וועלכער זיצט דאָ און וועלכער איז געוועזען מיין רבי, מיר געזאָגט אַז אין פ' האזינו זענען מרומז (אָנגעדייטעט) אַלע זאַכען וואָס זענען געוועזען, וואָס זענען יעצט און וואָס וועלען זיין אויף דער וועלט — עיין רמב"ן על התורה סוף פ' האזינו — זאָל דערזעלבער רב עס אָבלייקענען יעצט.

דאַרויף האָט דער רמב"ן געענטפערט „יאָ, איך האַלט מיך אַלס נאָך ביי דער זעלבער מיינונג.

אויב אַזוי — זאָגט דער משומד אבנר — טאָ ווייזט מיר מיין נאָמען „אבנר" ווי שטעהט אין פ' האזינו?

יאָ, זאָגט דער רמב"ן, עס איז מרומז אין פסוק „ אמרתי אפאיהם אשביתה מאנוש זכרם, יעדעס דריטטע אות פון יע־דען וואָרט, און דאָס הייסט „רשע אבנר".

איז דער משומד געבליעבען אבל וחפוי ראש. שפּעטער איז ער אין געהיים אַריין געגאַנגען צום רמב"ן פרעגען איהם אויב עס איז נאָך דאָ עפּעס אַ תשובה פאַר איהם.

האָט דער רמב"ן איהם צוריקגעוויעזען. האָט דער משומד געפרעגט, אויב דאָס איז אויך מרומז אין פ' האזינו? אַפילו דיין סוף — האָט דער רמב"ן געענטפערט — איז אויך מרומז אין'ם זעלבען פסוק „אשביתה מאנוש זכרם" זייער נאָמען וועט ווערען אויסגעמעקט פון דער וועלט, אַט דאָס וועט דיין סוף זיין. און אַזוי איז טאַקי געוועזען, ער האָט זיך דאָס לעבען גענומען דורך ערטרינקען.

אביי ווערט אין די גמרא אָנגערופען „נחמני". (רשב"ם פסחים קי"ב. והר"ן בנדרים נ"ד, דנחמני היינו אביי, וקרו ליה הכי משום שנתגדל בבית רבה בר נחמני וויל זייענדיג אַ יתום איז ער ערצויגען געוואָרען אין'ם הויז פון רבה בר נחמני, (קדושין ל"א.) זיין נאָמען איז אין הושע י"ד, אשר בך ירחם יתום ר"ת אביי דער יתום.

עכן (ווי עס ווערט ערצעהלט אין יהושע קפּיטל ו' איז פערשטיינט געוואָרדען פאַר עובר זיין אויפ'ן חרם. עכן אין זיין סוף איז מרומז אין סוף קהלת כי האלקים יבא במשפט

על כל נעלם, ר"ת עכן. ד. ה. אז עכן וועט גע-משפט ווע-רען.

שוין די חכמי התלמוד האָבען געוויזען יעדע זאַך אָנ-געדייטעד אין די תורה אין חולין ד' קל"ט, פרעגט די גמ', משה מן התורה מנין? בשגם הוא בשר והיו ימיו מאה ועשרים שנה, בשגם בעטרעפט אין צאל משה, והיו ימיו ער וועט לע-בען מאה ועשרים שנה. (בראשית)

המן מן התורה מנין? המן העץ, המן וועט הענגען אויף'ן בוים (בראשית) אסתר מן התורה מנין? ואנכי הסתר אסתיר. אסתר אין דאָס זעלבע ווי אסתיר, פערבערגען. (האזינו.)

מרדכי מה"ת מנין? מר דרור, איבערזעצט דער תרגום, מירא דכיא, בײנאה דאָס זעלבע ווי מרדכי. (כי תשא.)

אַט אַזוי האָבען די חכמי התלמוד געאַרבייט אין די תורה יומם ולילה צו געפינגען אַללעס אין די תורה. און דאָס זאָגט דער תנא אין אבות פ"ו, התורה נקנית וכו' המכיר את מקומו, דער וואָס ערקענט זיין פלאַטץ, זיין נאָמען זיינע מעשים אין די תורה, דער קען זאָגען אַז ער האָט זיך ערוואָרבען די תורה.

די חכמי התלמוד האָבען זיך בעשעפטיגט מיט חכמות און ערפינדונגען, ניט פאַר'ן נוטצען פון עוה"ז. נור זוי וויט ווי עס האָט בעריהרט די רעליגיעזע זייט פון די חכמה אָדער ערפינדונג, צ. ב. ש. צו וויסען דאַדורך די הלכה פון כשר און טרפה. טמא און טהור, אסור און מותר, למשל: אַסטראָנאָמיע, פאַר קדוש החדש כדי צו וויסען ווען צו מאַכען פסח. אַנאַ-טאָמיע, צו פערשטעהען וועלכעס איז כשר און וועלכעס איז טרפה (ווי נקור, טרייבערן פלייש) און בריאות הגוף. געאָמעט-ריע, (מספר, תשבורת, ואלגעבראַ) צו פערשטעהען ווי צו מעס-טען תחומין פאַר שבת, און שטעדט פאַר אַן עגלה ערופה, אצטגנינות, צו פערשטעהען כשוף, וועלכעס די סנהדרין אין בית המקדש האָבען געמוזט קענען ביים אויספאָרשען עדות אויב זיי זאָגען דעם אמת. (סנהדרין ד' יז)

נאַטורוויסענשאַפט און מעדיצין, צו פערשטעהען, און צו

קענען אונטערשיידען צווישען א קלאפ און א טויטקלאפ ווען צוויי מענשען האבען זיך געשלאגען, און אויך צו קענען אונטערשיידען צווישען די קאליערען פון בלוט.

באטאניק (חכמת הצמחים והזרעים. BOTANY) צו פערשטעהען דעם דין פון כלאים און צווייען (הרכבה)

אלחימיאה, צו וויסען די מעטאלען און עדעלשטיינער פאר'ן משכן און פאר דעם כהן'ס קליידער.

חכמת המוזיק, צו וויסען די פסקי הטעמים (טראפ) אין די תורה, און די געזענגע פון די לוים אין ביהמ"ק.

דאסזעלבע זאגט אויך דער כוזר, מאמר ד' סי' כ"ט. ולא התעסקו בו אלא לענין התורה, כי לא ישלם בירור הליכות הירח והתחלפות הליכתו לברר עת התחברו עם השמש והוא המולד ועת הסתרו קודם המולד ואחריו, אלא דבריהם בדרך המקרה, לא בכונה ללמד החכמה ההיא פליאות ותמיהות. ומה יחשוב לבך שהיה לחכמיהם מן הספרים בחכמה עצמה. זייער בעשעפטיגונג מיט חכמות איז נור געווען אין תורת אנגעלעגענהייטען, ווייל עס וואלט אונמעגליך געווען צו פערשטעהען דעם גאנג פון די לבנה, זון און מולד וועלכעס איז אזוי נעטהיג צו די תורה.

זייער גאנצע ארבייט אין חכמות איז נור געווען פערבייגעהענדיג, פער צופאלל, אבער ניט דירעקט געמיינט צו לערנען די וואונדער און קונסט פון די חכמה. דעריבער האבען זיי ניט געשריעבען קיינע ספעציעלע ספרי חכמה. ווייטער זאגט דער כוזרי דארטען. ואשר נגרר בספרי הגמ' מהחכמות ההם נשמר בעבור רוב ידיעותיהם בה' שחיטה וטרפות. און דאס וואס מען געפינט מאגכע חכמות ערמאנט אין די גמ', איז נור אריינגעשטעלט געווארדען צו ווייזען זייערע גרויסע קענטניסע אין שחיטות וטרפות.

אויך דער רמב"ם אין מורה נבוכים ח"י פרק ע"א זאגט, וז"ל; ולא תמצא מהם אלא הערות קטנות ורמיזות באו בתלמוד ובמדרשים והן גרגרי לב מעטים ועליהם קליפות רבות. עתה התעסקו בני אדם כלם בקליפות ההם וחשבו שאין תחתיו לב בשום פנים.

פון די חכמי התלמוד׳ס חכמות פינדען מיר נור בלויס קליינע בעמערקונגען אין די גמ׳ אין מדרשים. דיזע זענען די קערי־נער, וועלכע זענען זעהר קליין, נור זענען איבערגעדעקט מיט פיעלע, פיעלע שאלעכץ, אין אזוי ווי היינטיגע צייט קענען די מענשען ניט אזוי לייכט פינדען די קערנער, בעשעפטיגען זיי זיך מיט די בלויסע שאלעכץ, מיינענדיג אז עס איז גאר קיינע קערנער ניט דא, אונטער די דיקע שאלעכץ.

דאס זעלבע זאגט אויך דער ספר הברית מאמר כ׳ ח״א פ״לב, כי בתורה מרומזים כל הדברים וכל החכמות שבעולם, אפי׳ חכמת הרפואה ותכסיסי מלחמה, ודרך ארץ, למשל: לרפואה, כתבו כל חכמי הרפואה שטוב לאדם לעמול א״ע באיזה מלאכה קודם אכילתו, וזה מרומז בתורה, בזעת אפיך תאכל לחם. (בראשית)

וכן כתבו הרופאים, שהיין והיין — שרף קשים לעינים, וזה מרומז בתורה, חכלילי עינים מיין, (ויחי)

גענעראל רוסי, חכם גדול בתכסיסי מלחמה אמר די „דע שכל חכמת תכסיסי מלחמה אנו למדים ממסע הדגלים במדבר הכתוב בתורת משה״.

אין די תורה זענען אנגעדייטעד אלע חכמות אויף דער וועלט. אפי׳ מעדיצין, מלחמה קונסט, זיטען און מדות טובות: צ.ב.ש. אלע מעדיצינערס שרייבען, דאס איידער א מענש געהט עסען איז זעהר גוט אז ער זאל טוהן א ביסעל ארבייט, עק־סערסייז, און דאס שטעהט בפירוש אין די תורה. מיט׳ן שווייס פון דיין פנים, (ד. ה. ווען דו ועסט שוויטצען, דאמאלס) תאכל לחם, וועסט דו קענען עסען.

אויך שרייבען זיי, אז ויין און בראנפען מאכט שלעכטע אויגען. דאס שטעהט אויך אין די תורה „די אויגען וועלען זיין רויט פון וויין״.

א רוסישער גענעראל, א גרויסער קריעגספיהרער, האט מיר געזאגט „מיין ליעבער פריינד; די גאנצע קריעגסקונסט האבען מיר געלערנט פון די וואנדערונגען פון די יודען אין די

מדבר. און זייערע איינטיילונגען נאָך זייערע פּעהנער וואָס די תורה ערצעהלט".

די גמ' (הוריות דף י') ערצעהלט. ר' יוחנן בן גודגדא ור' אליעזר בן חסמא שיודעין לשער כמה טפות יש בים ואין להם לחם לאכול ובגד ללבוש.

ר' יוחנן און ר' אליעזר האָבען אפי' געוואוסט ווי אַזוי אויסצומעסטען דעם ים, און דאָך האָבען זיי ניט געהאַט קיין ברויט און קיין קלייד, ווייל זיי האָבען די חכמה ניט בעּ-נוצט פאַר פּרנסה אָדער פערגניגען, נור בלויס פאַר די תורה האָבען זיי די חכמה בענוצט כדי צו וויסען די הלכה און ווי צו פערשטעהן די תורה.

און ווי מיר זעהען, זענען זיי דאָך געוועזען גרויסע חכמים און בקיאים אין די הלכה וועלכע האָט געפאָדערט אַז די בעלי הלכה זאָלען אויך זיין בקיאים אין חכמות כדי פעסטצושטעלען די הלכה ווי די גמ' זאָגט פיעל מאָל „הלכה כשמואל בדיני" ווייל שמואל איז געוועזען, חוץ זיין גרויסע קענטניס אין די תורה, אויך אַ גרויסער בקי אין חכמות. לאָזט עס זיך דאָך שוין ממילא פערשטעהען אַז די חכמי התלמוד האָבען געמוזט זיין אויך גרויסע בקיאים, אַ חוץ אין די תורה, אויך אין וועלט-ליכע חכמות.

דעריבער האָבען זיי די חכמות וועלכע האָבען ניט בעּ-ריהרט די הלכה גענצליך איגנאָרירט. און דאָס איז דער טעם וואָס די חכמי התלמוד האָבען פיעלע חכמות גאָר ניט ערמאָנט אין די גמ'.

און דעריבער איז קיין וואונדער, און אויך קיינע פראַגע „ווי אַזוי זיי האָבען אַלעס געוואוסט". דען ווען זיי וואָלטען די אַלע חכמות ניט געוואוסט וואָלטען זיי קיינע הלכות גע-קענט פעסטזעטצען, אָבער אויף די חכמי העמים איז יאָ די פראַגע פון וואַנען האָבען זיי די אַלע חכמות געלערנט?

פאַלס, דער לעזער וועט פרעגען, 1) אויב אָהן די תורה וואָלט די וועלט ניט געקענט עקזיסטירען (ווייל די תורה ענט-האַלט אַלע חכמות) טאָ ווי אַזוי האָט די וועלט עקזיסטירט

ביז די אַלע ערפינדונגען זענען ערשיענען? 11) די אומות העולם האָבען דאָך קיין תורה געלערנט, און דאָך זענען, כּמעט אַלע חכמות און ערפינדונגען ביי זיי ענטשטאַנדען?

די אַנטוואָרט צו די ערשטע פראַגע איז, אַז די וועלט האָט טאַקי קיינמאָל ניט עקזיסטירט אָהן די תורה. דען איי-דער די תורה איז ערשיענען איז טאַקי געוועזען חשך ואפלה אויף דער וועלט; אַ דור המבול מיט גרויסע רשעים; אַ דור הפלגה וואָס האָט אַזש געוואָלט קריכען אין הימעל אַריין און מאַכען דאָרטען אַ רעוואָלוציאָהן; אַ סדום וואָס איז גע-וואָרדען אַ סימבאָל פון רשעות; אַ מצרים וואָס איז געוועזען אַן אָרט פון שמוטץ און אויסגעלאַסענהייט א.ז.וו. און יודען טאַקי אויך דערונטער.

אָבער מיט די ערשיינונג פון די תורה האָט די וועלט אָנגעפאַנגען, אָבער טאַקי ערשט אָנפאַנגען צו עקזיסטירען. אָבער וועלכע וועלט? נור די יודישע וועלט, דעריבער זאָגט די תורה „ואבדיל אתכם מן העמים״ אייך יודען האָב איך אָב-געזאָנדערט פון אַלע פעלקער, כּדי, וחי בהם, אַז איהר זאָלט קענען עקזיסטירען (קדשים)

און כּדי אַנדערע פעלקער זאָלען אויך קענען לעבען אויף דער וועלט, האָט גאָט צערשפּרייט די יודען צווישען די פעלקער. ווי די גמ׳ (פסחים פ״ז) זאָגט „לא הגלה הקב״ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים״, אַז זיי זאָלען מיט די פעלקער לערנען תורה, כּדי דאַדורך צו וויסען ווי אַזוי צו לעבען.

פיעלע חכמים, לומדים און גאונים האָבען געלערנט תורה מיט גוים. און דאָס איבריגע האָבען אונזערע אייגענע משומדים איבערגעגעבען צו די גוים; און פיעל תורה איז אויך איבערזעטצט געוואָרדען אין אַלע שפּראַכען. אַזוי האָבען די פעלקער געשעפּט זייערע ערשטע אידעען, צו די שפּעטער-דיגע ערפינדונגען, פון די תורה.

די מכילתא אין פ׳ בשלח פ״ד, ברענגט אויף׳ן פּסוק, וחם השמש ונמס, פאָלגענדעס „ובאים אילים וצבאים וכו׳ ושותין

מהן, ואח"כ באין אוהע"ו וצדין מהם, ואוכלין אותן וטועמים בהם טעם מן".

די פעקקער האָבען פערזוכט דעם טעם מן דורך די חיות וואָס האָבען געטרונקען דעם צושמאָלצענעם מן וועלכען די זון האָט וואַרם געמאַכט. און האָבען זיך מחי' געוועזען. איהר פערשטעהט, ווי אַזוי די אוהע"ו האָבען פערזוכט טעם מן? יעצט, וואָס וואָלטען זיי שוין געזאָגט, ווען זיי וואָלטען דעם מן זעלבסט געגעסען? אָט אויף'ן זעלבען אופן האָבען זיי פערזוכט די חכמת התורה.

די אַנטוואָרט צו די צווייטע פראַגע איז פאָלגענדעס. אמת! די אוהע"ו האָבען ניט געלערנט די תורה אַזוי ווי יודען. אָבער מיר זעהען דאָך פאָרט אַז זיי האָבען ערפאָרשט אַלע חכמות. אָהן די תורה אויך? אמת. אָבער דערפאַר האָבען זיי דאָך געמוזט וואַרטען 2000 יאָהר פאַר די אַלע חכמות, וועה־רענד אונזערע חכמים האָבען זיי שוין געוואוסט מיט 2000 יאָהר פריהער.

נור יודען האָבען זיך ליידער ניט געקענט בעשעפטיגען מיט ענטוויקעלן חכמות, און זיך אָבגעבען מיט ערפינדונגען, דורך די צרות, פורעניות, גזרות, שמדות, הריגות ורדיפות, וואָס די אוהע"ו האָבען די יודען צוגעטיילט, אַלס דאַנק אויס־דרוק פאַר די מתנה — די ציוויליזאַציאָהן — וואָס יודען האָבען זיי געגעבען, עד היום הזה.

דעריבער, האָבען זיי זיצענדיג רוהיג אין זייערע לענ־דער, און האָבענדיג געגאָסען פון די תורה. איבער וועלכע זיי זעלבסט האָבען אָנגעשריבען פיעלע ביכער, געפאָרשט, געזוכט און געאַרבייט ביז זיי האָבען ענדליך געפונען.

און טאַקי ערשט אין די לעצטע הונדערט יאָהר זענען כמעט אַלע מאָדערנע ערפינדונגען און ענטדעקקונגען ערשיענען אויף דער וועלט, למשל:

1) טעלעגראַף; טשאַפּפּע, 1794. קוק און וויטסאָן, 1836. מאָרס 1832.

2) אייזענבאַהן; סטיווענזאָהן, 1830.

3) טעלעפאָן; פּראָפעסאָר גרעהעם בעלל 1878.
4) עראָפּלאַן: סטרינגפעללא, 1874 הענסאָן, 1843. פּיל-ליפּס. 1842.
5) צעפּפּלין; גראַף צעפּפּעלין. 1900.
6) ווייערלעס; קלארק מאקסוועל, 1865. מארקאני, 1901.
7) ראַדיום; פּראָפעסאָר און מאַדאַם פּיערר קורי, 1898.
8) פאָנאָגראַף; עלעקטרישע לאָמפּ און טראַמוויי; עדיס-זאָהן, 1877—1886.
9) מייקראָפאָן; היפס, 1878.

און נאָך פיעל אַנדערע ערפינדונגען פון קונסט און חכמה זענען אָנגעדייטעד אין זוהר (פ׳ וירא, מאמר ויצש ד׳ לשרה, ד׳ קי״ז) ובשית מאה שנין לשתיתאה יתפּהחון תרעי דחכמתא לעילא ומבועי דחכמתא לתתא וכו׳ וסימניך, בשנת שש מאות שנה לחיי נח וכו׳ נבקעו כל מעינות תהום רבה. אין זעקסטען הונדערט צום זעקסטען טויזענד (ד. ה. אין יאָהר ת״ר. 5600) וועלען געעפענט ווערען אַלע טויערן פון חכמה אין הימעל און אַלע קוועלען פון חכמה אונטען.

און אַזוי ווי יודען האָבען, אין די טויערן פון חכמה, ניט געקענט אַריין געהען, איבער די צרות וואָס מען האָט זיי צוגעטיילט, זאָ זענען די אוהע״ו אַריין און גענומען די אַלע חכמות.

די יודען זענען געשטעלט געוואָרען מחוץ לשערי החכמה און אין לויף פון דער צייט זענען זיי אין גאַנצען פערגעסען געוואָרען.

און טראָצדעם, טראָץ אַלע רדיפות, פערפאָלגונגען, צרות פּיין און לייד אויף טריט און שריט, וואָס יודען האָבען געליטען, און טראָצדעם, וואָס מען האָט זיך אָנגעשטרענגט דעם יוד צו פערניכטען גייסטיג ווי פיזיש, האָבען יודען דאָך זיך ניט אונטערגעגעבען, ניט געבויגען די קעפּ פאַר די המן׳ס מיט די עמלק׳ס, פאַר די טארקוועמאדעס מיט די אינקוויזיציאָנען, נור אימער זיך בעשעפטיגט מיט חכמות און אַרויס-

נעגעבען די גרעסטע חכמים, קינסטלער, פאָעטען און פילאָזאָפען, פון וועלכע מיר ברענגען דאָ נור אַ קליינע בעקאַנטע צאָל.

## פילאָזאָפען

פילון האלכסנדרוני,

| | |
|---|---|
| 20 יאָהר פ. א. צ. | |
| ר' סעדיה גאון | 892 |
| רבנו בחיי בן יוסף | 1040 |
| ר"ש בן גבירול | 1022 |
| ר' יהודה הלוי | 1085 |
| ראב"ד הראשון | 1110 |
| אבן עזרא | 1092 |
| רמב"ם | 1135 |
| רמב"ן | 1194 |
| רלב"ג | 1288 |
| יצחק אלבלג | 1300 |
| חסדאי קרשקש | 1340 |
| מסיר ליאון | 1500 |
| אברהם שלמה מקסימון | 1500 |
| יהודה אריה מוסקאטי | 1530 |
| יצחק קרדוזו | 1615 |
| שפינוזא | 1632 |
| אברהם הכהן פון זונטא | 1670 |
| ר' יצחק לאמפרונטי (בעל פחד יצחק) | 1679 |
| שלמה מיימון | 1754 |
| מענדעלסזאהן | 1729 |
| דר. יצחק רילף | 1834 |
| הערמאן כהן | 1842 |
| הענרי בערגזאהן | 1859 |
| איינשטיין | געגענוואַרט |

## סקולפטאָרס

אנטאקאלסקי
דר. נאססיג
עזעקיעלס
פראָפעסאָר שץ
הענין גליצענשטיין

## מוזיקער

| | |
|---|---|
| מייערבעער | 1791 |
| מאשעלעס | 1794 |
| האלעווי | 1799 |
| מענדעלסזאָהן | 1809 |
| רובינשטיין | 1829 |
| גאָלדמארק | 1830 |
| פראָפ. יאדאסזאהן | 1831 |
| ביזעט | 1838 |

דאַן, ווייאלאניסטען, טשעלאָ-איסטען, פיאניסטען, קאַפעל-מייסטער, קאָנצערט זינגער, שוישפיעלער בלויס פון 18-טען יאָהרהונדערט, וואָס אויס מאַנ-געל אין פלאַטץ קען מען ניט אויסרעכענען.

## קונסטמאַלער

הארעוויטץ
יוסף איזראַעלס
קאהן
יונקער

ליבערמאַן
פאססארט

## דאָקטוירים

| | |
|---|---|
| רמב"ם | 1135 |
| רלב"ג | 1288 |
| משה אבן תבון | 1300 |
| משה ריאטי | 1388 |
| אברהם בן מאיר | 1500 |
| א. ש. מאקסימון | 1500 |
| מסיר ליאון | 1500 |
| יעקב בן צמח | 1570 |
| ישר מקנדיא | 1600 |
| יצחק קרדוזו | 1615 |
| אברהם הכהן | 1670 |
| בעל פחד יצחק | 1679 |
| ר' ברוך שקלאווער | 1752 |

## אַרכיטעקטן

מאַקס פליישער. וועמעס סינאַגאָגען אין וויען, בודוויס און קרעמעס לייגנען אָב די אַנטיסעמיטישע בעהויפּטונג, אַז יודען האָבען גאָר ניט געשאַפען אין בויקונסט.
פרידריך היטציג. דער גרעסטער אַרכיטעקט פון אַלע לענדער און פון אַלע צייטען.
סטיאסני, בויער פון די גרעסטע סינאַגאָגען.

## אַסטראָנאָמער

רמב"ם
אבן עזרא
ר' שלמה ירחי
ר' יצחק פון טולעדא
דון פראפיט דוראן
ר' יוסף בן שם טוב
ישר מקנדיא
ר' אליעזר אשכנזי
ר' דוד גאַנז
ר' רפאל הלוי, הנובר.
ר' אליה חכים
רש"ל ראפּפּאפּורט
ר' צבי מנחם פינילעש
חיים זעליג סלאָנימסקי

## שאַחמאַטיסטען

שטייניץ
צוקערטארט
יאַנאווסקי
לאסקער
אלכסנדר
שלעכטער
הורוויטץ
לעווענטאַל
גינצבערג
טאראש
רובינשטיין

און דאָס איז דער פשט פון „אין כל חדש תחת השמש" קיין נייעס אונטער די זון. אַזוי ווי די זון האָט נור אָנגעפאַנגען צו שיינען, און דערמיט געמאַכט דעם אָנפאַנג פון די

וועלט'ס עקזיסטענץ, זאָ זענען אַלע נייע ערשיינונגען אָבגעי־שלאָסען געוואָרדען, ווייל די תורה, וואָס איז שוין געוועזען נאָך איידער די זון האָט אָנגעפאַנגען צו שיינען, ענטהאַלט אַלע דיעזע ערשיינונגען.

דאָס זעלבע זאָגט אויך די גמ׳ (שבת ד׳ ל׳) מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש, וואָס בלייבט דעם מענש איבריג פון זיין גאַנצע אַרבייט אונטער די זון? דאַרויף זאָגט ר׳ ינאי, תחת השמש הא דאין לו, הא קודם השמש יש לו, מפרש״י, אם יעמול בתורה שקדמה לשמש יש יתרון.

אונטער די זון איז טאַקי קיין נייעס, אָבער פאַר די זון איז יאָ דאָ נייעס. מיינענדיג די תורה. דעריבער קען די תורה נור פערשטאַנען ווערען ווען מ׳גיבט זיך איינגאַנצען אָב צום שטודיום פון די תורה בלב ונפש. אַנדערש, בלייבט די תורה כספר החתום.

אָט זענען דאָ פיעלע מאמרים אין ש״ס, וועלכע, ניט פערשטעהענדיג זייערע ריכטיגע מיינונג, האָט מען געפלעגט צו ערק עהרען מיט „דרוש וקבל שכר״ עס זענען סודות, וואָס ניט יעדער קען פערשטעהען. נור לערן לשם מצוה, און ווייטער גאָר ניט א. ז. וו. און מיט זאָלכע ערקלעהרונגען האָט מען זיך שוין בעגנוגט. למשל: אין חגיגה ד׳ ט״ו זאָגט די גמ׳ „שהיו שונין ג׳ מאות הלכות במגדל הפורח באויר״. אויך אין מס׳ אהלות פ״ד מ״א. קלעהרען די חכמים אויב די כלים אין אזאַ מגדל הפורח באויר קענען טמא ווערען. און אַזוי ווי מען האָט דאָס ניט געקענט פערשטעהען ווי אַזוי אַ מגדל קען פליהען אין די לופט האָט מען עס ערקלעהרט גאַנץ פשוט, „אַז עס איז אַ סוד, וואָס נור די חכמים האָבען געוואוסט וואָס דאָס מיינט, דעריבער, אַזוי ווי עס איז דאָך תורה, איז „דרוש וקבל שכר״, קיין חלוק אויב דו פערשטעהסט אָדער ניט, אַבי לערן און דו וועסט קריעגען שכר. פונקט ווי די גמ׳ (סנהדרין ע״א) זאָגט, אַז אַ בן סורר ומורה איז לא היה ולא יהיה, נור בלויס פאַר צו לערנען.

פון דאָ שטאַמט אויך, אַז ווען אַ מענש איז מגזם, אָדער

מאַכט פּלעהנער אָהן אויסרעכענונג, זאָגט מען „ער איז מגזם, ווי אַ מגדל הפורח באַויר״.

אויך אין ענגליש איז דאָסזעלבע שפּריך וואָרט:

„HE BUILDS CASTLES IN THE AIR“.

אָט אַפּי׳ אַזאַ שפּריך וואָרט שטאַמט אויך פון יודישען אַהער. אָבער היינט, אין אַ צייט פון לופטבאַלאָנען, עראָפּלאַנען און צעפּפעלינס פערשטעהען מיר שוין, אַז די חכמים האָבען אין מגדל הפורח באויר קיינע סודות געהאַט, נור פשוטו כמשמעו, זיי האָבען געלערנט הלכות טומאה פאַר אַ צעפּעלין — וואָס הייסט ביי די חכמים „מגדל״ — אין די לופט.

דאָס האָט דער גאון זעהר טיעפזיניג בעמערקט מיט זיין בעריהמטען און בעוואוסטען אויסדרוק „כפי מה שיחסר לאדם ידיעות משאר החכמות, לעמת זה יחסר לו מאה ידות בחכמת התורה, כי התורה והחכמה נצמדים יחד״.

אויב אַ מענש איז איגנאָראַנט אין וועלטליכע זאַכען, איז ער אין תורה הונדערט מאָל מעהר איגנאָראַנט, למשל: אַ מענש, ווען ער איז איין עם-הארץ אין וועלטליכע זאַכען, וואָס שטעהען טעגליך אין די צייטונגען, טאָ ווי פיעל מעהר ע״ה מוז ער שוין זיין אין די תורה, וואָס שטעהט קיינמאָל אין אַ צייטונג?

און דאָס איז געוועזען די חכמה פון אונזערע חכמי התלמוד, וועלכע, האָבענדיג גרינדליך ערלערנט און ערפאָרשט די תורה, האָבען זיי אַלע חכמות ערלערנט, ווי מיר וועלען בעווייזען אין די נעקסטע קאַפּיטלען.

# א טעלעפאָן

דער טעלעפאָן איז ערשט ערפונדען געוואָרדען פון פראָ-פעסאָר גרעהעם בעלל אין 1878. ווערענד דער „שבות יעקב ח״ג סי׳ ל״א ד׳ י״ד״ ערצעהלט, אַז אין יאָהר 1722 האָט ר׳ דוד אויפּענהיים אין פּראג, אַמאָל אָנגעפרעגט זיין שוואָגער ר׳ יעקב רישר, אַ שאלה וועגען אַ טעלעפאָן אויב מען מעג עס בענוטצען אום שבת, בזה״ל, „וביחוד ע״י כלים המיוחדים לדיבור ומשמיעים קול על כמה וכמה מילין בריחוק מקום יכול אדם לדבר עם חבירו, דבר זה יהיה אסור לדבר עמו בשבת? ומעולם לא שמענו שום פוצה פה לפקפק בנידון זה״.

נאַטירליך האָט עס ניט געהייסען „טעלעפאָן״ דאַמאָלס ווען די שאלה איז געפרעגט געוואָרדען, נור כלי המיוחד לדיבור, איין אינסטרומענט וועלכעס איז בעשטימט צו בענוטצען עס פאר געשפרעכע, אויב מען מעג עס בענוטצען אום שבת צו רעדען מיט איינעם אויף מיילען ווייט.

אָט דאָס בעווייזט, אַז אַזאַ אינסטרומענט צו רעדען דאָ-דורך מיט איינעם אויף אַ ווייטע שטרעקע, וועלכעס מיר רופען „טעלעפאָן״ האָט שוין ביי יודען עקזיסטירט 155 יאָהר איידער פּראָפ. בעלל האָט זיין טעלעפאָן ערפונדען.

ביי די יודישע חכמים האָט אַזאַ טעלעפאָן עקזיסטירט נאָמענלאָז, אָבער עקזיסטירט האָט ער, לויט די שילדערונג פון די שאלה.

## 2. בייסיקעל

דער בייסיקעל איז ערפונדען געוואָרדען פון יוסף ניס־פּארע ניעפּס, אַ פראַנצויז, אין 1808. אייגענטליך ניט ערפונדען נור ענטדעקט, ווייל דער בייסיקעל שטאַמט אַהער פון דעם אַלטען „וועלאָסיפּיד", וועלכער איז אויך ניט געוועזען אָריגי־נאַל. נור האָט אָבגעשטאַמט פון אַ טרייסיקעל, וועלכעס שטעהט בפירוש, אין גמ׳ ביצה ד׳ כ"ג. עגלה של קטן טמאה מדרס" ערקלערהט תוס׳, אַז דאָס איז אַ „כלי שעושין לקטנים להתלמד להלוך והיא עומדת על ג׳ אופנים, ואוחז בה בידיו והיא מתגלגלת לפניו תמיד" ד. ה. אַזאַ שטענדער אָדער וועגעלע מיט דריי רעדער, צו לערנען קליינע קינדער צו געהען. דאָס קינד האַלט עס אָן מיט די הענד און דאָס וועגעלע בעוועגט זיך פאָרווערטס דורך די רעדער.

## 3. צעפּעלין

דער צעפּעלין איז ערפונדען געוואָרדען פון גראף פּער־דינאַנד צעפּעלין אין יאָהר 1900, וועלכער איז שוין בייגאה געוועזען ערפונדען צוואַנציג יאָהר פריהער פון אַ יוד, וועלכער האָט געהייסען דוד שוואַרץ. איין עסטרייכער, וועלכעס איז אויך ניט געוועזען אָריגינאַל, נור אַ פאָרטזעצונג פון דעם לופטבאַלאָן, וועלכער איז ערפונדען געוואָרדען פון דעם פראַנ־צויז בלאַנטשארד אין 1782.

אָט דער באַלאָן, ווי עס איז צו ענטנעהמען, איז געווע־זען די אידעע צו ערפינדען דעם צעפּעלין 124 יאָהר שפּעטער. אָט אַזאַ צעפּעלין שטעהט שוין בפירוש אין גמ׳ חגיגה ד׳ ט"ו, נאַטירליך, מיט אַנ׳אַנדערן נאָמען, ניט צעפּעלין. שהיו שונין

ג׳ מאות הלכות במגדל הפורח באויר. אַ פּאַלאַץ וואָס פליהט אין דער לופט.

אויך אין מס׳ אהלות פ״ד מ״א שטעהט „מגדל הפורח באויר״. אין ירושלמי ע״ז ד׳ מ׳ ערצעהלט די גמ׳, אַז אַלכסנדר מוקדון איז געפלויגען אין די לופט אין אַ מגדל הפורח באויר, אין אַ פליהענדען פּאַלאַץ, און ער האָט די וועלט בעקוקט פון די לופט און געזעהען אַז די וועלט איז רונדיג ווי אַ קוגעל.

# 4. ראַדיום

ראַדיום איז געפונען געוואָרדען פון פּראָפעסאָר און מאַדאַם פּיער קורי אין יאָהר 1898 מיט וועלכען מען בענוטצט זיך היינט אין אַלע האספּיטעלער צו היילען קראַנקע.

אויך דער זאָ גערופענער „ווייערלעס״ וועלכער איז בעקאַנט אין דער גאַנצען וועלט אַלס „ראַדיאָ״ וועלכער איז ערפונדען געוואָרדען פון קלארק מאקסוועל אין יאָהר 1865 און שפּעטער ענטוויקעלט געוואָרדען פון מאַרקאָני אין יאָהר 1901.

אָט די גאַנצע ערפינדונג שטעהט בפירוש אין די גמ׳ יומא ד׳ כ״א. ת״ר שלש קולות הולכין מסוף עולם ועד סופו. דריי קולות זענען דאָ, וואָס זיי ווערען געהערט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען עק. וי״א אף רידייא. מאַנכע זאָגען, אַז אויך ראַדיאָ קען מען מאַכען, אַז די שטימע זאָל געהערט ווערען אין די גאַנצע וועלט.

## 5. טויכערגלאָק DIVINGBELL

אין יאָהר 1720 איז ערפונדען געוואָרדען אזא מין אונ-
טערוואַסער שיפעל, בעקאַנט אונטערן נאָמען TAUCHERGLOCKE
פון DR. HALLEY וועלכער האָט די אָריגינאַלע אידעע גענו-
מען פון גאספאר סקאָטט אין יאָהר 1664, וועלכער האָט גע-
פונען אַ בוך געשריעבען פון דזשאהן טעהסניר, 1538, וועל-
כער ערצעהלט, אַז ער האָט געזעהען ווי צוויי גריכען האָבען
זיך אַרונטער געלאָזט אונטערן וואַסער זיצענדיג אין איין
איבערגעקעהרטען קעסעל מיט די עפענונג אין וואַסער. און
דורכדעם וואָס ער האָט צו געדעקט די עפענונג,
איז די לופט געבליעבען אינוועניג און ניט געלאָזט דאָס וואַ-
סער אַריינדרינגען אין קעסעל. זאָ ווייט ווי ביז 1538 געהט
די געשיכטע פון די טויכערגלאַקע, און ווייטער ניט.

ווען די טויכערגלאָקע איז געוואָרען פערפאָלקאָמט דורך
SMEATON און דאַן אַרונטערגעלאָזט אין ראַמסגעהט האַפען,
וועלכעס האָט אַרויסגערופען גרויסע בעוואונדערונג אין די
וועלט, אויף אזא קינסטליכע ערפינדונג, איז געקומען אַ יודע-
לע (ר׳ פנחס אליהו, מחבר פון ספר הברית), וואָס האָט קיינ-
מאָל קיין אוניווערזיטעט ניט בעזוכט, נור בלויס אין תורה עוסק
געוועזען, און אויסגעלאַכט דעם גרויסן שטורם און בעוואונ-
דערונג, וואָס די טויכערגלאָקע האָט אַרויסגערופען, און אויף
וועלכע די אוהע״ו האָבען געוואַרט טויזענדער יאָהרען, און
געוויזען, אַז אונזערע חכמי התלמוד האָבען דאָס געוואוסט מיט
2000 יאָהר צוריק. עס איז אַ בפירוש׳ע משנה אין מקואות
פרק י׳ מ״א „כלי שהטבילו דרך פיו כאלו לא טבל״ ווען מען
טובל׳ט אַ כלי מיט די עפענונג גלייך אין וואַסער
אַריין, הייסט דאָס ניט געטובל׳ט. דאַרויף זאָגט דער ברטנורא,
מפני שכל כלי שהטבילו ופיו בתוך המים, אין המים נכנסין
לתוכו מפני האויר שבתוך הכלי. ווען מען טובל׳ט אַ כלי אין
וואַסער מיט די עפענונג אַרונטער, געהט קיין וואַסער ניט אַריין

אינגוועניג ווייל די לופט לאָזט דאָס וואַסער ניט אַריין קומען אין די כּלי, דעריבער איז די כּלי ניט געטובל׳ט.

## 6. טעלעסקאָפּ FERNROHR

דער טעלעסקאָפּ — אַ ווייטזעענדיגעס ראהר — איז ער־פונדען געוואָרדען אין 1608 פון דריי האָלענדער: ליפּפּערסהיים, מעטיוס אין דזשאנסאָן און ביז צום יאָהר 1842 איז דער טע־לעסקאָפּ דורכגעגאַנגען פיעל פערבעסערונגען דורך גאלילעא, קעפּפּלער, שיינער, קאַמפּאַני, אויזאָנט, ניוטאָן, גרעגאָר, קאסע־גרעהן און הערשעל ביז ער איז ענדליך איינגעשטעלט גע־וואָרען.

אַזוי אַרום האָט די וועלט זוכה געווען צו אַ גרויסע ערפינדונג, פון די אוהע״ו. יודען ווערען גאָר ניט ערמאָנט.

אָבער דער וואָס האָט אַמאָל געלערנט גמ׳, האָט געוויס געזעהען די גמ׳ אין עירובין ד׳ מ״ג, ווי דער טעלעסקאָפּ שטעהט דאָרטען בפירוש אָהנע שום פּירושים. „תניא, שפופרת היתה לו לר״ג שהיה מביט וצופה בה אלפים אמה ביבשה וכנגדה אלפים אמה בים״. ר״ג האָט געהאַט אַזאַ ראהר דורך וועלכע ער האָט געקענט זעהען אויף אַ מרחק פון 2000 איילען אויף׳ן לאַנד און אויף׳ן וואַסער

## 7. מוזיק

די מוזיק, ווי מיר ענטנעהמען פון איהר היסטאָריע, איז ענטשטאַנען אייציגווייז ביז צום אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט

און ווערט צוריקגעפירט ביז 300 יאָר פאַר אונזער צייט-רעכע-נונג, נעמליך:

סעבאַסטיאַן באַך 1635—1750, טהאָמאַס קאַנטאָר צו לייפּציג.

גווידא, 995—1050, גרינדער פון 4 ליניען סיסטעם.

פּאַבסט גרעגאָר, דער גרויסער, 604—690.

פּיטאַגאָראַס, 580 פ. א. צ. דער בעקאַנטער גריכישער פילאָזאָף און ערפינדער פון מאנאקארד, און זיינע צייט גענאָסען, די קאנאניקער, ארשיטאס, עראטאסטהענעס, דידימאס, פטאלאמעאס און יוקליד.

די אַכט טאנארטען זענען פון די גריכען פעסטגעזעצט געוואָרען אין 4-טען יאָהרהונדערט.

אמבראזיוס, 333—397, בישאָף פון מיילאַנד, גרינדער פון אנטיפאָנישען געזאַנג. אריסטאָקסענעס, 300 יאָהר פאַר א. צ. גריכישער מוזיק-טעאָרעטיקער.

אָט דאָ ענדיגט זיך די געשיכטע און דער אָבשטאַם פון מוזיק, וועלכע, ווי מיר זעהען פון די היסטאָריע, איז געגרינ-דעט געוואָרדען, אויסשליסליך נור פון אַנדערע פעלקער, ווע-רענד יודען ווערען גאָר ניט ערמאָנט. און דאָך קענען מיר בעווייזען, אַז די מוזיק איז אַן עכט יודישע ערפינדונג און אויך אַ יודישע ענטוויקלונג פון פאָלגענדע שטעלען.

## די מוזיק אין תנ"ך

ובני יובל אבי כל תופש כנור ועוגב. בראשית.

ואשלחך בשמחה ובשירים בתוף ובכנור. ויצא.

ותצאן כל הנשים אחריה בתפים ובמחולות. בשלח.

וביום שמחתכם ובמועדיכם ובר"ח ותקעתם בחצוצרות. בהעלותך.

ויהי מספרם ארבעת אלפים וכו' נבלים וכנורות ומצלתים. דה"א כ"ג ה'.

ובתוכם מלמדי שיר לד'. דה"א כ"ה ז'.

ומהם עשרים וארבעה פקידים וכו' שומרי משמרת השיר. דה"א ה'.

ויתן אלקים בנים להימן וכו׳ כל אלה על ידי אביהם
בשיר בית ד׳, במצלתים נבלים וכנורות לעבודת בית אלקים.
דה״א ה׳.

והלוים המשוררים לכולם וכו׳ במצלתים ובנבלים וכנורות.
דה״ב, ה׳ י״ב.

ויבואו ירושלים בנבלים וכנורות ובחצוצרות אל בית ד׳. דה״ב כ׳.
ויהי כאחד מחצררים ולמשוררים להשמיע קול אחד. „ ה׳ י״ג.
ויעמד את הלוים בית ד׳ במצלתים, בנבלים ובכנורות. „ כ״ט.
ולהם משוררים ומשוררות מאתים וארבעים וחמשה.
נחמיה ז׳ ס״ז.

ודוד וכל בית ישראל משחקים לפני ד׳ בכל עצי ברושים
ובכנורות ובנבלים ובתפים ובמנענעים ובצלצלים. ש״ב ו׳.
ותצאן כל הנשים וכו׳ בתפים ובשלישים. ש״א י״ח.
ודוד מפזז ומכרכר לפני ארון אלקים. ש״ב ו׳.
חג לד׳ בשילה וכו׳ יצאו בנות שילה לחול במחולות.
שופטים כ״א.

ולקח דוד את הכנור ונגן בידו וסרה מעליו רוח הרעה.
ש״א, כ״ג.

יבקשו איש יודע נגן בכנור ונגן בידו וטוב לך. ש״א, ט״ז.
קחו לי מנגן, והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ד׳. מ״ב ג׳.
ולפניהם נבל ותוף וחליל וכנור. ש״א י׳.
על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו. תהלים קל״ז.
קרנא משרוקיתא, קיתרוס, סבכא, פסנתרין, סימפוניה
וכל זני זמרא. דניאל ג׳.

## די מוזיק אין תלמוד

ולא היו אומרים בנבל וכנור אלא בפה כדי ליתן תבל בנעימה. ביים טעגליכען גאָטטעסדיענסט אין ביהמ״ק האָבען די קליינע לוים (קינדער) ניט געשפיעלט מיט אַ פידעל אָדער האַרפע, נור געזונגען, כדי צו פערשעהנערן דעם גאָטטעס־דיענסט מיט די קינדערשע שטימען, וועלכע זענען ווייך און

קלאַנגהאַפט און מאַכען אַ גוטען עפעקט ווען זיי זינגען צוזאַמען מיט'ן אָרקעסטער. (ערכין י"ג).

אין פוחתין משני נבלים ולא מוסיפין על ששה. אין פוחתין משני חלילין ולא מוסיפין על שנים עשר. ובשנים עשר יום בשנה החליל מכה לפני המזבח, ולא היה מכה באבוב של נחושת אלא באבוב של קנה מפני שקולו ערב, ולא היה מחלק אלא באבוב יחידי מפני שהוא מחלק יפה.

ניט ווייניגער ווי צוויי האַרפען און צוויי פלייטען, און ניט מעהר ווי זעקס האַרפען און צוועלף פלייטען זיינען געברויכט געוואָרען צום גאָטעסדיענסט אין ביהמ"ק טעגליך. צוועלף טעג אין יאָהר האָט די פלייט (אַ ראָהר-פייפעל פון האָלץ) געשפיעלט, און איז אויך בענוצט געוואָרדען צו ענדיגען אַן אָרקעסטער שטיק (דאָס וואָס מיר רופען אין די מאָדערנע מוזיק, דער זאגענאנטע אָרגעלפונקט). ערכין ד' י'.

אין פוחתין משתי חצוצרות מתשעה כנורות והצלצל. ניט ווייניגער אַלס צוויי טראָמפייטען, ניין פידלען, און איין צימבעל האָט געמוזט זיין ביים גאָטעסדיענסט. (ערכין ד' י"ג).

במה היו מנגנים? בנבלים וחלילין וכנורות וחצוצרות והצלצל.

וואָס פאַרא מוזיקאַלישע אינסטרומענטן האָבען די לוים בענוצט? האַרפען, פלייטען, פידלען, טראָמפייטען און צימבלען. (רמב"ם ה' כלי המקדש פ"ג ה"ד).

פון די אויבען געבראַכטע שטעלען איז גענוג קלאָר צו זעהען, אַז די מוזיק האָט לאַנג, לאַנג פריהער, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער, שוין עקזיסטירט ביי יודען אין זעהר אַ גרויסער און ענטוויקעלטער פאָרם.

פון דוד המלך זעלבסט איז שוין צוויי טויזענד זיבען הונדערט פינף און דרייסיג יאָהר. וועהרענד די מאָדערנע מוזיק קען העכסטענס ביז דריי הונדערט יאָהר פאַר אונזער צייט-רעכענונג צוריק געפיהרט ווערען. און דאָס אויך נאָר אין אַ גאַנץ בעשרענקטע מאָס.

אַלע שרייבער און היסטאָריקער פון די געשיכטע דער

מוזיק פאַנגען אָן זייער היסטאָריע פון מוזיק מיט די מוזי־ קאַלישע אינסטרומענטן, פון די ביבעל און ביהמ״ק. דאָס ווייסט יעדער מוזיקער, וועלכער האָט געלערנט מוזיק געשיכטע.

דער קירכליכער גאָטעסדינסט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן פון די גלחים **Pytagoras, Ambrosius, Aristoxenes** א. א. וו. איז נור געווען א נאַכאַהמונג פון ביהמ״ק; און איבערדעם איז אויך דער תהלים אַריינגענומען געוואָרען אין די קירכע אַלס איינשטימיגער און אַנטיפאָנישער געזאַנג פון **Ambrosius** נרינדער פון דעם אַנטיפאָנישן געזאַנג.

דער מאנאקארד פון **Pytagoras**, וועלכער איז שפּע־ טער געוואָרען צו איין אַכטזייטיגעס אינסטרומענט (גאַנצע אָקטאַפּע) איז אויך נור א נאָכאַהמונג פון דוד המלך׳ס אינ־ סטרומענט דער זאָגענאנטער (למנצח) „על השמינית״.

אַז די מוזיק האָט אַ אידישע אָבשטאמונג קען מען זעהען פון פאָלגענדע ערלייטערונגען.

די מוזיק איז געבויט אויף א סיסטעם פון 7.

| אָקטאַפּען | | | שטופען |
|---|---|---|---|
| 1 | קאָנטרא אָקטאַפּע | C D E F G A H | OKTAVE |
| 2 | גרויסע „ | C D E F G A H | SEKUNDE |
| 3 | קליינע „ | c d e f g a h | TERZE |
| 4 | איינגעשטריכענע „ | c d e f g a h | QUARTE |
| 5 | צווייגעשטריכענע „ | c d e f g a h | QUINTE |
| 6 | דרייגעשטריכענע „ | c d e f g a h | SEXTE |
| 7 | פיערגעשטריכענע „ | c d e f g a h | SEPTIME |

## שליסעל

| | | | |
|---|---|---|---|
| MEZZOSPRAN | 4 | SOPRAN | 1 |
| VIOLIN | 5 | ALT | 2 |
| BASS | 6 | TENOR | 3 |
| C | 7 | | |

## נאָטען

## פּאָזעס



## טענער, קרייצעו, בּעמאללען, אויפלעזען, אקקארדען בוי

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| G | ♮ 7 | ♭ | ♯ | C 1 |
| H | ♮ | ♭ | ♯ | H 2 |
| D | ♮ | ♭ | ♯ | A 3 |
| F | ♮ | ♭ | ♯ | G 4 |
| A | ♮ | ♭ | ♯ | F 5 |
| C | ♮ | ♭ | ♯ | E 6 |
| E | ♮ | ♭ | ♯ | D 7 |

| בעמאללטאנארטען | | | קרייצטאנארטען | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| מאלל | | דור | מאלל | | דור | |
| D | ♭ | F | E | ♯ | G | 1 |
| G | ♭♭ | B | H | ♯♯ | D | 2 |
| C | ♭♭♭ | ES | FIS | ♯♯♯ | A | 3 |
| F | ♭♭♭♭ | AS | CIS | ♯♯♯♯ | E | 4 |
| B | ♭♭♭♭♭ | DES | GIS | ♯♯♯♯♯ | H | 5 |
| ES | ♭♭♭♭♭♭ | GES | DIS | ♯♯♯♯♯♯ | FIS | 6 |
| AS | ♭♭♭♭♭♭♭ | CES | AIS | ♯♯♯♯♯♯♯ | CIS | 7 |

## פערוואנדטע טאנארטען אין דור

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| C | dur | c | d | e | f | g | a | h | (1 |
| A | moll | a | h | c | d | e | f | gis. | |

קרייצען

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| G | dur | g | a | h | c | d | e | fis | (2 |
| E | moll | e | fis | g | a | h | c | dis. | |
| D | dur | d | e | fis | g | a | h | cis | (3 |
| H | moll | h | cis | d | e | fis | g | ais. | |
| A | dur | a | h | cis | d | e | fis | gis | (4 |
| FIS | moll | fis | gis | a | h | cis | d | eis. | |

## בעמאללען

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| F | dur | f | g | a | be | c | de | e | (5 |
| D | moll | d | e | f | g | a | be | cis | |
| B | dur | be | c | d | es | f | g | a | (6 |
| G | moll | g | a | be | c | d | es | fis. | |
| ES | dur | es | f | g | as | be | c | d | (7 |
| C | moll | c | d | es | f | g | as | h | |

# פערוואנדטע טאנארטען אין מאלל

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| A | moll | a | h | c | d | e | f | gis | (1 |
| C | dur | c | d | e | f | g | a | h. | |

## קרייצען

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| E | moll | e | fis | g | a | h | c | dis | (2 |
| G | dur | g | a | h | c | d | e | fis. | |
| H | moll | h | cis | d | e | fis | g | ais | (3 |
| D | dur | d | e | fis | g | a | h | cis | |
| FIS | moll | fis | gis | a | h | cis | d | eis | (4 |
| A | dur | a | h | cis | d | e | fis | gis. | |

## בעמאללען

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| D | Moll | d | e | f | g | a | be | cis | (5 |
| F | dur | f | g | a | be | c | d | e. | |
| G | moll | g | a | be | c | d | es | fis. | (6 |
| B | dur | be | c | d | es | f | g | a | |
| C | moll | c | d | es | f | g | as | h | (7 |
| ES | dur | es | f | g | as | be | c | d. | |

| | גריכישע טאָנלייטערן | מיטטעל צור מאדולאציאן |
|---|---|---|
| (1 | AEOLISCH | געמיינשאַפטליכע און ענהאַר־מאָנישע טענער |
| (2 | OLYPOPHRYGISCH | דער טאָנישער דרייקלאנג פון דעם נייען טאָנארט |
| (3 | JONISCH | דער אויבער־און אונטער דאמי־נאנט דרייקלאנג פון נייען טאָנ. |
| (4 | DORISCH | דער דאמינאנט סעפטימען אַק־קארד פון נייען טאָנארט |
| (5 | PHRYGISCH | דער פערמינדערטער דרייקלאנג פון נייען טאָנארט |
| (6 | LYDISCH | דער איבערמעסיגער 6, $\begin{smallmatrix}6\\5\end{smallmatrix}$, און $\begin{smallmatrix}6\\4\\3\end{smallmatrix}$ אקקארד. |
| (7 | MYXOLYDISCH | אַללע אלטעריערטע אקקארדען. |

## הויפטדרייקלענגע

| | דור | מאלל | |
|---|---|---|---|
| (1 | D H G | H GIS E | (2 |
| (3 | C A F | A F D | (4 |
| (5 | G E C | E C A | (6 |
| (7 | G H D F | | |

## סעפטאקקארדען

| | דור | מאלל |
|---|---|---|
| (1 | H G E C | GIS E C A |
| (2 | C A F D | A F D H |
| (3 | D H G E | H GIS E C |
| (4 | E C A F | C A F D |
| (5 | F D H G | D H GIS E |
| (6 | G E C A | E D A F |
| (7 | A F D H | F D H GIS |

## נאנען אקקארדען

D H G E C
D BE G E C
DES BE G E C
DES BE GES E C
DES BE GES ES C
DES BEBE GES ES C
D H GIS E C

## פרעמד הארמאנישע טענער

1) דורכגאנגסטענער
2) וועכסעלטענער
3) הילפסטענער
4) פארעלנגע
5) פארהאלט
6) פאראויסנאהמע

7) פערצעגערער (אדער, נאכשלאגען)

## שליססע

טרוג שלוס
מענגליכער שלוס
ווייבליכער שלוס
אויפגעהאלטענער שלוס
פערמיעדענער שלוס
מיטטעל שלוס (פאלקאמענע און אונפאלקאמענע)
גאנץ שלוס (אויטהענטישער, פלאגאלישער, פאלקאמענער און אונפאלקאמענער)

## הויפט גאטונגען פון דאפעלטען קאנטראפונקט

דער דאפעלטער קאנטראפונקט אין די 1) OKTAVE, 2) NONE, 3) DECIME, 4) UNDECIME, 5) DUO-DECIME, 6) TERZDECIME, 7) QUARTDECIME.

## נעבענגאטונגען

| דער קאנטראפינקט פון די: | שטאמט פון קאנטראפונקט פון די: |
|---|---|
| 1) QUINTDECIME | OKTAVE |
| 2) SEKUNDE | NONE |
| 3) TERZE | DECIME |
| 4) QUARTE | UNDECIME |
| 5) QUINTE | DUODECIME |
| 6) SEXTE | TERZDECIME |
| 7) SEPTIME | QUARTDECIME |

יעצט ענטשטעט די פראגע, וואָרום איז עס פונקט די צאָל זיבען?

די צאָל זיבען האָט איהר שורש אין אונזער תורת, ווי די צאָל 7 איז געוואָרען געהייליגט, כדכתיב (בראשית) „ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו". גאָט האָט געבענטשט און געהייליגט דעם זיבעטען טאָג, דאָס איז דער שבת מיט וועמען עס ענדיגט זיך די וואָך און ווייל גאָט זעלבסט האָט אין דעם טאָג גערוט. כדכתיב (בראשית) „וישבות ביום השביעי".

דאָס זעלבע איז אויך אונז אָנגעזאָגט געוואָרען „ששת ימים תעשה מעשיך (משפטים). אויך די ערד מוז האַלטען הייליג די 7, כדכתיב (בהר) שש שנים תזרע שדך וכו'.

אפי' אַן עבד, וואָס איז פטור מן המצות האָט געמוזט האַלטען הייליג די זיבען, כדכתיב (משפטים) שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי, זעקס יאָר זאָל ער דינען אָבער אויפ'ן זיבענטען יאָר מוז ער זיין פריי, ווען ער וויל אָבער ניט? איז ער אונטערגעוואָרפען צו ווערען געבראָנדמאַרקט און צו דינען זיבען מאָל זיבען (ביז יובל) אָבער מער ניט.

דאַן די שמיטה, וואָס אַלעס אויף דער וועלט (דומם חי צומח, ומדבר) האָט געפייערט דאָס זיבענטע אַלס הייליג.

די ספירה איז זיבען וואָכען, שבע שבתות תמימות תהיינה (אמר) שבעה שבועות תספור לך (ראה).

אשה כי תזריע וילדה זכר וכו' מוז ער בלייבען זיבען טעג אינגע-מלא-ט. שור או כשב או עז כי יולד והיה שבעת ימים תחת אמו. אפי' אַ בהמה איז ניט פאַסיג פאַר אַ קרבן אונטער זיבען טעג אַלט. (אמר)

אפי׳ די חדשים האָבען אויך אַ זיבען וואָס איז הייליג, נעמליך: תשרי, אין וועלכען די הייליגסטע און פורכטבאַרסטע ימים טובים קומען פאָר, כדכתיב, (אמר) בחדש השביעי וכו׳ יהיה לכם שבתון וכו׳ יום הכפורים וכו׳ חג הסכות וכו׳, ביום השמיני עצרת הוא. אין 7-טען הודש זאָל זיין ראש השנה, יום כפור, סוכות און שמיני עצרת. בסוכות תשבו שבעת ימים, זיבען טעג זאָלט איהר וואוינען אין אַ סוכה (אמור). שבעת ימים תאכל מצות, זיבען טעג זאָלט איהר עסען מצה (משפטים, תשא).

נח האָט אין די תבה אַריינגענומען פון כשר׳ע מינים 7, מכל הבהמה הטהורה תקח לך שבעה. ווען נח האָט געוואָלט וויסען אויב דער מבול נעמט אָב, האָט ער געוואַרט 7 טעג. ויחל עוד שבעת ימים (נח).

פרעה׳ס חלום איז בעשטאַנען פון 7, ופרעה חולם והנה שבע פרות (מקץ).

זריקת הדם, שפּרענקלען בלוט אויפ׳ן פרוכת (ביי קרבנות) איז געוועזען 7 מאָל, כדכתיב, יזה שבע פעמים, והזה עליו שבע פעמים (אחרי מות).

אפי׳ די וועלט וועט אויך רוען ביי די זיבען, ווי די גמ׳ זאָגט (סנהדרין צ״ז) אמר ר׳ קטינא שית אלפי שני הוי׳ עלמא וחד חריב. זעקס טויזענט יאָר וועט די וועלט עקזיסטי-רען, ווערענד אין זיבענטען וועט זי זיין חרוב.

ת״ח, בשעתא דברא קוב״ה עלמא, ברא ז׳ רקיעים לעילא, ברא ז׳ ארצות לתתא, ז׳ ימים, ז׳ נהרות, ז׳ יומין, ז׳ שבועות, ז׳ שנים, ז׳ פעמים ז׳ אלפי שנין דהוי עלמא, קוב״ה בשביעא דכלא. גאָט האָט בעשאַפען זיבען הימלען

אויבען, זיבען לענדער אונטען, זיבען טעג פאַר אַ וואָך, זיבען יאָר פאַר אַ שמיטה, זיבען שמיטות פאַר א יובל, זיבען ימים, זיבען טייכען, זיבען מאָל זיבען טויזענד יאָר וואָס די וועלטען וועלען עקזיסטירען. און גאָט איז אין 7-טען 7. (זוהר ויקרא ד' ט'). שבעה כוכבי לכת ברקיע, שבעת רואי פני המלך במלכותא דארעא. אין הימעל גיבט עס זיבען וואַנדעל שטערען ביים ערדליכען קעניגרייך זענען אויך דאָ 7 מיניסטאָרען. וכבר ידעת, כי להקפת השבעה מבוא גדול בענינים הטבעיים וכן הוא עוד בענינים התוריים. דער אומקרייז פון 7 האָט אַ גרויסע בעדייטונג אין נאַטירליכע זאַכען און דאָס זעלבע איז אויך אין תורה אָנגעלעגענהייטען. (מורה נבוכים ח"ג פמ"ג).

האצטגנינים משעבדים שנות חיי האדם למספר השבעה, שבע שנים הראשונות הן תחת הלבנה. ב) תחת כוכב. ג) תחת נוגה. ד) תחת חמה. ה) תחת מאדים. ו) תחת צדק. ז) תחת שבתאי. וכן הרופאים בחפצם לדעת מרוצת חיי האדם מצד מזגו משגיחים על מספר הז'.

די אַסטראָלאָגיסטען (שטערן זעהר) טיילען איין דעם מענשען'ס לעבען אין 7 פעריאָדען: די ערשטע זיבען יאָר שטעהט דער מענש אונטערן מזל לבנה — לונאַ. די צווייטע זיבען אונטער כוכב — מערקור. די דריטע זיבען אונטער נוגה — ווענוס. די פירטע זיבען, אונטער חמה — זון. די פינפטע זיבען, אונטער מאדים — מאַרס. די זעקסטע זיבען, אונטער צדק — יופיטער. די זיבענטע, אונטער שבתאי — סאַטורן. אויך דאָקטוירים ערקענען דעם מענשענס צושטאַנד נאָך די פעריאָדע אין וועלכע דער מענש געפינט זיך. דעריבער איז ביי ביידע געשלעכטער – וואָס מען זעט עס טאָג טעגליך –

די זיעבענטע זיעבען – די זיעבענטע פעריאָדע, נעמליך; פון 42 ביז 49 – די ערגסטע און געפעהרליכסטע צייט פון לעבען.

דער מהרש"א (חידושי אגדות, עירובין ד' י"ט) זאָגט עהנליכעס „כי מעשה האדם ומאורעותיו הם מסוגלים ונמשכים לפי שבעת ימי בראשית" אַלע מעשים און צופעלע פון מענש שטאַמען אַהער, און פּאסירען לויט די צאָל זיעבען פון די וועלט־ערשאַפונג. אין תלמוד געפינט זיך אַ גרויסע צאָל אָבּ־האַנדלונגען איבער די צאָל זיעבען. למשל: פסחים נ"ד, קי"ג. סוכה נ"ב. עירובין י"ט. סוטה כ"ב. ב"ב ט"ו, קכ"א. מגילה כ"ו.

פון די אויבען אָנגעפיהרטע שטעלען איז צו זעהען, אַז אַלעס אויף דער וועלט האָט אַ שבת – די צאָל זיעבען – וועלכער איז דער קאָפּ, דער פיהרער פון די זאַך צו וועלכעס די זיעבען בעלאַנגט. איבער דעם איז די צאָל זיעבען הייליג. אַזוי זאָגט אויך דער ילקוט (שמות רמז רע"ו) „כל השביעיים חביבים למעלה." די צאָל זיעבען פון יעדע זאַך איז הייליג אין הימעל.

און ווי בעוואוסט צו יעדען, וואָס האָט געלערנט מוזיקאַלישע רעגעלן (האַרמאָני) האָבען די זיעבען טענער פון די מוזיק, אויך אַ זיעבעטע צאָל – אַ מין שבת. אַ מין פיהרער, נעמליך: דער לייט־טאָן, THE LEADING TONE. ד. ה. דער זיעבעטער טאָן – אין C. DUR איז עס די „סי" – וועלכע איז איין אונרוהיגעס און פיהרענדעס אונטערוואַל, וואָס פיהרט אימער צום טאָניקא אקארד. דעריבער איז די מוזיק אַזוי פערגעטערט און פערהייליגט געוועזען אין ביהמ"ק ווייל זי ענטהאַלט די הייליגקייט – און איז דער סימבאָל – פון די צאָל זיעבען, מיט וועלכע, גאָט האָט געהייליגט אַלעס אין דער וועלט.

קיין היסטאָריקער אין דער וועלט קען ניט אויפווייזען, אַז די מוזיק האָט שוין עקזיסטירט פאַר די תורה. און אפילו בעפאַר דעם ביהמ"ק. ממילא קומען מיר צום שלוס, אַז די מוזיק פון אַנדערע פעלקער, און אַפילו מאַנכע אינסטרומענטען, זענען נור אַ קאָפּיע פון יודען.

הן אמת, אז די אוהע"ו האָבען די מוזיק ענטוויקעלט, און יודען ניט, וואָרום? ווייל מיט דעם חורבן ביהמ"ק איז אויך אונטערגעגאַנגען דער הערליכער טעמפעל-גאָטעסדיענסט, וועלכער האָט אין גלות שוין ניט געקענט פאָרטגעזעצט ווערען. כמו שנאמר (תהלים קל"ז) איך נשיר את שיר ד' על אדמת נכר. על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו. ווי קענען מיר זינגען די הערליכע געזאַנגען גאָטעס אויף אַ פרעמדען באָדען? אונזערע פידלען האָבען מיר אויפגעהאָנגען אויף די ביימער. דערמיט איז געקומען אַן ענדע צו אונזער געזאַנג און צו אונזער שפּיעלען.

און אַזוי ווי יודען זענען אַלץ נאָך אין גלות, האָבען זיי די מוזיק גענצליך געלאָזט פאַלען, דעריבער האָבען זי די אוהע"ו גענומען און ענטוויקעלט.

דער בעסטער בעוויז, אַז די אוהע"ו האָבען עס נאָכגעאָפּיערט איז, אַז די אוהע"ו האָבען אָנפענגליך געברויכט די מוזיק, נור פאַר'ן קירכליכען גאָטעסדיענסט (אַ קאָפּיע פון ביהמ"ק) ווי עס בעווייזען די אַכט טאָנארטען, נעמליך: אַכט דיאַטאָנישע אָקטאַפען גאַטונגען, D, C, H, A, G, F, E, D. דאָריש, פריגיש, לידיש, מיקסאָלידיש, היפּאָ-דאָריש, היפּאָ-פריגיש, היפּאָ-לידיש, און היפּאָ-מיקסאָלידיש, וועלכע הייסען טאַקי דעריבער „קירכענטאָנארטען", וואָס זענען געוועזען איינגעשלאָסען אין די וועגד פון די קירכע, ביז זי איז אַרויס געפיהרט געוואָרען אויסערהאַלב דער קירכע און ענטוויקעלט געוואָרען צו קאַמער- און טעאַטער-מוזיק (אַן עכט ניט יודישע ענטוויקלונג) וועלכע איז ביי יודען פערבאָטען, כמאחז"ל (ברכות ל"א) מיום שחרב ביהמ"ק אסור לאדם למלאות שחוק פיו בעוה"ז. צייט דער ביהמ"ק איז חרוב געוואָרען איז יעדע איבעריגע שמחה פערבאָטען פאַר יודען, ווי דוד המלך זאָגט „בשוב ד' את שובת ציון וכו' אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רינה". ווען גאָט וועט אונז ווידער צוריק קעהרען, און בויען דאָס ביהמ"ק אין אונזער לאַנד, דאַמאָלס וועלען מיר ווידער זינגען ווי אין די פאָריגע אַלטע גוטע צייטען.

# 8. מעדיצין

אַז די מעדיצין שטעהט היינט אויף אַ הויך ענטוויקעלטע שטופע, איז אַן אונבעשטרייטבאַרע טאַטזאַך. מען טוט דאָך היינט שוין איינזעצען אַ נייע נאָז, נייע ליפּען, קישקעס, גאָרגלען א. ז. וו.

אָבער ווי אַלט איז די מעדיצין? געשיכטליך נאָכווייזבאַר איז די מעדיצין ניט עלטער ווי צוויי טויזענד יאָהר. און די מעדיצין איז די עלצטע פּראָפעסיע פון געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג. זי נעמט אַרום פאָלגענדע צווייגען: אַנאַטאָמיע, עמבריאָלאָדזשי, פיזיאָלאָדזשי, פּאַטאָלאָדזשי באַקטריאָלאָדזשי, דיאַגנאָזא, טעראַפּיוטיקא, כירורגי, היגיענא (וועלכעס וועט אין דיזען בוך ערקלעהרט ווערען יעדע צווייג בעזונדער.)

די ערשטע סיסטעמאַטישע אָבהאַנדלונג איז זאָגאַר געשריבען געוואָרען כיט (450 יאָהר צוריק. אָבער וואָס פאַר אַ דאָקטאָר-בוך איז דאָס געוועזען? אַ העלפט איז געוועזען כשוף, אָבשפּרעכען, אין סגולות ווי כינעזער און אינדיאַנער טוהן עס נאָך היינט. א פערטעל איז געוועזען דורך גראָזען קרייטיכער און רייכערן און דאָס פיערטע פערטעל איז בעשטאַנען אין שיאָגען, קלאַפּען, רייסען און בייסען דעם קראַנקען. דאָס קען מען נאָך היינט זעהען ביי מאַנכע נעגער שבטים אין אפריקא (עיין בספר שבילי עולם) אַז ווען אַ פרוי האַלט ביי געבוירען אַ קינד, קומט דער, זאָ גערופענער, דאָקטאָר, הייליגער, נביא און מכשף (זעה כפענסערס סאָציאָלאָגיע, צווייטער באַנד) און שלאָגט די פרוי אַזוי לאַנג ביז דאָס קינד ווערט ענדליך געבוירען און די מוטער בלייבט האַלב טויט. דאָס איז געזאָגט ווען דאָס קינד לאָזט זיך ניט לאַנג בעטען. ווען אָבער דאָס קינד איז אַ שטיקעל עקשן און איילט זיך ניט צו ווייזען פאַר די וועלט, כאַפּט די מאַמאַ דערווייל קלעפּ און ווען זי האַלט ניט אויס, איז אַ סימן אַז אין איהר איז גאָר קיין קינד ניט דאָ, נור אַ טייפעל וועמען עס העלפט אַפילו קיין קלאַפּ ניט. אַ

וואונדער וואָס די פרויען וועלט – היינט – וואלט געזאָגט צו אזא טייער מיטעל.

פון כינא איז די מעדיצין געוואַנדערט נאָך מצרים, אָבער אויך דאָרטען האָט די מעדיצין קיין פאָרטשריט געמאַכט, און די חרטומים, מכשפים, נביאים און נאָך זאָלכע פיפערנאַטערס, האָבען געהאַט דעם שליסעל צו די, זאָגענאַנטע מעדיצין, וועלכע האָבען געוואוסט פון מעדיצין זאָ פיעל ווי אַ בער פון יום כפור. אויך דאָס געצענדיענסט האָט געשפיעלט די הויפטראָלע אין מעדיצין.

דאַן האָט די מעדיצין געוואַנדערט נאָך גריכענלאַנד, ווי דער ערשטער דאָקטאָר, נאַמענס עסקולאַפיוס, האָט זיך בעוויזען.

נאַכהער איז זי אַוועק געוואַנדערט נאָך רוים, ווי דער ערשטער פראַקטישער דאָקטאָר, אהלוס קאָרנעליוס סעלסוס, האָט פערפאַסט אַ סיסטעמאַטיש ווערק וועגען מעדיצין "DE MEDICINA„ וועלכער האָט געלעגט דעם גרונדשטיין צור ווייטער ענטוויקלונג פון די מעדיצין.

זאָ ווייט די געשיכטליכע נאָכווייזונג פון די מעדיצין, וועלכע ווייס ניט וועגען די מעדיצין ביי פריהערדיגע עלטערע פעלקער.

אָבער וואָס די געשיכטע ווייס ניט, אָדער וויל ניט וויסען, ווייסען מיר יודען, נעמליך: אַז ביי די חכמי התלמוד האָט עקזיסטירט אַ סיסטעמאַטיש גוט געאָרדענטע איינטיילונג פון אלע צווייגען פון די מעדיצין וועלכע האָט איהר אורשפרונג אין די תורה.

מאַנכע היסטאָריקער (אין אַ זעהר קליינע צאָל) ערמאַנען אַפילו מיט אַכטונג די שטעלען פון די תורה און תלמוד, ווי עס ווערט בעהאַנדעלט מעדיצין און זענען אַפילו מודה אַז יודען זענען געוועזען די ערשטע וועלכע האָבען געלעגט גרויס געוויכט אויף דעם שטודיום פון מעדיצין.

אָבער, ווי געזאָגט, די היסטאָריקער קען מען אויף די פינגער צעהלען. אין די תורה געפינען מיר דעם ערשטען דאָקטאָר אין די פערזאָן פון כהן. אין פ׳ תזריע שטעהט „אדם

כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת או בהרת, נגע צרעת כי תהיה באדם והובא אל הכהן". ווען אַ מענש וועט האָבען אויף זיין לייב, אַ געשווילעכץ, אויסשלאַק, פלעקען אָדער איז קרעציג זאָל ער געהען צום כהן דער דאָקטאָר, און די תורה ערצעהלט דאָרטען ווי דער כהן זאָל בעהאַנדלען די קראַנק-הייטען.

אינגאַנצען גענומען, ווערען אין פ' תזריע בעהאַנדעלט פאָלגענדע קראַנקהייטען. שאת, ספחת, בהרת, שחין, מכות אש, נתק, בהרות, קרח, גבח, זב, זבה, צרעת און נאָך אַנדערע נגעים.

אויב שוין, היינט האָבען די אויבענגענאנטע קראַנקהייטען גאַנץ אַנדערע נעמען, דאָך פערשטעהען מיר, אַז די תורה האָט געמיינט הויט קראַנקהייטען, ווי: געשווילעכץ, געשוויר, בייל, הויט פלעקען ענטצינדונג, ברען. האָר-קראַנקהייט, הויט אויסשלאַק, מאָזלען, אויספלוס ביי ביידע געשלעכטער, אויסער הייזער קליידער און כלים.

אין פ' משפטים שטעהט „וכי יריבון אנשים והכה איש את רעהו באבן או באגרוף וכו' רק שבתו יתן ורפא ירפא". ווען איינער שלאָגט זיין חבר מיט די פויסט אָדער מיט אַ שטיין דורך וועלכען, דער געשלאָגענער איז געצוואונגען צו ליגען אין בעט, מוז ער איהם, און אויך דעם דאָקטאָר בע-צאָהלען.

ישעיה (קפיטל א') זאָגט, מכף רגל ועד ראש אין בו מתום, פצע וחבורה ומכה טריה, לא זורו, ולא רככה בשמן. פון קאָפּ ביז פוס איז קיין געזונטע שטעלע פערהאַנדען נור בלויז וואונדען און ביילען, ניט אַרום געבונדען, ניט גע-פלאַסטערט און ניט געשמירט מיט עהל.

ישעיה האָט געהיילט חזקיהו'ן מיט פייגען, (מ"ב כ').

ירמיהו (קפיטל ח') פרעגט פערוואונדערט „הצרי אין בגלעד אם רפא אין שם? כי מדוע לא עלתה ארכת בת עמי?

צי איז אין גלעד ניטאָ קיין מעדיצין און קיין דאָקטאָר? טאָ וואָ-

רוּם איז די געזונטהייט פון מיין פאָלק נאָך ניט הערגעשטעלט?

אלישע הנביא האָט אַ טויט קינד צוריק געבראַכט צום לעבען מיט זיין אייגענע נאַטירליכע וואַרמקייט און אָטעם (רד"ק מ"ב ד).

אלישע האָט אויך געהיילט „נעמן" דורך ווייזען איהם ווי צו בענוצען ים-בעדער (מ"ב ה').

ווען קעניג אסא איז קראַנק געוואָרען האָט ער זיך געלאָזט היילען פון פיעל דאָקטוירים, וגם בחליו לא דרש את ד' כי אם ברפאים (ד"ה ב' ט"ז).

חזקיהו המלך האָט בעהאַלטען אַ דאָקטאָר-בוך, וואָס איז נאָך ביז היינט ניט געפינען געוואָרען. (ברכות י'. פסחים נ"ו.)

א"ר יוחנן בן נורי, מלקט הייתי עשבים, אני וזקן אחד, משל בית אבטינס ומגילת סמנים בידו.

ר' יוחנן ערצעהלט „איך מיט אַן אַלטען מאַן פון די משפחה אבטינס, האָבען געקליעבען קרייטיכער, מיט אַ דאָקטאָר-בוך אין זיין האַנד. (ירושלמי שקלים ד' י"ד).

שמואל ירחינאה, הנקרא אסיא דרבי, היה רופא מומחה, ואמר על עצמו, כל מילי ידענא אסותייהו.

שמואל דער אַסטראָנאָמער וועלכער האָט געהייסען „רבי'ס דאָקטאָר" איז געוועזען אַ בּעריהמטער פיזישען ער פלעגט זאָגען „צו יעדע קראַנקהייט וייס איך אַ מעדיצין". (ב"מ קי"ו)

ר' חנינא איז אויך געוועזען אַ בעריהמטער דאָקטאָר. (חולין ז')

אויך תודוס איז געוועזען אַן אויסגעצייכענטער דאָקטאָר. (בכורות פ"ד מ"ד. נזיר נ"ב. תוספתא אהלות פ"ד)

און וואָס איז עפּעס מכח דעם רמב"ם וועלכער האָט אויך קיין אוניווערזיטעט ניט בעזוכט און דאָך, ווי בעוואוסט פון זיינע דאָקטאָר ביכער, געוועזען דער גרעסטער דאָקטאָר און מעדיצינער עד היום הזה. און אַלעס פון תורה.

# 9. נתוח. אנאטאמיע

אין מענליכען קערפער זענען דא צוויי הונדערט אכט און פערציג גלידער ווערענד אין ווייבליכען צוויי הונדערט צוויי און פופציג (מכות כ"ג).

אשה אחת נתחייבה מיתה למלך בדקו ומצאו בה רנ"ב אברים, דורך א פרוי וועלכע איז פעראורטיילט געווארדען צום טויט, האט מען זיך איבערצייגט אז א פרוי האט פיער גלידער מעהר ווי א מאן (בכורות מ"ה) די אלע רמ"ח אברים זענען אויסגערעכענט אין מס' אהלות פ"א משנה ח', בכורות ל"ח, מ"ד, מ"ה. חולין מ"ה. ע"ז כ"ח. שבת פ"ב, ילקוט ויקרא רמז תמ"ו.

שס"ה גידין יש באדם, דער מענש האט דריי הונדערט פינף און זעכציג אדערן. א בהמה האט הונדערט און עלף אדערן, פון זיי איין און פופציג חלב אדערן. צומת הגידין איז ביי בהמה, חיה און עוף (חולין פ"ד מ"ו, ברטנורא) ר' יוחנן בן נורי אומר ח' שרצים יש להן עורות. די אכט שרצים וואס די תורה רעכענט אויס אין פ' שמיני, האבען הויט אויף זיך (חולין קכ"ב). עשרה דברים משמשים את הגוף. וושט למזון, קנה לקול, כבד לחימה, מרה לקנאה, הריאה לשתן, הטחול לשחוק, קיבה לשינה, לשון לדבר, לב מבין, כליות יועצות.

דער גוף האט צעהן משרתים, יעדער פאר א בעזונדערן צוועק. דער וויישעט, אריינצונעמען דאס עסען. דער גארגעל, פאר די שטימע. די לעבער, ברענגט כעס. די גאל, ברענגט אייפערזוכט. די לונגען, צו בעפעהיגען דעם קערפער צו טרינקען. די מילץ, צו לאכען. דער מאגען, צו שלאף. די צונג, צו רעדען. דאס הארץ, צו פארשטאנד. די נירען, זיך צו בערא־טען. (ילקוט ויקרא רמז תסה) (אויך אין ברכות ס"א.)

טרפה אינה חיה, א בעל חי, וואס ליידעט פון אזא קראנקהייט, וועלכע איז, ביי א כשר בעל חי, טרפה פאר יודען, קען קיין יאהר ניט לעבען (חולין נז) המעיים של אדם דומין למעי

חזיר, די געדערים פון אַ מענש זענען פונקט דאָס זעלבע ווי די געדערים פון אַ ד״א. (תענית כ׳)

די קונסט פון אַנאַטאָמיע ביי די חכמי התלמוד קען מען ערשט ריכטיג הערויספינדען פון הלכות נקור. טרייבערן דאָס בשר׳ע פלייש.

דעם אָבשטאַם פון אַנאַטאָמיע פינדען מיר אין תנ״ך. ע״כ לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה, יודען טאָרען קיין גיד הנשה ניט עסען צו ווענלכען עס איז נויטיג געוועזען צו וויסען ווי, און אין וועלכען פלאַץ די גיד הנשה איז.

עצמות גידים, בשר, עור ועורקים. ביינער, אָדערן, פלייש, הויט און נערוועען (יחזקאל ל״ז).

עור ובשר תלבישני, ובעצמות וגידים תשוככני. מיט הויט און פלייש האָסט דו מיך בעקליידעט און מיט ביינער און אָדערן מיין אינגעווייד בעדעקט. (איוב י׳ י״א)

# 10. עובר, עמבריאלאָדזשי

(הילד בבטן אמו)

אשה יולדת למאתים ושבעים ואחד, עד שבעים וארבעה ימים. דאָס שוואַנגערן געדויערט פון צוויי הונדערט איין און זיעבציג, ביז צוויי הונדערט פיער און זיעבציג טעג. (נדה ל״ח)

ג׳ חדשים הראשונים, ולד דר במדור התחתון. אמצעיים, במדור האמצעי. אחרונים, במדור העליון. דאָס שוואַנגערן האָט דריי פעריאָדען צו דריי חדשים יעדער פעריאָד. (נדה ל״א)

תחלת בריאותו של שפיר מרוקם הוא בקרום ושתי עיניו כשתי טפים של זבוב ומקורבים זה לזה, ופיו מתוח כחוט השערה וכו׳ דער אָנפאַנג פון עמבריאָ איז אַן איבערצוג פון הויט, די צוויי אויגען זענען פונקט ווי ביי אַ פליג, איינס נעבען צווייטען. דאָס מויל האָט בלויז אַ צייכען פון אַ האָר א. ז. וו.

הולד מונח במעי אמו שתי ידיו על שתי צדעיו שתי אציליו על ארכבותיו, עקביו על עגבותיו וראשו בין ברכיו, פיו סתום וטבורו פתוח. ואוכל ושותה ממה שאמו אוכלת ושותה. כיון שיצא לאויר העולם נפתח הסתום ונסתם הפתוח.

דאָס עמבריא ענטוויקעלט זיך אין פאָלגענדען צושטאַנד: די הענד אויף׳ן שטערן, די עלענבויגען אויף די קניהען, דער קאָפּ צווישען די קניהען. מיט אַ געשלאָסען מויל און אָפענעם נאָפּעל. און ווערט גענעהרט פון די מוטערס נאַהרונג.

זאָ שנעל ווי עס ערבליקט די וועלט עפענט זיך דאָס געשלאָסענע און שליעסט זיך דאָס אָפענע. (נדה ל׳)

# 11. שמירת הבריאות, היגיעניע.

זויבערקייט איז די בעשיצערין פון געזונד, און האָט פערנומען דעם ערשטען פלאַץ פון מענשליכקייט אין די תורה.

יקח נא מעט מים ורחצו רגליכם. וואַשט צו ערשט אייערע פיס. (בראשית י״ח ד׳).

ורחצו אהרן ובניו ממנו את ידיהם ואת רגליהם. אהרן און זיינע זיהן זאָלען זיך וואַשען הענד און פיס פאַר׳ן טוהן די עבודה. (שמות ל׳ י״ח)

ורחץ בשרו במים וטהר. אום צו זיין זויבער זאָל ער זיך וואַשען מיט וואַסער. (במדבר י״ט ז׳)

ויטבול בירדן, ער האָט זיך געבאָדען אין ים. (מ״ב ה׳ י״ד)

די היגיענא שטעהט אויך אין די תורה אויסגעדריקט אין צוויי ווערטער „ושמרתם לנפשותיכם״, קוקט נאָך און פלעגט אייער לייב. איבערדעם האָט די תורה אַזוי פיעל מאָהל בעפוילען דינים וועגען טומאה.

האי מאן דמשי ולא נגוב טובא נקטיה ליה חספניתא. דער

וואָס ווישט זיין פנים ניט אָב נאָך'ן וואַשען שפּאַלט זיך די הויט און שיילט זיך אָב. (שבת קלג)

מי שאינו מסרק את ראשו תדיר, קשה לעינים. דאָס פערנאַכלעסיגען צו קעמען די האָר פון קאָפּ, שאַט זעהר צו די אויגען. (נדרים פ"א)

ההולך בבגדים שאינם כבוסים מביאים אותו לידי שעמום. דאָס שטענדיגע טראָגען שמוציגע אונטערוועש, קען ברענגען אַ מענש צו זינלאָזיגקייט. (נדרים פ"א)

אל ישכב אדם על גבי הקרקע, כי מזיק לגוף. שלאָפען אויף דער ערד שאַדעט זעהר דעם קערפּער. (ברכות ס"ב)

האוכל והשותה מעומד יחלש גופו ומכחיש כחו. עסען און טרינקען שטעהענדיגערהייט שוואַכט אָב דעם קערפּער און מינדערט דעם כח.

יאכל שליש, וישתה שליש ויניח שליש אז יהיה הגוף בריא. אום דעם גוף צו האַלטען אין אַ געזונדען צושטאַנד, זאָל מען עסען נור אַ דריטעל, טרינקען אַ דריטעל און לאָזען פּלאַץ אין מאָגען פאַר אַ דריטעל, ניט פול איבערלאָדען דעם מאָגען וועט עס לייכט זיין צו פערדייען. (גיטין ע')

השותה מים פושרים בכוס של מתכות ולא נתן בהם שום תבלין בעת הבשול מזיקים לגוף. לעבליך וואַסער פון אַ מע-טאַלענע כלי אָהן אַ שום אַנדער זאַך, איז שעדליך צו טרינקען (ב"מ כ"ט)

אל ישתה את הרתיחה אשר למעלה על הכוס דקשה לכרסם. דער שוים פון אַ געטראַנק איז שעדליך צו די נאַז. (חולין ק"ה)

אל ישתה מכוס ששתה בו חבירו אא"כ ישטפנו תחלה. עס איז שעדליך צו טרינקען פון אַ כלי, וואָס איינער האָט פריהער געטרונקען, און ניט אויסגעשווענקט די כלי. (תמיד כ"ז)

לא יאכל אדם בהסבת ימין שמא יקדים קנה לוושט. עס איז שעדליך צו עסען אָנגעלעהנט אויף די רעכטע זייט. (פסחים קי"ד)

אכל ולא שתה אכילתו דם, וזהו תחלת חולי מעיים. עסען

אָהן טרינקען איז דער אָנפאנג פון מאָגען קראנקהייט. (שבת מ״א)

דם רבה שחין רבה, א סאך בלוט מאַכט געשווירען. (בכורות מ״ד)

עד ארבעים שנה אכילה מועלת לגוף יותר משתיה, לאחר ארבעים שנה השתיה מועלת לגוף ביותר. ביז פיערציג יאָהר איז עסען געזונדער פאַר׳ן קערפער ווי טרינקען. נאָך פיערציג איז טרינקען בעסער. (שבת קי״ג)

האוכל לאחר שש שעות היום ולא טעם מאומה בבקר, אותה אכילה אינה מועלת עוד, והוא כזורק אבן לחמת. עסען פריהשטיק נאָך צוועלף אוהר, נאָך זייענדיג גאנץ ניכטערן, איז אונגעזונד און אונגעראהאפט. (פסחים י״ב)

אמר רב אחא בר יעקב בתחלה היו ישראל דומין כתרנגולין שמנקרים באשפה, עד שבא משה וקבע להם זמן סעודה, בערב תאכלו בשר ובבקר תשבעו לחם. איידער די תורה איז געגעבען געוואָרען האָט די מענטשהייט ניט געהאַט קיין געזעצטע מאָלצייטען. ביז משה האָט בעשטימט, אז ברויט איז פאַר פריהשטיק און פלייש פאַר מיטאָג. (יומא ע״ה)

אל יפסע אדם פסיעה גסה, כי קשה למאור עינים. האַסטיג געהען איז שעדליך פאַר די אויגען. (פסחים קי״ג)

ישיבה קשה לתחתוניות, עמידה קשה ללב, הליכה קשה לעינים, כ״א שליש, דאָס בעשטענדיגע זיצען ברענגט העמאָרידין, שטענדיג שטעהען איז שעדליך פאַרן הארץ, און דאָס שנעלע געהען איז שעדליך פאַר די אויגען. נור א דריטעל זיצען, א דריטעל שטעהען און א דריטעל געהען. (כתובות קי״א)

ר׳ יהודא אמר, דבורא קשי לעינא. פיעל רעדען שטרענגט אָן די מוסקלען פון די אויגען, וועלכע זענען פערבונדען מיט די באַקען. (נדרים מ׳)

דער מהרי״ל (תשובה, סי׳ ל״ה) שרייבט: שלא לשתות מים מגולים במקום ששכיחים נחשים ושלא לאכול בשר ודגים יחד שקשה לצרעת, ליזהר מזיעת אדם, שלא ליתן מעות לתוך פיו, ושלא לאכול בידים מזוהמות. ניט צו טרינקען וואסער,

ווי עס געפינען זיך שלאנגען, וואס איז ניט געוועזען צוגע־
דעקט. דאס עסען פלייש מיט פיש צוזאמען איז שעדליך.
שווייס איז שעדליך און קען איבערטראגען א קראנקייט. געלט
צו האלטען אין מויל איז שעדליך. און אויך דאס עסען מיט
שמוציגע הענד איז שעדליך.

אין מסיחין בסעודה שמא יקדים קנה לוושט. עס איז
שעדליך צו רעדען אין מיטען עסען. (תענית ה׳)

ג׳ דברים, המאריך בהן, מאריכין ימיו ושנותיו של אדם,
תפלה שלחן וביה״כ. איינס פון די דריי זאכען וועלכע פער־
לענגערן דעם מענשען׳ס לעבען, איז לאנגזאם און געמיטליך
עסען. (ברכות נ״ה)

לא יניח פיו על קלוח המים לשתות משום סכנה. אריין
שטראמען וואסער אין מויל, פון א רעהר איז שעדליך.
(ברכות ח׳)

כל הכועס תחתוניות שולטות בו. כעס און אויפרעגונג
ברענגט העמארידין. (נדרים כ״ב)

כעס מסמא עיניו של אדם, כעס איז שעדליך פאר די
אויגען. (מדרש אגדה פ׳ תולדות)

אנחה שוברת גופו של אדם. זארג און קומער צעברעכט
דעם מענש. (כתובות ס״ב)

עיר שאין בה מרחץ אין ת״ח רשאי לדור בתוכה. א
ת״ח טאר ניט וואוינען אין א שטאדט, וואס האט קיין באד.
(סנהדרין י״ז)

ד׳ בתים היו לבית המרחץ. 1) בית הנסרים. 2) בית
היקמין. 3) בית הספסלים. 4) ובית הוילאות. מפרש״י, בית
הנסרים להלוך, שלא יכוו מהאבנים שנתממו. בבית היקמין
היו מזיעין ומעטפין בבגדים את ראשיהם מפני החום שלא
יזיק להם, בבית הספסלים היו יושבין על ספסל ולכל אחד ספל
מים. בית הוילאות להסתפג בו באלונטיאות. המים הכניסו
למרחץ ע״י סילונים.

א באד האט געהאט פיער חדרים. 1) א ברעטער־חדר,
וואס האט בעדעקט דעם שטיינערנעם געפלאסטערטען באדען,

וועלכער איז געוועזען זעהר הייס, און דעריבער בעדעקט גע־וואָרען מיט ברעטער. 2) דאָס שוויטץ־חדר, וואו מען איז גע־לעגען און געשוויצט מיט אַרום געבונדענעם קאָפּ צו בעשיצען דעם מח פון די היטץ. 3) דאָס בענק־חדר, וואו יעדער איז געזעסען אויף אַ באַנק מיט אַ בעקען וואַסער צום אָבגיעסען זיך. 4) דאָס קליידער־צימער, צום אָבטרוקענען און אָנקליידען זיך, און אָבצוזוען. דאָס וואַסער אין מרחץ איז אַריין גע־צויגען געוואָרען דורך רעהרען. (ב"ב ס"ז, שבת י')

## 12. מעדיצינען. טערפּיוטיקא.

ורפא ירפא, מכאן שניתנה רשות לרופא לרפאות. אַז די תורה שרייבט „ער זאָל היילען" ענטנעהמען מיר דערפון, אַז דער דאָקטאָר האָט דאָס רעכט צו היילען ווי ער פערשטעהט. (ברכות ס')

בהנהגת ביהמ"ק העמידו ממונה מיוחד, את בן אחיה על חולי מעים. אין בית־המקדש איז געוועזען אַ ספּעציעלער דאָק־טאָר אָנגעשטעלט פאַר די כהנים. (שקלים פ"ה)

כל שיש בו משום רפואה אין בו משום דרכי אמורי. יעדע זאַך, וואָס קען ניצען צו אַ רפואה איז ערלויבט. (שבת ס"ז)

קילורית, סממנים למרח על העינים. אַן אוינטעמענט פאַר די אויגען, אַזאַ מישונג פון אַזאַ ווייסען שטאָף מיט געווירצען — דאָס הייסט קילורית. (שבת ע"ו)

מלוגמא, מין תחבושת לרכך אבעבועות קשות. אַזאַ פלאַסטער, ווייך צו מאַכען הארטע געשווירען. דאָס איז מלוגמא. (כלים פכ"ח ג')

תריך, סממנים מעורבין עם בשר נחש לשתות למי שאוחזתו חמה. געווירצען געמישט מיט'ן זאַפט פון שלאַנגען

פלייש צו טרינקען פאַר היצקראַנקהייט. די מעדיצין הייסט תריך. (נדרים מ״א)

אפיקטוזין, להקיא המזון. ברעכמיטעל איז אפיקטוזין. (שבת פכ״ב ו׳)

שלח ליה רבי ינאי למר עוקבא לישדר לן מר מהנך קילורין דמר שמואל, שלח ליה שדורי משדרנא לך, דלא תימא צר עין אנא, אלא הכי אמר שמואל, טובה טיפת צונן שחרית מכל קילורין שבעולם.

ר׳ ינאי האָט געבעטען מר עוקבא׳ן צו שיקען איהם שמואל׳ס אויגען זאַלב (שמואל איז געוועזען אַ גרויסער דאָק-טאָר) האָט מר עוקבא איהם געענטפערט, איך שיק דיר די זאַלב כדי דו זאָלסט ניט זאָגען אַז איך בין אַ קאַרגער. נור אין אמת׳ן, האָט שמואל געזאָגט, אַז וואַשען די אויגען אין דער פריה מיט קאַלט וואַסער איז בעסער ווי אַלע זאַלבען אין דער וועלט (שבת ק״ח)

יד לעין, לפה, לחוטם, ולאוזן תקצץ. לעין מפני שמסמא, לפה — מפני ריח רע, לחוטם — מפני שמעלה פוליפוס, לאוזן — מפני שמחרשת.

פאַר דעם אויג, מויל, נאָז און אויער איז דאָס אָפּטע בעריהרען מיט די האַנד, שעדליך. פאַר׳ן אויג — קען ברענגען בלינדקייט, פאַר׳ן מויל — אַ שלעכטען גערוך, פאַר די נאָז — אַ פּוליפּ, פאַר׳ן אויער — טויבקייט.

פּאָקען, (SMALLPOX) אַ בעוואוסטע קראַנקהייט, וואָס איז געוועזען זעהר געפעהרליך ביז מיט אַ הונדערט און דריי-סיג יאָהר צוריק ווען DR. JANNER פון ענגלאַנד האָט אין 1799 ענטדעקט אַ געגען גיפט צו פערהיטען דאָס קומען פון די קראַנקהייט, דאָס איז די זאָ בעוואוסטע וואַקסינעשען (אָדער פּאָקען זעצען) מיט מאַטעריע פון בלאַטערן פון אַ בהמה. דאָס הייסט גאַנץ פּשוט: „היילען בלאַטערן מיט בלאַטערן״.

אָט די אידעע געפינען מיר שוין אין די גמ׳ (שבת מ״א) שמואל, דער גרויסער דאָקטאָר זאָגט „הבלא מפיק הבלא. — פייער היילט אַ ברען״.

איבנו (EBONY) עץ שחור, טבעו ליבש ולטהר כל הליחות, ולחדד חוש הראות. עבנאי, (אזא שווארץ האָלץ) איז גוט פאַר ברוסטליידענע און פאַר אויגען נערוועז.

אפרסקא, (כתובות קי״ב) מן העצים שרשים ועלים עושים רפואות. הקטף הנוטף ממנו מעורב ביין אדום טוב למחלת הריאה והקאת דם, לנגע שבגרון, לחולי הכליות והמקוה.

אפרסקא-האָלץ צוזאַמען מיט זיינע וואָרצלען און בלעטער מאַכט מען מעדיצינען. דער זאַפט (פון האָלץ) געמישט מיט רויטען וויין איז גוט פאַר אַסטמא, בלוט שפייען, האַלז און נירען קראַנקהייט און גאַלשטיינער.

ברותים. אבק שלו, מעורב ביין לרפא עקיצת עקרב. מעורב בדבש שושנים לרכך כל מורסא. גם עושין ממנו תרופות וקילורית לעינים ולכל שאת וספחת. דער פודער (פון טענענ-בוים האָלץ) געמישט מיט וויין, איז גוט קעגען אַ ביס פון אַן עקריס. נעמישט מיט ראָזען האָניג, — ווייך צו מאַכען אַ געשוויר. פון דעם פודער מאַכט מען אויך זאַלבען צו היילען געשווירען און אויגענליידענדע.

זית, עליו שחוקים ומעורבים בדבש עושים תחבושת לרפא בשר חי בכויה או בחבורה. המים מבישול עציו מרפא נגע הפה והגרון ותבלול שבעין. ספוג טביל בבשול זה, בתתו על הטבור יעצור כל שלשול דם והוסת.

אַ פלאַסטער פון צעריבענע בלעטער (פון איילבירטבוים) געמישט מיט האָניג איז גוט פאַר צו היילען ווילד-פלייש דורך אַ ברען אָדער אַ קלאַפּ. דאָס וואַסער פון דעם געקאָכטען האָלץ, איז גוט צו מויל-און האַלז ענטצינדונג און צו אַ בלאָנע איבער'ן אויג. אַן איינגעטונקענע שוואם (אין דעם וואַסער) היילט יעדען בלוטפלוס, ווי העמארידען א. ז. וו.

אילן התנין (פראקסינוס בלע״ז) אילן שהנחשים בורחים ממנו, טבעו חם ויבש. ומשתמשים בו נגד כל ארס, השותה מעליו שנתבשלו יתרפא מנשיכת נחש, ואם איש שמן ישתה, ירזה. קליפתו שרופה לאפר ומעורבת בשמן ורד תרפא כל נגע.

פראַקסינוס (דער שלאַנגען בוים — פערטרייבט די שלאַנגען) איז אַ הארט און טרוקענער בוים, וואָס ווערט בענוצט אלס געגען גיפט. צ.ב.ש. טרינקען דאָס וואַסער פון די געקאָכטע בלעטער, היילט אַ שלאַנגען ביס. אַ פעטען מענש אָבער, מאַכט דאָס וואַסער מאָגער. די אַש, (פון די פערברענטע שאָלעכץ) געמישט מיט בלומען, — אייל היילט אַלע געשווירען.

ערמון, קליפתו ושרשיו מסוגלים ליבש כל מכה וחבורה ולרפאותם. די רינד, און וואָרצלען פון קאַשטאַנען האָלץ, טרוקענען און היילען אַלע געשווירען.

קיקיון, (הידרה בלע״ז) אבק מפרחיו היבשים במשקל דרכמא אחת ירפא כל שלשול דם, חולי ירקון, טחול וכליות. ואשה השותה מעליו מבושלים נעשית עקרה.

איין דראכמא פודער פון הידרע בלעטער היילט אַ בלוט-שטורץ, געלבזוכט, מילץ און נירען קראַנקהייט. דאָס וואַסער (פון געקאָכטע הידרה בלעטער) איז שעדליך פאַר אַ פרוי ביז אין די פופציג.

רימון יש בו שני מינים. חמוץ ומתוק. החמוצים עוצרים כל שלשול. אבק עצו מיבש כל נגע. זויערע מילגרוימען היילען אַ דורכפאַל. דער פודער פון האָלץ טרוקענט און היילט געשווירען.

תותים עליו יבשים וכתושים נעשים תחבושת לרפואה. געשטויסענע מוילבעערען-בלעטער זענען גוט פאַר פלאַסטערס.

תפוח, מבשלים עציו בחומץ וטובלים בו ספוג או בגד ליתן על הבטן לשלשל הדם או לתחתוניות, גם מוציאים מים מעץ זה בעודנו רטוב וירוק והם טובים להצהיל פני הנשים למצא חן.

פאַר בלוטפלוס און העמארידען, איז גוט צו צולעגען אַן איינגעטונקענע שוואם אין געקאָכטען האָלץ מיט עססיג. דער זאַפט פון דעם גרינעם האָלץ מאַכט דאָס פנים שעהן, בעזונדערס פאַר פרויען.

# 13. חירורגי. אפעראציאָן

רופאי זמננו המציאו להעמיד שפופרת בצואר למחלת אסכרה אחרי הנתוח וחכמי התלמוד כבר ידעו מזה, כמו, רחל אחת היתה בשכונתנו שנקדר קנה שלה ועשו לה קרומין של קנה וחיתה חולין נ״ד

די הייטיגע דאָקטוירים האָבען ערפונדען אזילבערנע רער אריין צו שטעקען אין האלז ווען איינער איז אָפערירט גע-וואָרען אויף׳ן האלז. וועהרענד אונזערע חכמים האָבען דאָס שוין געוואוסט און טאַקי אויספּרובירט ביי אַ שעפּס.

אויך דער שלאָפטראַנק, וואָס איז ערפונדען געוואָרען פון SOUBEIRAN — אַ פראַנצויז, און ביי „LIEBIG" אַ דייטש (1831), וועלכער האָט ערשט אין 1835 געקרוגען דעם נאָמען קלאָראָפאָרם פון „DUMAS" האָבען אונזערע חכמים געקענט. אין ב״מ ד׳ פ״ג זאָגט די גמ׳ אַז מען פלעגט אַ חולה איינ-שלעפערן מיט אַזאַ טרונק אַז ער זאָל ניט פיהלען די יסורים פון די אָפעראַציאָן. ר׳ אליעזר ב״ר שמעון לא מייתבא דעתיה. אשקיוהו סמא דשינתא ועיילוהו לביתא דשישא וקרעו לכריסיה. אויך שטעהט אין גמ׳ (ב״ק ד׳ פ״ה) לקטוע לאדם ידו בין סייף לסם שאין שם צער כלל. צו אמפּוטירען אַ האַנד מיט אַזאַ סם וואָס איז שמערצלאָז. אויך פון אַ קייזערשניט (די אוננאַ-טירליכע געבורט פון יוליוס צעזאַר) האָבען זיי געוואוסט. אין די גמ׳ (חולין ס״ח) הייסט עס יוצא דופן. (עיין תוס׳ ע״ז ד׳ י׳. ד״ה „כל נשיאיה״)

# .14 אסטראנאמיע

אַסטראָנאָמיע הייסט „דאָס געזעץ פון די שטערן״. און אַלעס וואָס בעלאַנגט צו די שטערען. ווי; לקוי חמה ולבנה, קאָמעטען, שטערען, לוח, א. ז. וו.

די אַסטראָנאָמיע איז די עלצטע חכמה אונטער אַלע חכמות. כינא פיהרט אַפילו צוריק די אַסטראָנאָמיע ביז 4789 יאָהר.

408 יאָהר שפעטער זאָל מען האָבען געפינען פיער פלאַנעטען: מערקורי, מאַרס, יופיטער און סאַטורן.

די גריכישע אַסטראָנאָמיע פאַנגט זיך אָן 640 יאָהר פאַר אונזער צייטרעכענונג, מיט דעם גרינדער פין די יאָנישע שוהלע, נאָמענס, טהאלעס, דער נעקסטער אַסטראָנאָמער איז „פיטאַגאָראַס״. 580 יאָהר פאַר אונזער צייט. דאַן קומט די געגרינדעטע אַסטראָנאָמישע שוהלע אין אַלעקסאַנדריע, מיט די אַסטראָנאָמען: אריסטילוס, טימאָקאַריס, עראטאסטהענעס, אריסטאַרשוס, ערשט דאָ פאַנגט זיך אָן די אמת׳ע אַסטראָנאָמישע קונסט.

היפפאַרקוס 150 יאָהר פאַר אונזער צייט.

פטאלעמי פון אַלעקסאנדריע, אין צווייטען יאָהרהונדערט.

ערשט אין דרייצעהנטען יאָהרהונדערט איז די אַסטראָנאָמיע אויפגעשיינט אויך אזן אייראָפא, לויט פטאָלעמי׳ס בוך „אלמארזשעסט״.

דער גרעסטער אייראָפעאישער אסטאראנאם, אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, איז געוועזען קופערניקוס און דאַן טיכא בראהע. דאַן קומט גאַליילעא, וועלכער האָט שוין, מיט די הילף פון אַ טעלעסקאָפ, אונטערשטיצט די קופערניקאַנישע אידעע פון די ערד בעוועגונג.

דאַן קומט ניוטאן מיט זיין עפּאָכע מאַכענדער אידעע אויף זיינע PRINCIPIA, אין 1687.

אַ גענויע סיסטעמאַטיש געאָרדענטע לעהרע וועגען אַסטראָנאָמיע קענען מיר, עלטער ווי, 2600 יאָהר, ניט פינדען.

אָבער, מיר, יודען האָבען שוין אַסטראָנאָמישע רעכענונגען און שטערען קונסט געוואוסט פיעל פריהער.

אין פ׳ בראשית זעהען מיר „יהי מאורות ברקיע שמים וכו׳ והיו לאותות ולמועדים ולימים ושנים״. די זון און לבנה זאָלען דיענען צו בעלייכטען די וועלט, און פאַר צייכענס, ימים טובים, טעג, און יאָהרען.

אין פ׳ בא, לעזען מיר, „החדש הזה לכם ראש חדשים״ די נייע לבנה זאָל זיין דער אָנפאַנג פון מאָנאַט וועלכער זאָל אויך, צו גלייכער צייט, זיין דער אָנפאַנג פון די מאָנאַטען.

ומבני יששכר יודעי בינה לעתים לדעת מה יעשה ישראל. יששכר׳ס קינדער זענען געוועזען גרויסע אַסטראָנאָמער, וועלכע האָבען געוואוסט אויסצורעכענען די בעוועגונג פון די לבנה און דאדורך צו בעשטימען די ימים טובים פאַר יודען. (דה״א י״ב ל״ב)

וד׳ ברך את אברהם בכל, אצטגנינות גדולה היתה בלבו, וכל מלכי מזרח ומערב משכימין לפתחו לשאול במזלות. אברהם איז געבענטשט געוועזען מיט אַלעם, ערקלעהרט די גמ׳ אַז דאָס מיינט, אברהם איז געוועזען אַ גרויסער שטערען זעהער (אַס־טראָלאָדזשיסט) צו וועמען אַלע מלכים זענען געקומען לערנען שטערן קונסט. (ב״ב ט״ז)

וא״ר יוחנן מנין שמצוה על האדם לחשוב תקופות ומזלות שנאמר כי היא חכמתכם ובינתכם, לעיני העמים, ואיזו? זהו חישוב תקופות ומזלות. ר׳ יוחנן זאָגט, עס איז אַ מצוה צו שטו־דירען אַסטראָנאָמיע, ווייל די תורה זאָגט איהר יודען קענט די חכמה בעסער ווי אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע חכמה איז דאָס? דער שטודיום פון אַסטראָנאָמיע. (שבת ע״ה)

שמואל אמר, נהירין לי שבילי דרקיע כשבילי דנהרדעא. שמואל פלעגט זיך ריהמען: „די שטעגען פון די הימלישע קערפער און זייערע בעוועגונגען זענען מיר אַזוי גוט בעוואוסט ווי די שטעגען פון מיין שטאָדט נהרדעא״. (ברכות נ״ח)

די מיינונגען פון אַלע רעליגיעזע אַסטראָנאָמען וועגען די בעוועגונג פון די זון, אָדער פון די וויסנשאַפטליכע אַסטראָנאָ־

מער, ווי קופערניקוס, וועגען די בעוועגונג פון די ערד, איז שוין מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק דיסקוטירט געוואָרען פון די חכמי התלמוד, וועלכע זענען אַלץ ניט געקומען צו קיין שלום.

דער מדרש רבה (בראשית פ"ו י"ג) זאָגט: כיצד גלגל חמה ולבנה שקועים ברקיע? ארשב"י אין אנו יודעין אם פורחין הן באויר, או שפין ברקיע, או מהלכין הן כדרכן. הדבר קשה מאד וא"א לבריות לעמוד עליו.

ווי בעוועגען זיך די זון און לבנה אין הימעל? האָט ר' שמעון געענטפערט: מיר ווייסען ניט, אויב זיי בעוועגען זיך אין די לופט, אָדער אין הימעל, אָדער זיי האָבען זייער אייגענע בעזונדערע בעוועגונג.

און טאַקע ביז צום היינטיגען טאָג אפילו, איז נאָך קאָפּערניקוס אידעע ניט זאָ פעסט געזעצט. האָט דאָך אויך טיכא בראהע ניט געוואָלט איינשטימען מיט זיין לעהרע. (עיין ספר הברית ח"א מאמר ט' פ"ח).

# לקוי חמה ולבנה.

## זון און לבנה פינסטערנים.

אויך דיעזע צייכענס ווערען ערמאָנט אין די תורה. ומאותות השמים אל תחתו. שרעקט זיך ניט פאר צייכענס פון פערדונקלונג. (ירמיה י')

השמש יהפך לחושך, והירח לדם. די זון וועט פער־טונקעלט ווערען און די לבנה וועט ווערען טונקעל רויט ווי בלוט. (יואל ג')

והבאתי השמש בצהרים והחשכתי לארץ ביום אור. די זון וועט אונטערגעהן אין מיטען טאָג, זאָ דאָס די וועלט וועט פערפינסטערט ווערען. (עמוס ח').

ובאה השמש על הנביאים וקדר עליהם היום. איבער די פאַלשע נביאים וועט די זון אונטערגעהען און פערפינסטערן דאָס טאָג ליכט. (מיכה ג׳)

חשך השמש בצאתו וירח לא יגיה אורו. די זון וועט פינסטער ווערען און די לבנה וועט ניט לייכטען. (ישעיה י״ג).

ר׳ מאיר אומר בזמן שהמאורות לוקין סימן רע לשונאיהם של ישראל. זון און לבנה פינסטערניס איז אַ שלעכטער סימן פאַר יודענס שונאים.

דער „אבן עזרא״ אין בראשית, ערקלעהרט, לאותות ולמועדים, ויתכן להיות לאותות על קדרות הלבנה והשמש. דאָס וואָס די תורה זאָגט, אַז די ליכטער זאָלען זיין אַלס צייכענס, מיינט עס די צייכענס פון די זון און לבנה פערטונקלונג.

# כוכבא דשביט. קאָמעט.

דער ערשטער קאָמעט איז ערשינען אין יאָהר 1231. נאָכהער ווידער אין 1378, 1456, 1531, 1607, 1682, דער לעצטער איז דער זא גערופענער האַליי׳שער קאָמעט. געפונען געוואָרען פון האַליי, וועלכער האָט פאָרויסגעזאָגט די ווידער־ערשיינונג פון דעם קאָמעט אין 1759. ד. ה. 77 יאָהר שפע־טער. דאַן אין 1835, און 1910 בעטראַכטען מיר גענוי, די ערשיינונגען פון די קאָמעטען וועלען מיר זעהען, אַז די קאָ־מעטען זענען ניט ערשינען אין אַ בעשטימטען פעריאָד יעדעס מאָל גלייך .צ. ב. ש. פון 1231, ביז 1301, איז געוועזען 70 יאָהר. דאַן 77 יאָהר, 78 יאָהר, 75 יאָהר, 76 יאָהר, 75 יאָהר, 77 יאָהר. 76 יאָהר און 75 יאָהר. דאָס בעווייזט, אַז אַפילו האַליי זעלבסט האָט אויך ניט געקענט אויסרעכענען גענוי, צו בע־שטימען די ערשיינונג פון קאָמעט יעדע 70 אָדער 75 יאָהר. און טראָצדעם וואָס האַליי׳ס קאָמעט איז געוועזען דער ער־שטער אויסגערעכענטער קאָמעט אויף 77 יאָהר. איז דער קאָמעט פון 1231, ערשינען צום צווייטען מאָל, פונקט אין 70 יאָהר

שפעטער (1301). אויב אזא שטערן, ווי א קאמעט עקזיסטירט, און אז דער קאמעט ערשיינט פעריאדיש. האט פריהער קיינער ניט געוואוסט.

ווען, אבער, די פאריגע אסטראנאמען, מיט האליי'ן אריינגערעכענט, וואלטען געלערנט גמרא, וואלטען זיי יא גע-וואוסט. די גמ' זאגט (הוריות י') ר' יהושע ידע לחשוב מהלך כוכב דשביט של שבעים שנה. ואמרו כוכב אחד עולה לשבעים שנה. ר' יהושע האט געוואוסט אויסצורעכענען די ערשיינונגען פון קאמעטען, און האט אויסגערעכענט, אז ער ערשיינט יעדע 70 יאהר.

## שטערן.

די חכמי התלמוד האבען געוואוסט, ניט בלויז זוי פיעל ווי די הייגטיגע חכמים נור נאך פיעל מעהר, פון וועלכע די היינטיגע אסטראנאמען ווייסען נאך, עד היום הזה ניט, און ווען עס וועט אמאל ערשיינען א מאדערנער חכם און עס ענט-דעקען, דאמאלס וועט ווידער ווערען א רעש מיט די גרויסע ענטדעקונג, און יענער וועט קריגען דעם נאמען „גרויסער חכם".

אין גמ' שבת קנ"ו ערצעהלען אונז די חכמי התלמוד, האי מאן דבחד בשבא יהא גבר ולא חדא ביה. בתרי בשבא יהא גבר רגזן. בתלתא בשבא יהא גבר עתיר וזנאי. בד' בשבא יהא גבר חכים ונהיר, בה' בשבא יהא גבר גומל חסדים, במעלי דשבתא יהא גבר חזרן, בשבתא יהא בשבתא ימות.

דער וואס איז געבוירען זונטאג איז ענטוועדער א גאנץ גוטער אדער א גאנץ שלעכטער. מאנטאג — א גרויסער כעס'ן און א בייזער. דינסטאג — אן עושר און א נואף. מיטוואך — א חכם מיט א קלאהרען שכל. דאנערשטאג — א בעל רחמנות. פרייטאג — א מצות-טהוער. שבת, — ווען א צדיק וועט ער שטאר-בען שבת.

אמר להו ר' חנינא פוקו אמרו ליה לבר ליואי, לא

מזל יום גורם, אלא מזל שעה גורם. בחמה — גבר זיותן וכו׳. בנוגה — עתיר וזנאי וכו׳. בכוכב — גבר נהיר וחכים וכו׳ בלבנה — סביל מרעין וכו׳. בשבתאי — מחשבתיה בטלין וכו׳ בצדק—צדקן וכו׳ במאדים — אשד דמא וכו׳.

ר׳ חנינא זאָגט, ניט די טעג נור די מזלות, חנכ״ל שצ״ם, (ד. ה. חמה, נוגה, כוכב, לבנה, שבתאו, צדק, מאדים), האָבען אַן איינפלוס אויף׳ן מענש. צ.ב.ש. ווער עס ווערט געבוי־רען אין מזל חמה, וועט זיין אַ שעהנער מענש. אין מזל נוגה—רייך און אויסשווייפענד. אין כוכב—קלוג. אין לבנה—אַ סבלן. אין מזל שבתאי — קיין אויסגעהאַלטענע געדאַנקען. צדק — אַ בעל צדקה. און אין מאדים — אַ בלוט־פערגיסער, ווי אַ שוחט אָדער אַ מוהל.

די אַלע זענען פיעל מאָל אויסגעפּרובירט געוואָרען און געפונען געוואָרען אמת וצדק. נור אַזוי לאַנג ווי אַ היינטיגער חכם האָט עס נאָך ניט ענטדעקט, קלינגט נאָך ניט די וועלט דערמיט. פערקעהרט, מען וועט זאָגען, אַז עס איז שקר וכזב.

מיר געפונען נאָך פיעל גרעסערע און טיעפערע חכמות ביי די חכמי התלמוד. צ. ב. ש. די גמ׳ ערצעהלט (הוריות י׳) אַז ר׳ יוחנן בן גודגדא און ר׳ אליעזר בן חסמא האָבען גע־קענט אויסרעכענען דאָס וואַסער אין ים, ביז צו אַ טראָפּ אפילו, וועלכעס אַ היינטיגער ערפינדער ווייס ניט און דעריבער וועלן זיי זאָגען, אַז ר׳ יוחנן און ר׳ אליעזר האָבען אויך ניט געוואוסט.

ווייטער ערצעהלט די גמ׳ (סוכה כ״ח) אַז ריב״ז האָט ניט איבערגעלאָזט איין חכמה אַפילו, וואָס ער זאָל ניט האָבען געלערנט.

# ל ו ח.

דער ערשטער סיסטעמאַטיש געאָרדענטער קאַלענדאַר פון

די אומות העולם פאנגט זיך אָן פון 3760 נאָך וועלט בעשאַפונג (1932 יאָהר צוריק).

דער מאָכמעדאַנישער קאַלענדאַר פאַנגט זיך אָן פון 622 א. צ. פון דאַמאָלס אָן האָט זייער לוח אַדורך געמאַכט פיעל גלגולים, אויסבעסערונגען און בעמערקונגען אָהן אַ שיעור. צ. ב. ש. דאָס רוימישע יאָהר האָט צוערשט געהאַט 10 חדשים פון 304 טעג. דאַן האָט ניומא צו געזעצט צוויי חדשים, יאַנואַר און פעברואַר און דערמיט פערלענגערט דאָס יאָהר אויף 355 טעג. דער לוח איז געבליבען ביז יוליוס צעזאַר (46 יאָהר פאַר א. צ.) האָט צו געזעצט נאָך 67 טעג און אויסגעגלייכט די פאָריגע יאָהרען און דערמיט געשטעלט דאָס יאָהר אויף $365^{1}/_{4}$ טעג, בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „יוליאַנישער קאַלענדאַר" פון דאַמאָלס אָן איז דאָס געוועהנליכע יאָהר געוועזען 365 טעג. און יעדעס פיערטע יאָהר איז געוועזן אַן עובר-יאָהר (דורך די פערטלען פון יעדען יאָהר). אַזוי אַרום האָט עס אויס געמאַכט יעדעס פיערטע יאָהר 366 טעג.

אָבער אַזוי ווי דאָס יוליאַנישע זון יאָהר, וואָס איז שוין בעשטאַנען פון צוועלף חדשים, איז אין צייט פון הונדערטער יאָהרען אַלץ גרעסער געוואָרען, דורך די עובר יאָהרען פון דעם צוגעזעצטען טאָג צו די 365 טעג, אַזוי, אַז אין 1582 האָט עס שוין אויסגעמאַכט גאַנצע צעהן טעג. איז געקומען דער פויבסט גרעגאָרי XIII און פון אויפסניי ווידער געענדערט דעם קאַלענדאַר דורך אויסשטרייכען די גאַנצע אָנגעזאַמעלטע צעהן טעג. און דעם פינפטען אָקטאָבער האָט מען גלייך גע-רעכענט פאַר דעם פינפצעהנטען אָקטאָבער — ד. ה. אַז צעהן טעג זענען פערשוואונדען געוואָרען פון קאַלענדאַר — און כדי אַז עס זאָל זיך ניט ווידער אָנזאַמלען נייע איבריגע טעג האָט ער בעשטימט אַז אַלע פיער הונדערט יאָהר זאָל זיין אַן עיבור יאָהר פון 366 טעג. צ. ב. ש.: אין 1600, 2000, 2400 א. ז. וו. ווייל 400 לאָזט זיך טיילען אין פיער חלקים.

דאָס גרעגאָריאַנישע זון יאָהר בעשטעהט פון 365 טעג, פינף שטונדען, ניין און פערציג מינוטען מיט צוועלף סעקונדען

(365—5—49—12) בעקאַנט, אַלס דער „גרעגאָריאַנישער קאַלענדער", וועלכער איז שוין אָנגענומען געוואָרען אין די גאַנצע קאַטוי-לישע און פּראָטעסטאַנטישע וועלט, אַ חוץ רוסלאַנד. אַלע סלאַווישע לענדער אונטער די גריכיש קאַטוילישע קירך האַל-טען אַלץ נאָך דעם יוליאַנישען קאַלענדער.

און אַזוי ווי אין 1582 איז דער חילוק צווישען די דאָ-זיגע צוויי קאַלענדערס געוועזען, ווי שוין געזאָגט, צעהן טעג, אַזוי האָט זיך דער חילוק פערגרעסערט אין יאָהר 1700 אויף עלף טעג, אין 1800 אויף צוועלף טעג, אין 1900 אויף דריי-צעהן טעג.

אָט דאָס איז די אורזאַך וואָרום די רוסען זענען דריי-צעהן טעג שפּעטער, ווי די רוימיש קאַטוילישע און פּראָטעס-טאַנטישע וועלט, און אין יאָהר 2000 וועלען זיי — די גריכיש קאַטוילישע לענדער — שוין זיין מיט פערצעהן טעג שפּעטער.

אָבער מיר יודען האָבען ערהאַלטען אונזער לוח פון משה'ן, דאָס הייסט, פון גאָט, וואָס האָט משה'ן בעפוילען „החדש הזה לכם ראש חדשים" איהר זאָלט צעהלען די חדשים נאָך די לבנה, אַזעלכע צוועלף לבנה חדשים וועלען האָבען 354 טעג — עלף טעג ווייניגער ווי דאָס זון יאָהר. שפּעטער האָבען די חכמי התלמוד, שמואל און רב אדא, — בעקאַנט אונטערן נאָמען „תקופת שמואל און רב אדא", וואָס דער חילוק צווישען זיי איז אַ גאַנץ קליינער. נעמליך, רב אדא רעכענט דאָס יאָהר 365 טעג 5 שטונדען, 55 7/18 מינוטען. און צווישען איין תקופה און די צווייטע איז 91 טעג, 7 שטונדען, 28 15/18 מינוטען. ווערענד שמואל רעכענט, 91 טעג, 7½ שטונדען. ד. ה. אַ חילוק פון אַ מינוט. און זייט דאַמאָלס, ווי דער לוח איז פעסטגעזעצט געוואָרען, איז נאָך קיין ענדערונג ניט געמאַכט געוואָרען. ער איז ריכטיג און אויסגעהאַלטען עד היום הזה און אַפּילו ביז משיח וועט קומען, און אַזוי לאַנג ווי די וועלט וועט עקזיסטירען.

# 15. געאָגראַפיע.

די ערשטע געאָגראַפישע מאַפּ איז געשריבען געיואָרען פון אַ גריך מיט'ן נאָמען אנאקסימאנדער, אין יאָהר 3182 — ד. ה. מיט 2500 יאָהר צוריק — פון דאַמאָלס אָן איז געאָגראַפיע שטודירט, און אַלע לענדער אויס־געפאָרשט געוואָרען, דורך וועלכען עס עקזיסטירט היינט די פאָלשטענדיג צוזאַמענגעשטעלטע מאַפּ פון די וועלט, וואָס האָט, מיט 2500 יאָהר צוריק אָנגעפאַנגען צו שטודירען געאָגראַפיע. דאָס איז די געשיכטע פון די מאַפּ אין קורצען.

אָבער ווען מיר געבען אַ בליק אין די תורה, די צוויי און פיערציג מסעות, וועלכע די יודען האָבען דורכגעוואַנדערט אין די מדבר. און די מלחמות מיט 31 מלכים, וואָס יהושע האָט געפיהרט, און וועלכער בעשרייבט אין ספר יהושע גענוי די געאָגראַפיע פון כנען און אַראַביען, וועלכע שטימט פּינקטליך מיט די מאָדערנע מאַפּ. זעהען מיר, אַז אויך געאָגראַפיע האָבען יודען געגעבען די וועלט. און דאָס געבען צו, אַלע געאָגראַפישע געשיכטע שרייבער, און זענען מודה, אַז זייער ערשטע שאַפונג האָבען זיי גענומען פון אונזער תורה. אָט וועלען מיר בעווייזען כסדר.

דאָס היינטיגע אַזיע, איז דאָך יעדען, וואָס האָט נור געלערנט חומש, גוט בעקאַנט פון די מלחמות, וואָס די יודען האָבען געפיהרט מיט די שבעה עממין: כנעני, חתי, אמרי, חוי, פרזי, יבוסי, גרגשי, און אין כנען. — דאָס היינטיגע ארץ־ישראל — די מדבר, הר סיני, הר נבו, הר ההר, א. ז. וו. און ווי משה האָט (פ' מסעי) גענוי בעשריעבען דאָס לאַנד, ווי אַ ריכטיגע מאַפּ נאָך איידער די יודען זענען אַריין אין לאַנד, ניט אָנזעהענדיג אַפילו דאָס אַליין לאַנד פאַר די אויגען.

די דריי וועלט־טיילען, אַזיע, אַפריקא, און אייראָפּא געפינען מיר אויך אויסדריקליך אין די תורה.

אין פ' נח ערצעהלט די תורה, אַז נח'ס דריי קינדער,

שם, חם, ויפת צוזאַמען מיט זייערע קינדער האָבען אויפגעבויט מדינות, וועלכע זיי האָבען אָנגערופען מיט זייערע אייגענע נעמען וואָס זענען געבליבען ביז צום היינטיגען טאָג למשל: שם׳ס פינף זיהן, עילם, אשור, ארפכשד, לוד און ארם, וועלכע דריי פון זיי, נעמליך: עילם, אשור און ארם האָבען געבויט פאָלגענדע מדינות אונטער שם׳ס הערשאַפט.

„עילם" האָט געבויט פערסיען, וועלכעס ער האָט גערופען עילם, ווי עס שטעהט אין דניאל ח׳ אין די הויפט־שטאָט שושן וועלכע געפינט זיך אין מדינת עילם, און ווי בעוואוסט איז דאָך שושן פערסיען.

„אשור" האָט געבויט אסיריען.

„ארם" האָט געבויט ארמעניען און נאָך מעהרערע מדינות, וועלכע ער האָט גערופען מיט זיין נאָמען ארם, ווי ארם נהרים, ארם צובה, ארם דמשק, ארם מעכה, כשדים, מדי, וועלכע האָבען דאַמאָלס איינגעשלאָסען כינא, יאַפאַן, און אינדיען (הודו פון די מגילה). וועלכע זענען אין אזיע.

חם׳ס פיער קינדער, כוש, מצרים, פוט, כנען, זאָגט דער תרגום יונתן אז:

„כוש" האָט געבויט אַראַביען, ברבריאה, עמידיאה, אנטיופיא און שבא. מצרים — מצרים, פוט — אליחרוק, כנען — כנען, וועלכע די מייסטע פון זיי זענען אין אַפריקא.

יפת׳ס זיעבען קינדער, גומר, מגוג, מדי, יון, תובל, משך ותירס, זאָגט דער תרגום יונתן, האָבען געבויט פאָלגענדע מדינות:

גומר, האָט געבויט אַפריקי (ניט דאָס וועלט טייל אַפריקא). מגוג — גרמניא. מדי — תמדיי. יון — מוקדוניא (אָדער מאַצעדאָניען). תובל — יתיניא. משך — אוסיא, תירס — תרקי.

די גמ׳ אין יומא ד׳ י׳ זאָגט: יון — מוקדוניא. תובל — ספרד. תירס — תרקיאה. מגוג — אלמניא.

יעצט קומען די קינדער פון יפת׳ס ערשטען זוהן, גומר, וועלכער האָט געהאַט דריי קינדער, אשכנז ריפת, תורגמה. אויף

וועלכע, דער תרגום ירושלמי זאָגט, אַז זיי האָבען געבויט פאָלגענדע מדינות: אשכנז האָט געבויט ברבריאה. ריפת — פרכון. תוגרמה — אסיא.

דער מדרש רבה זאָגט: אשכנז — גרמנייא, אָדער גירמניקייא, ריפת — הדייף, תוגרמה — אסייא.

די קינדער פון יפת׳ס פיערטען זוהן יון האָבען געהייסען: אלישה, תרשיש, כתים, דודנים. זאָגט דער מדרש רבה: אלישה — איטליאה, תרשיש — אלסיטרוס. דודנים — דענעמאַרק.

צווישען די מדינות פון יפת׳ס קינדער געפינען מיר, לויט תרגום יונתן מגוג — גרמניא, יון — מוקדוניא, תורס — תרקי. און לויט די גמ׳ איז מגוג — אלמניאה, יון — מוקדוניא, תובל — ספרד. און לויט דעם מדרש, איז אשכנז — גרמניא, אלישה — איטליאה.

אַ מערקווירדיגע צוטרעפונג פון איבערזעצונגען. לויט׳ן מדרש, איז אשכנז — גרמניא (אויב דאָס מיינט דייטשלאַנד, וועלכעס איז דאָך נאָך ניט זאַ אַלט, לויט וועלט געשיכטע, טאָ וועלכעס גרמניא מיינט דער מדרש?) אָבער ווען מיר זוכען אַ ביסעל ווייטער זעהען מיר, אַז טאַקי נור דייטשלאַנד איז דאָ געמיינט. אַט זאָגט דער תרגום, מגוג — גרמניא, און די גמ׳ זאָגט, מגוג אלמניאה.

גרמניאה איז לאטייניש GERMANIA, אָדער אין ענגליש GERMANY, אלמניאה איז פראַנצויזיש ALLEMAGNE און לויט דעם מדרש, איז, גרמניאה — אשכנז, וועלכע אַלע דריי, ווי אונז איז בעקאַנט, מיינען דאָס היינטיגע דייטשלאַנד.

פראַנקרייך ווערט ערמאָנט אין עובדיה א׳ „כנענים עד צרפת״. די מדינות, גרמניאה, יון, מוקדוניא אָדער מאַצעדאָניע תובל ספרד אָדער שפּאַניען. תורס תרקיאה אָדער טהראַציען, מגוג אלמניאה אָדער דייטשלאַנד, אלישה איטליאה, דענעמאַרק, און צרפת פראַנקרייך. וואָס שליסען אויך איין — לויט די היינטיגע מאַפּ — פּאָרטוגאַל, פּוילען, רוסלאַנד, ליפלאַנד, עסטלאַנד, רומעניען, שוועדען, נאָרוועגען, עסטרייך, אונגאַרן, בעהמען,

שווייץ, בעלגיען, האָלאַנד, גריכענלאַנד, מאַצעדאָניען, דאַל-מאַציען, ענגלאַנד, וועלכע זענען אַלע אין אייראָפּאַ.

פון דעם עטנעמען מיר, אַז נח׳ס קינדער שם, חם, ויפת, האָבען זיך איינגעטיילט די וועלט. שם — אַזיע, חם — אַפריקאַ, און יפת — אייראָפּאַ.

אַזוי זאָגט אויך דער ווילנער גאון אין אליהו רבא (נגעים פ״ב מ״א) גרמוני זה איש מבני גומר כדאמרינן ביומא, גומר זה גרממיא, וגרסינן גרמניא, וכ״ה בילקוט, והוא שבני נח דרים בג׳ רוחות העולם. שם במזרח, יפת בצפון, חם בדרום. נח׳ס קינדער האָבען זיך בעזעצט אין דריי וועלט טיילען.

אַזוי פינדען מיר אויך אין מדרש רבה פ׳ נח, מעשה שהיה ר״מ באסייא.

אויף „ולטוטפות בין עיניך״ זאָגט די גמ׳ (זבחים ל״ז, מנחות ל״ד), אַז טָטָפ׳ת זענע צוויי ווערטער, טט—פת, וואָס ביידע זענען פון צוויי בעזונדערע שפּראַכען און מיינען די צאָהל, צוויי. „טט״ איז אין כתפי צוויי. (די לענדער וואָס ליגען ביים כספּישען ים), „פת״ איז אין אַפריקע צוויי. אַפריקאַ איז אויך ערמאָנט אין מס׳ תמיד פ״ד און אין תוספתא שבת סוף פ״ח, און שבת ד׳ ל״א.

אויך אין ירושלמי (שביעית פ״ו א׳, מכלתא פ׳ בא פי״ח) געפינען מיר אַפריקאַ. גרגשי פנה והלך לו לאפריקא. גרגשי איז זיך אוועקגעגאַנגען נאָך אַפריקאַ.

מר זוטרא ערצעהלט, אַז די צעהן שבטים זענען פער-טריבען געוואָרען נאָך אַפריקאַ. (סנהדרין צ״ד)

אין פ׳ האזינו זאָגט דער ספרי סי׳ כ״א, הם קנאוני בלא אל, אלו הבאים מברבריאה, ומטוניס, וממורטינא שמהלכין ערומים בשוק. דאָס זענען די יעניגע וואָס זענען געקומען פון ברבריאה (טערקיי, לויט ירושלמי) פון טוניס און מורטינא, וועלכע געהען אָרום נאַקעט. טוניס איז צפון אפריקא און האָט פריהער אויך געהייסען תרשיש, איבערדעם איבערזעצט דער תרגום, תרשיש הוא אפריקא (מ״א, כ״ב, מ״ט). און מורטינא איז מאַראָקאָ.

אין יומא ד׳ י׳ זאָגט ר׳ יוסף, סקיסתן גויתא, וסקיסתן ברייתא, בין חדא לחדא מאה פרסי, והיקפן אלפא פרסי. צווישען אויסוועניגסטען סקיסתן און אינוועניגסטען סקיסתן איז געווען הונדערט מייל. און דער אומרונג האָט געהאַלטען טויזענט מייל.

ביז קאָלומבוס׳ס ענטדעקונג פון אַמעריקע 1492 איז אַמעריקא געווען אונבעוואוסט. און אין מלכים א׳, ט׳, י׳ שטעהט, אַז חירם האָט געשיקט שיפען נאָך אופיר צו ברענגען גאָלד פאַר שלמה. און אופיר איז אין יענעם לאַנד, וואָס האָט שפּעטער געקריגען דעם נאָמען אַמעריקא, נאָך דעם ענטדעקערס נאָמען, אַמעריגא. די א׳ פון אופיר איז נבלע געוואָרען אין משך פון יאָהרען דעריבער איז געבליבען פירה. אויך אַז ביי אונז איז זעקס אַזייגער אין דער פריה איז אין אַמעריקא איינס אַזייגער ביינאַכט שטעהט אין זוהר ויקרא ד׳ י׳ ועל דא אית אתר בישובא כד נהיר לאלין חשיך לאלין, לאלין יממא ולאלין ליליא. עס זענען דאָ מקומות אויף דער וועלט, ווען אין איין פלאַץ איז ליכטיג איז אין אַנדערן פלאַץ פינסטער, דאָ איז טאָג און דאָרטען איז נאַכט.

אויך פון נאָרדפּאָל האָבען די חכמי התלמוד געוואוסט. ר׳ אליעזר אומר עולם לאכסדרה היא דומה שאין לו דופן רביעית, ורוח צפונית אינה מסובבת במחיצה, ור׳ יהושע אומר לקובה היא דומה. ר׳ אליעזר זאָגט, אַז די וועלט איז בעוואוינט פון דריי זייטען, אָבער צפון זייט (נאָרדפּאָל) איז אונבעזעצט, ר׳ יהושע זאָגט, אַז די צפון זייט איז אויך בעזעצט. פונקט ווי די היינטיגע געאָגראַפיסטען זענען ניט אייניג נאָך, איבער דעם נאָרדפּאָל.

דער ילקוט (איוב רמז תתקי״ג) זאָגט, נוטה צפון על תהו, תולה ארץ על בלימה, רוח פינת צפון בראו ולא גמרו, ושם הוא מדור של מזיקין, רוחות ושדים, די צפון זייט פון דער וועלט האָט געלאָזט אָפען.

די חכמי התלמוד האָבען געוואוסט, אַז אונטער אונז איז אַ וועלט מיט מענשען וואָס געהען מיט זייערע טריט געגענ־

איבער אונזערע דאָס זענען די אַנטיפּאָדען, וועלכע די חכמים האָבען געוואוסט פון זייער עקזיסטענץ פיעל פריהער ווי די מאָדערנע ענטדעקער. דער זוהר (אין ויקרא ד"ה) זאָגט, אלין לתתא ואלין לעילא, וכל אינון בריין משנין בחיזוויהו משינויא דאוירא כפום כל אתר ואתר, וקיימין בקיומייהו כשאר בני נשא. אונטער אונז זענען מענשען, וואָס שטעהען פונקט געגענאיבער אונזערע פיס, זייער אויסזעהען איז לויט דעם קלימאַט פון יעדען אָרט.

# 16. הנדסה. געאָמעטריע.

די געשיכטע פון געאָמעטריע איז איינגעהילט אין אַ שלייער און די געשיכטשרייבער קענען בשום אופן ניט אויסגעפינען אויף קלאָר פון ווען און ווי די געאָמעטריע האָט זיך אָנגעפאַנגען.

פיעל זאָגען אַז טאַלעס, THALES, האָט זי געבראַכט נאָך גריכענלאַנד מיט 2500 יאָהר צוריק. אָבער עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז פּיטאַגאָראַס (580 יאָהר פ. א. צ.) איז געוועזען דער ערשטער וואָס האָט די געאָמעטריע אוועקגעשטעלט אַלס אַ קונסט.

נאָכהער זענען געקומען, אַ נאַקסאַגאָראַס, היפּפּאָקראַטעס, פּלאַטאָ, אַרשיטאַס, פּיליפּוס און יוקליד, און זי אויסגעבעסערט.

און יודען זענען פון די היסטאָריקער גאָר איינגאַנצען פערגעסען געוואָרען, אַזוי ווי עס וואָלט ביי יודען קיין איינציגער ניט געוועזען וואָס האָט פערשטאַנען געאָמעטריע.

לאָמיר אָקאָרשט זעהען ווי די געאָמעטריע איז ביי יודען געלערענט געוואָרען.

אין פ' מסעי שטעהט ומדותם מחוץ לעיר, איהר זאָלט מעסטען אויסער דער שטאָט.

אין פ׳ קדושים שטעהט, במדה, במשקל ובמשורה, מיט געוויכט און מאָס.

אין פ׳ פנחס שטעהט, לאלה תחלק הארץ, אזוי זאָל דאָס לאַנד פערטיילט ווערען.

אין יחזקאל מ״ב שטעהט מדד ארכו ורחבו. ער האָט געמאָסטען די לענג און די ברייט. אין יחזקאל מ״ב שטעהט, לארבע רוחות מדדו זיי האָבען געמאָסטען אַלע פיער זייטען. וימדדם בחבל, ער האָט זיי געמאָסטען מיט אַ שטריק (ש״ב ח׳ ב׳)

זו מדידת קרקע, שלא ימדוד לאחד בימות החמה ולאחד בימות הגשמים באותו חבל. דאָס געזעץ פון ערד מעסטען איז געוועזען, ניט צו מעסטען ווינטער און זומער מיט׳ן זעלבען שטריק, (ב״מ ס״א. ב״ב פ״ט.)

אין מודדין אלא בחבל של חמשים אמה ולא ימדוד אלא כנגד לבו, די מאָס מוז זיין, אַ שטריק פופציג איילען לאַנג. (עירובין נ״ז.)

אין מודדין אלא מן המומחה, מעסטען מעג נור אַן עקספערט אין הלכות מעסטען (עירובין נ״ח.)

אדא משוחאה היה מודד תחומי העיר וגם קרקעות הנמכרות והנחלקות בירושה ושותפין. אדא איז געוועזען אַ פראָפעסיאָנעלער לאַנדמעסטער. (עירובין נ״ו.)

כל אמתא בריבועא, אמתא ותרי חומשי באלכסונא, אַ קוואַדראַט אייל, איז אַן אייל מיט צוויי פינפטעלען אין די קרום פון ווינקעל צו ווינקעל. (עירובין נ״ז. סוכה ח׳. ב״ב ק״א).

ארץ מרובעת שהיה נהר מקיף לה ממזרח וצפון והדרך דרום ומערב, חולקין אותה באלכסון כדי שיגיע לזה נהר ודרך ולזה נהר ודרך, וזה שאמרו, חד גיסא ניגרא, וחד גיסא נהרא פלגין ליה בקרנא זול. אַ קוואַדראַט שטיק לאַנד, וועלכעס איז געוועזען פערצוימט מיט וואַסער אויף מזרח און צפון זייט, און אין דרום ומערב בלויז לאַנד, האָט געמוזט דורכגעטיילט ווערען פון ווינקעל צו ווינקעל, כדי יעדער זאָל קריעגען לאַנד מיט וואַסער. דאָס הייסט קרנא זול (ב״ב י״ג.) אמר ליה ר׳ יהודה לרב אדא משוחאה לא תזלזל במושחא, ר׳ יהודה האָט

געזאָגט צו רב אדא דעם לאַנדמעסטער, טוה ניט גרינגשעצען דאָס לאַנדמעסטען. (ב״מ ד׳ ק״ז.)

אַ גרעסערע אָבהאַנדלונג איבער לאַנדמעסטען געפינען מיר אין משניות מסכת מדות, ווי די געאָמעטרישע קונסט ווערט אויספיהרליך בעהאַנדעלט.

# 17. הצריפה. אלכעמיע.

## ALCHEMY

אלחימיאה איז אַן אַראַבישער אויסדרוק, וואָס מיינט, די קונסט צו שמעלצען בליי, קיפער, גאָלד, און זילבער.

אין ערשטען יאָהרהונדערט. א. צ. האָט די אלחימיאה אָנגעפאַנגען זיך צו בעווייזען און אין אַכטען יאָהרהונדערט איז דאָס ערשטע בוך איבער די קונסט געשריבען געוואָרען.

אין צעהנטען יאָהרהונדערט האָבען די אַראבער געבראַכט די קונסט און די לעהרע דערוועגען, נאָך שפּאַניען, וועלכע איז איינציגווייז פערשפּרייט געוואָרען אין איירָאָפּא וואָס האָט דערפון געמאַכט אַ לעהרע פון קונסט, וועלכע האָט הויפּטזעכליך, געלערנט דריי זאַכען.

I) אַז עס גיבט אַזאַ מין רויטער עדעלשטיין וואָס הייסט דעם חכם׳ס, אָדער דעם פילאָזאָף׳ס שטיין, וואָס קען פערוואַנדלען יעדעס מעטאַל אין גאָלד.

II) אַן׳אַנדערער קלענערער ווייסער שטיין וועלכער קען פערוואנדלען יעדעס מעטאַל אין זילבער.

III) אַז דער „פילאָזאָף׳ס שטיין״ איז אַ וואונדערפולער דאָקטאָר, צ. ב. ש., ער קען שטאַרקען אַלטע אָבגעשוואַכטע מענשען, קען היילען קראַנקע, און פערלענגערן דאָס לעבען.

הגם עס האָט זיך פון אַלעם אויסגעלאָזט אַ בוידעס, דען ווען די פּראָבען האָבען קיין רעזולטאַטען געבראַכט, האָבען די חכמים איינגעזעהען אַז עס איז לא דבים ולא יער, פון דעסט-וועגען האָט עס פיעל געלד זוכערס ניט אָבגעשראָקען. טויזענ-דער מענשען האָבען פערשווענדעט זייער געלד און זייער לע-בען, אויסצוגעפונען די ווירקונג פון דעם דערמאָנטען שטיין. פיעל האָבען בעהויפּטעט אַז זיי האָבען עס געפונען און דער-מיט אָבגענאַרט אַ וועלט מיט מענשען, צוזאָגענדיג אַז זייער פאַבריצירט גאָלד און זילבער איז געמאַכט געוואָרען מיט'ן כח פון דעם שטיין, וועלכעס איז געוועזען ניט מעהר ווי אַ פשוט'ר שווינדעל.

אָבער עפּעס האָט עס דאָך געהאָלפען צו ענטדעקען, און דאָס איז, ווי צו פאַבריצירען פּאָרצעליין—(טשיינע) און אויך מיט געהאָלפען אין כעמיע.

ווען מיר געבען אָבער אַ בליק אין אונזער תורה, וועלכע איז געוועזען מיט טויזענדער יאָהרען פריהער, געפונען מיר דאָרטען שוין די אלכעמיע. צ. ב. ש. אין בראשית, תובל קין היה אבי לוטש כל חורש נחשת וברזל. תובל קין איז געוועזען דער ערפינדער פון צו שמעלצען און מישען מעטאַלען, ווי קופער מיט אייזען.

אין פ' וישלח, ושם אשתו מהיטבאל בת מטרד בת מי זהב, מהיטבאל איז געוועזען די טאָכטער פון מטרד דער גאָלד גיעסער, ד. ה. ער האָט געוואוסט ווי צו שמעלצען מעטאַלען און מאַכען פון דעם געמיש, אַזאַ גיעסונג ווי וואַסער „מי זהב" גאָלד וואַסער. ווייל ער האָט געוואוסט דעם סוד פון אלכעמיע, און דאָס רופען טאַקי אַן די אלכעמיקערס AURUM POTABILE

אויך דער „אבן עזרא" זאָגט אויף מי זהב, רמז לעושים זהב מנחשת, ואלה דברי רוח. פיעלע זאָגען אַז פון מי זהב איז אַ ראיה אַז פון קופער קען מען מאַכען גאָלד, וועלכעס איז אָבער ניט מעהר ווי נאַרישקייט. אָבער אונזער ציעל איז ניט צו בעווייזען אַז די אלכעמיע איז אמת, נור אַז זי האָט שוין עקזיסטירט פון לאַנג.

דער מלבי"ם אין פ' כי תשא ביי מעשה העגל, זאָגט אויף

„וישרוף אותו באש ויטחן עד אשר דק", וכבר בארו חכמי לב שנמצא בחימיאה אופן להפך הזהב שיהיה דק כעפר ע"י מלח טרטרי עם גפרית או נייטרו, משה האט דאס עגל פערברענט אין פייער און געמאכט דאפון פודער. דארויף זאגען די כעמיקערס אז מיט כעמישע מיטלען ווי טארטער זאלץ מיט שוועבעלזוירע אדער נייטרו קען מען פערוואנדלען גאלד צו ערד. (זעה ORACLE ENCYCLOPAEDIA אונטער N, NITRIC ACID מיט HYDROCHLORIC קען מען אויפלעזען גאלד און פלאטין.)

און דאס איז וואס דער אבן עזרא (אין פ' תשא, אויף וישרוף אותו באש) מיינט „כי יש דבר שיושם באש עם הזהב ומיד נשרף ויהיה שחור ולעולם לא ישוב זהב, וזה דבר מנוסה ואמת". אז עס גיבט אזא זאך וואס, ווען מען לעגט עס צוזאמען מיט גאלד, אין פייער, פערברענט עס דאס גאלד צו אש", אט די אש האט משה פערשפרייט און אויפגעלעזען אין וואסער וועלכעס די חוטאים האבען געטרונקען.

דאס איז אן אפענער בעווייז פון אלכעמיע, וועלכע משה האט, ווי מיר זעהען, גוט געקענט און דורך וועלכען, משה'ן איז אויך געלונגען צו מאכען זא פיעל גאלד און זילבער צום משכן איבערגענוג.

אויך ביי שלמה המלך געפינען מיר א דייטליכען בעווייז פון אלכעמיע אין מלכים א' ק' י'. ומלכת שבא וכו' ותבא ירושלימה בחיל כבד מאד, גמלים נשאים בשמים וזהב רב מאד, ואבן יקרה, לנסתו בחדות, די קעניגין פון שבא איז געקומען נאך ירושלים מיט א גרויסע ארמעע, און מיט פיעל אנגעלאדענע קעמלען מיט בשמים און א סאך גאלד און א ווערטפולען שטיין, אט דיעזען אבן יקרה האט די מלכת שבא געבראכט צו פראביערען שלמה'ן, וועלכער האט איר געזאגט די פעולה וואס דער אבן יקרה קען טוהן, אט דער שטיין, זאגען כעמיקער, איז דאס דער „פילאזאף'ס שטיין" וועגען וועלכען אלע כעמיקער האבען זיך געבראכען די קעפ זוכענדיג איהם.

פיעל כעמיקער פרעגען אפילו, אויב שלמה האט געהאט דעם פילאזאפ'ס שטיין צו פערוואנדלען בליי אין גאלד, טא

צו וואָס האָט ער געשיקט שיפען נאָך אופיר צו ברענגען גאָלד?

קוקען מיר אָבער אַריין אין מלכים א׳ זעהען מיר אַז דאָס שיקען נאָך אופיר קויפען גאָלד שטעהט אין קאַפּיטל ט׳, און דעם אבן יקרה וואָס מלכת שבא האָט שלמה׳ן געגעבען, שטעהט אין קאַפּיטל י׳.

אַ בעווייז דאַצו איז, אַז נאָך קאַפּיטל י׳ (ווען ער האָט שוין דעם שטיין געהאַט) שטעהט טאַקי ניט מעהר אַז שלמה האָט געזוכט גאָלד.

אין איוב קאַפּיטל כ״ח שטעהט „קץ שם לחשך ולכל תכלית הוא חוקר״ צו די פינסטערניס מאַכט ער אַן ענדע און פאָרשט אויס דעם צוועק פון יעדע זאַך. ווער? אבן אפל וצלמות. דער שטיין וואָס איז שוואַרץ ווי די פינסטערניס. איי־ניגע פאָרשער זאָגען אַז דער „אבן אפל״ איז דאָס דער מאַג־נעט שטיין, וועלכער ווייזט אָן ווי אַ מעטאַל ליגט בעגראָבען אין די פינסטערניס. דער מלבי״ם זאָגט אויך דאָסזעלבע „שעל ידו יתגלה מקום מוצא המתכיות, וכו׳ והאבן הזה שם קץ לחשך כי מגלה המתכיות הצפונים בחשך דער „אבן אפל״ ענטדעקט מעטאַלען וואָס ליגען בעגראָבען אין פינסטערניס, און וועלכער ווערט אָנגערופען „דער שטיין דער ווייזען״.

אין זעלבען קאַפּיטל שטעהט ווייטער „מקום ספיר אבניה ועפרות זהב לו אַז פון ערד קען געמאַכט ווערען גאָלד.

איבער דעם מעג מען צו דעקען, דאָס בלוט פון אַן עוף, מיט גאָלד, (חולין פ״ח, יו״ד סי׳ כ״ח)

אין איוב קאַפּיטל כ״ב, כ״ד, שטעהט, ושית על עפר בצר, ובצור נחלים אופיר, והיה שדי בצריך וכסף תועפות לך, אליפז פערזיכערט איוב׳ן אַז אויב ער וועט ניט מתרעם זיין אויף גאָט, נור זיך רייניגען זיין נפש פון שלעכטע געדאַנקען, דאַ־מאָלס וועט ער זיין אימשטאַנד צו מאַכען גאָלד פון ערד, און פון שטיינער. צו צי שמעלצען שטיינער וואָס וועלען רינען אַזוי ווי וואַסער, און אויך זילבער וועט צו איהם קומען אַזוי

לייבט ווי צו פליהען, ניט דורך גראָבען אין די ערד, נור דורך מעגליכקייט עס צו מאַכען.

דער אר״י הקדוש האָט געפונען אַ רמז פאַר אלכעמיע אין די תורה אין פ׳ כי תשא „לחשוב מחשבות לעשות בזהב ובכסף ובנחושת״ בצלאל איז געווען אַ חכם וואָס האָט גע־וואוסט ווי צו פערוואַנדלען מעטאַלען אין גאָלד, זילבער און אין קופער.

ר׳ חיים ויטאל, אויף וועמען דער אר״י הקדוש האָט גע־זאָגט דעם זעלבען פסוק, האָט עוסק געווען אין אלכעמיע דריטהאַלבען יאָהר. אויך דער מהר״ל פון פראָג — וועלכער איז מפורסם דורך דעם גולם וואָס ער האָט בעשאַפען — האָט זיך אויך אָבגעגעבען מיט די אלכעמיע.

אויך דער כוזרי איז מאמר ג׳ סי׳ כ״ג און נ״ג דערמאָנט אלכעמיע.

אין יאָהר 1545 האָט מאַרטין לוטהער געשריעבען צום הערצאָג פון בראַנדענבורג, אַז ער זאָל נישט גלויבען אין די קונסט פון אלכעמיע וואָס יודען פראַקטיצירען.

אַט זעהען מיר פון לוטערס שרייבען, אַז די אלכעמיע איז גאָר אינגאַנצען אַ ריין יודישע קונסט.

## 18. חכמת היד והפרצוף.

## פ י ז י אָ נ אָ מ י ע

די חכמה האָט איהר אָפשטאַם פון יאָהר 1615 דורך DELLA PORTA OF NÂPLES אַ דאַנק די שטריכען פון דער האַנד קען מען דערקענען די צוקונפט, געגענוואַרט און פער־גאַנגענהייט פון מענש. אויך די שטריכען פון פנים זענען

אָן אָפענע מגילה פון וועלכע מ׳קען לייענען וואָס דער מענש איז און זיין צוקונפט.

פיעל האָבען געשריעבען דאַפיר און אויך געגען חכמת היד והפרצוף, אָבער אין אַלגעמיין זענען אַלע ווי האַלב צע-מישט און קענען זיך זעהר ווענינ אָריענטירען אין איהר.

איינינע זאָגען אַז די חכמה שטאַמט פון אינדיען און פון אַפריקא. זיי זענען אין דער מיינונג דאָס די ציגיינער וואָס פּראַקטיצירען דאָס אַזוי גערופענע „קאָרטען וואַרפען" אָדער „ווייזען די האַנד" האָבען דאָס איבערגענומען פון זיי-ערע עלטערען. ווען זיי קוקען אימיצען אין די אויגען אַריין אָדער אויפ׳ן שטערען, גלויבט מען דאָס זיי קענען זיך אויף חכמת היד והפרצוף.

דאָס בעווייזט ווידער אַז אונזער תורה איז פאַר די אומות העולם אַ פערשלאָסענער אוצר, ווי דער נביא זאָגט צור תעודה חתום תורה בלמודי (ישיעה ח׳).

די חכמת היד והפרצוף איז איינס פון די סודות וואָס ליגען בעהאַלטען אין די נאַטור און זענען נור בעוואוסט צו גרויסע יודישע געלעהרטע וואָס האָבען מקריב געוועזען זייער לעבען פאַר די תורה אין וועלכע זיי האָבען די חכמה געפונען פונקט ווי אַלע אַנדערע סודות פון די נאַטור.

שוין מיט 2000 יאָהר צוריק האָבען אונזערע חכמים גע-וואוסט, און טאַקי דורך און דורך, חכמת היד והפרצוף.

דער זוהר הקדוש שרייבט אין פ׳ יתרו, ואתה תחזה מכל העם זה ספר תולדות אדם לאסתכלא בדיוקנא דבר נש, בשערא, במצחא, בעיינין, באנפין, בשפוון, בשרטוטי ידין, ובאודנין, באלין שבע בני נשא אשתמודען.

# 1) בשערא. האר

האי מאן דשעריה קמיט וסליק לעילא על רישיה מאריה דרגיזו לביה קמיט כטופסא לאו כשראן עובדוי בשותפוי אתרחיק מניה.

ווען די האָר זענען געבויגען אַרויף צו איבערן קאָפּ. איז ער אַ כעסן, האָט ניט קיין גוטע מעשים, פון שותפות מיט איהם זאָל מען אַנטלויפען.

שערא שעיע יתיר ותלי לתתא, טב איהו לשותפו ורווחא אשתכח ביה, ואיהו בלחודוי לאו הכי, מאריה דרזין איהו, עובדוי כשראן ולא כשראן.

גלאַטע האָר וואָס הענגען אַרונטער, איז גוט פּאַר אַ שותף, איז אַ בעל סוד, זיינע מעשים זענען ניט אַזוי איי איי, מאַנכעס מאָל גוט און מאַנכעס מאָל ניט.

ואי תלי לתתא ולא שעיע, לביה לא דחיל, מאריה דזדונא איהו כסיף בעובדין דכשרן ויאן קמיה ולא עביד, וכד איהו סיב אהדר למהוי דחיל ויאן עובדוי.

ניט גלאַטע האָר וואָס הענגען אַרונטער, איז אַ שטרענגער מענש אָהן מורא, וויל טוהן גוטע מעשים וועלכע זענען גוט אין זיינע אויגען, טוט אָבער גאָר ניט, אויף דער עלטער ווערט ער אַ ירא שמים מיט מעשים טובים.

שערא אוכמא יתיר צהיב אצלח בכל עובדוי במלי דעלמא ובסחורה ובדדמי לון, ותרן איהו דא אצלח לחודוי מאן דמתחבר בהדיה לא אצלח, ליומין סגיאין, אלא אצלח מיד וההיא אצלחותא פרחא מניה.

שוואַרצע האָר געמישט מיט גאָלדפאַרביגע, ווייזט אויף גליק אין יעדע זאַך, סיי אין האַנדעל, סיי אין וועלט זאַכען, אָבער נור אַליין. אין שותפות וועט ער ניט מצליח זיין.

שערא אוכמא דלא צהיב, לזמנין אצלח לזמנין לא אצלח, דא איהו לשותפו ולאשתדלא בהדיה, טב לזמן קריב ולא לזמן רחיק.

שוואַרצע האָר ווייזט אַז טייל מאָל וועט איהם אָפּגליקען טיילמאָל ניט, ס'איז גוט צו מאַכען שותפות מיט איהם, אָדער צו האַנדלען מיט איהם, אָבער נור אויף אַ קורצע צייט.

שערא דמריט יצלח בעובדוי ורמאה איהו כפין בביתיה אתחזי דחילחטאה לבר, לאו הכי לגו, דא עד לא סיב. אי שעריה מריט לבתר דסיב, אתהפך מכמה דהוה בקדמיתא הן לטב הן לביש, והני מילי שערא דמריט בין עיניו ע"ג מוחא באתר דאנח תפלין, ואי באתר אחרא דרישא, לאו הכי, ולאו איהו רמאה אלא מאריה דלישגא בישא בלחישו בלא ארמות קלא לזמנין דחיל חטאה איהו לזמנין לא.

ווען די האָר פאַלען אויס, איז אַ סימן אויף אַ מוצלח, אויסערליך איז ער אַ ירא שמים, אינערליך איז ער רמאי, הונ־גערט אין זיין הויז, דאָס איז ווען ער איז יונג.

ווען די האָר פאַלען אויס אויף דער עלטער, טרעט אַן ענדערונג איין ביי איהם, סיי צו גוטען סיי צו שלעכטען. דאָס אַלץ גערעט וועגען די האָר אויף'ן מח.

ווען אָבער אויף אַנאַנדער אָרט פון קאָפּ, איז ער אַ גרוי־סער בעל לשון-הרע, שטילערהייט, ווערט צייטענווייז אַ ירא שמים.

## 2) מצחא. שטערן

מצחא דאיהו דקיק וחד בלא עגולא דא הוא בר נש דלא מתיישבא בדעתיה, חשיב דאיהו חכים ולא ידע, אתבהיל ברוחא, נשיך בלישנא כחויא.

אַ שפּיציגער שטערן, ווייזט אויף אַ מענש וואָס האָט קיין געזעצטע דעה, מיינט אַז ער איז אַ חכם, איז אַ שרעקעדיגער־ זיין צונג איז בייסיג ווי אַ שלאַנג.

קמיטין במצחיה רברבן ולאו אינון בזווגא, בשעתא דמליל את עבידו אינון קמיטין במצחיה ולאו בזווגא, רשימין אחרנין די במצחיה כלהו בזיווגא, דא בעי דלא לאזדווגא ליה אלא זמנא זעירא ולא זמנא סגי, כל מה דעבד וחשב איהו לתועלתיה, ולא חייש לתועלתא דאחרנין, לאו איהו מארי דרזין כלל.

ווען עס בילדען זיך קנייטשען אויף׳ן שטערן פארוויין, ניט ווען ער רעדט, מיט אזא מענש זאל מען ניט מאכען קיין חברותא. אלץ וואס ער דענקט און טוט איז נור פאר זיין אייגענעם נוץ, קלעהרט קיינמאל ניט פאר אן אנדערן, איז קיין בעל סוד און ניט קיין עהרליכער מאן.

מצחא דקיק בעגולא דא איהו בר נש חכימא במה דאסתכל לזמנין אתבהיל ברוחיה. רחמן איהו על כלא אסתכל במלין סגיאין.

א קליינער רונדיגער שטערן, איז א חכם, פערשטעהט יעדע זאך וואס ער בעטראכט, האט רחמנות מיט יעדערן און איז א שדעקעדיגער.

תלת קמיטין עלאין רברבין במצחיה בשעתא דאיהו מליל, תלת קמיטין קריב לעינא חד, ותלת קמיטין על עינא אחרא, בכי בשעתא דארגיז, דא איהו טב יתיר מכמה דאתחזי, ארמי בתר כתפוי כל מלין דעלמא בין בעובדוי, בין במלין אחרנין ולא חייש.

דריי קנייטשען אויף׳ן שטערן אדער דריי קנייטשען איבער יעדערן אויג, וויינט ווען ער איז אין כעס, איז ער פיעל בעסער ווי ער ווייזט אויס, ווארפט אוועק אלע ענינים פון דער וועלט אהן חילוק, די וועלט גייט איהם גאר ניט אן.

מצחא דאיהו בלא עגולא ואיהו רברבא, האי איהו בר נש דכל זמנין כד קאים וכד אזיל כפוף רישיה. האי אתפליג לתרין סטרין ואינון סטרי שגעונא. סטרא חדא איהו שגעונא דאתחזי ובני נשא אחרנין ידעין שגעונא דאשתמודעא קמי כלא, ואיהו טפשא.

א גרויסער און ניט רונדיגער שטערן, און איינגעבויגענער קאפ ביים געהען און שטעהען ווייזט אויף צוויי ארטען

משוגעת, אַן אָפּענס וואָס אַלע זעהען און אַ משוגענער פאַר יענעם אַחוץ דעם איז ער אויך אַ טפש.

במצחיה אית ד׳ קמיטין רברבין לזמנין בשעתא דמליל, קמיט לון במצחיה ולזמנין דאתפשיט מצחיה במשכיה ולא אתחזון, אינון קמיטין אתחזון קמיטין אחרנין רברבין בסטרא דעינו, חייך למגנא פומא רברבא, לאו איהו בר נש לתועלתא. סטרא אחרא איהו שגעונא דאתכסי ביה ובני נשא לא מסתכלן ביה, ואיהו אתחכם במה דאשתדל ואפילו באורייתא אבל לא לשמה אלא בגין לאתגאה בפני עמא, וכלא בלחישו ובגאות לבא לאחזאה דאיהו זכאה ולאו הכי, כל מלוי לאו אינון לשמא דקב״ה אלא בגין בני נשא.

פיער גרויסע קנייטשען אויף׳ן שטערן וואָס בילדען זיך ביים רעדען, און ווען דער שטערן גלייכט זיך אויס פערשווינ־דען זיי, אָדער די קנייטשען בילדען נאָך אַנדערע קנייטשען איבערן אויג און לאַכט מיט אַ גרויס אָפען מויל, אַזאַ מענש איז אַן אומניצליכער. דאָס איז אַ צווייטע אַרט משוגעת, וועלכע איז פערדעקט אין איהם, וואָס מענשען זעהען ניט, איז קלוג פאַר זיך, און אַפילו אין תורה לערנען, איז אָבער ניט לשמה, נור זיך גרויס צו מאַכען פאַר מענשען, אַז ער איז אַן אדם כשר און איז עס ליידער ניט, טוט קיין זאַך פאַר גאָט נור בלויז פאַר מענשען.

מצחא דאיהו בעגולא רברבא פקיחא איהו דברנו דכלא ביה, ידע בכל מה דאשתדל אפילו דלא אומנא דיוליף ליה, אצלח בכל מה דאשתדל, ובממונא לזמנין אצלח, לזמנין לא, ממלה זעירא אסתכל במלין סגיאין, נבון אקרי, לא חייש למלין דעלמא. ואפילו דידע דיתכסיף בהו לא חייש לון ולא שוי על לביה, רכיך לבא איהו.

אַ רונדיגער שטערן וויזט אויף אַ גרויסען חכם, וואָס פערשטעהט אַלץ, אַפילו אָהן אַ לעהרער. בעגליקט וואָס ער טוט. אין געשעפט איז ער טיילמאָל ערפאָלגרייך טיילמאָל ניט. פון אַ קליינע זאַך פערשטעהט ער אַ סך, דעריבער הייסט

ער אַ נבון. די וועלט געהט איהם ווינציג וואָס אָן, און אַפילו ווען ער ווערט פערשעהמט דאַדורך מאַכט עס איהם אויך ניט אויס, בעזיצט אויך אַ ווייך הארץ.

# 3) עיינין. אויגען.

גוונו דעיינין אינון בת עינא, גוונין דעינא. חוורו דעינא, אוכמי דעינא. די אויגען האָבען פיער סימנים: די פאָרם, די קאָליר, דאָס ווייסעל און שוואַרצע אַפּעל. ההוא בת עינא נקודא אוכמי, דא איהו בר נש דחייך תדיר וחדי בחדו, וחשיב מחשבין לטב ולא אשתלימו אינון מחשבין בגין דסליק לון מיד מרעותיה. אשתדל במילי דעלמא, וכד אשתדל במילי דשמיא אצלח, האי אצטריך לאתתקפא ביה לאשתדלא באורייתא דהא יצלח בה.

אַ שוואַרץ פינטעל אין אויג ווייזט אויף לאַכען און פרייליכקייט. טראַכט שטענדיג גוטעס צו טוהן און פיהרט קיין געדאַנק ניט אויס. ווייל עס געהט איהם באַלד אַרויס פון די געדאַנקען. בעשעפטיגט זיך נור מיט וועלטזאַכען. וואָלט ער זיך אָבגעגעבען מיט געטליכע זאַכען וואָלט ער געווען ערפאָלג־רייך, דעריבער זאָל ער זיך נור בעשעפטיגען מיט תורה.

עיינין ירוקין ומתערבין בההוא חוורו, איהו חשיב תדיר לתועלתיה ולא חשיב לנזקא דאחרנין כלום.

ווען דאָס ווייסעל איז אויסגעמישט מיט אַ גרינע קאָליר איז אַ סימן, אַז ער טראַכט נור פאַר זיין אייגענעם נוצען. קימערט זיך ניט וועגען אַן אַנדערן'ס שאָדען.

גוונא אוכמא לא אתחזי ביה, חמיד איהו ולא מסטרא בישא, ואי סלקיה בידיה מסטרא בישא לא יתיב מניה, מהימנא איהו במה דאשתמודעא ובמה דלא אשתמודעא לא מהימנא איהו, מאריה דרזין איהו במלה דאיהו רזא עד דישמע לההוא רזא ביותר אחרא כיון דשמע ליה גלי כלא.

ווען קיין שוואַרצע קאָליר זעהט זיך ניט, ווייזט אויף אַ בעל קנאה. וויל אַלעס האָבען, אָבער ניט דורך שלעכטע מיטלען. און אַפילו דורך שלעכטע מיטלען מאַכט עס איהם אויך ניט אויס. געוועהנליכע זאַכען גלויבט מען איהם, אונגע־וועהנליכע ניט. ער קען האַלטען אַ סוד אַזוי לאַנג ווי ער הערט אים ניט פון אַן אַנדערן, קוים הערט ער אָבער פון אַן אַנדערן, איז עס שוין אויס סוד ביי איהם.

עיינין צהיבין ירוקין שגעונא אית ביה, ובגין שגעוניה איהו פום ממלל רברבן ועביד גרמיה כבר נש ברברבני, ומאן דאתתקף ביה נצח ליה.

גאָלד – גרין – קאָלירטע אויגען ווייזען אויף אַ מענש וואָס בעזיצט אַ משוגעת צו רעדען אַ סאַך און טוט אַלעס מיט גרויס גאוה. ווער עס הייבט אָן מיט איהם בעזיגט איהם.

עיינין חוורן דסחרין זעיר בירוקא מאריה דרוגזא ורחמנא איהו לרוב זמנין. וכד אתמלי רוגזא לית ביה רחימו כלל ואתהפך לאכזריות.

גרינע רינגען אין די אויגען, ווייזען אויף אַ כעסן. איז אויך צייטענווייז ווייך הערציג, אָבער אין כעס איז ער אַ גרויסער אכזר אָהן שום רחמנות.

עיינין ירוקין וחוורן כחדא וזעיר מגוון אוכם בהו, דא איהו מאריה דרזין ואצלח בהו ואי שארי באצלחותא אצלח וסליק. שנאוי לא יכלין ליה, ואיהו שליט עלייה בשולטנו ואתכפיין קמיה.

גרינליך ווייסע אויגען אין וועלכע עס איז אויך שוואַרצ־ליך, ווייזט אויף גליק. זיינע שונאים וועלען איהם קיינמאָל ניט קענען בעזיגען, ער האַלט זיי שטענדיג אַזוי פעסט אַז זיי מוזען זיך אונטערגעבען.

# 4) אנפין. דאָס פּנים

דיוקנין דחוטמא, איהו חותמא ופרצופא דבר נש לאשתּ־מודעא, חוטמא זעירא עקימא דלא אתיישבא כראוי וכו׳ חוטמא עקימא ותרין נוקבין דילי׳ רברבין וכו׳ חוטמא דאזיל באורח מישר וכו׳. חוטמא אריכא וחד חדודא ברישא דחוטמא וכו׳.

די פאָרם פון די נאָז איז דער סטעמפּעל פון מענשען׳ס פּנים. אַ קורצע קרומע אָדער שׂהנע נאָז ווייזט אויף אַ רמאי, אַ קורצען זכרון, ווערט לייכט אין כּעס, און איז קיין בעל־שלום, אַ קרומע נאָז מיט גרויסע נאָזלעכער, ווייזט אויף אַ תּם, אַ ליגנער אַ בעל מחלוקה, אַ בעל קנאה, אויסגעלאַסען און אונטריי. אַ נאָז געקרימט אַרויף צו, ווייזט אויף אַ שקרן אַ חכם להרע וואָס גלויבט אַלעס. אַ לאַנגע נאָז ווייזט אויף אַ ריזי־קאַנט, אַ כּעסן, אַ פּערטרויערטער און האַלט קיין וואָרט. אַ לענג־ליכע און אונטען אַ ביסעל פערבויגענע נאָז ווייזט אויף אַ חכם, איש אמת און פרום דורך און דורך.

אַ ברייטע נאָז אין מיטען, איז אַ שקרן, אַ נואף, און אָהן גליק. אַ גרויסע, גראָבע און לאַנגע נאָז איז אַ חכם להרע, אַ בעל סוד און אַ בעל מוצלח. אַ רונדיגע נאָז מיט קליינע נאָזלעכער, איז אַ בעל גאה, אַ כּאַראַקטערלאָזער מענש, גלויבט יעדע נאַרישקייט. אַ לאַנגע נאָז אויבען דין. איז אַ בעל גאה, אַ כּעסן, אַ קאַרגער אַן עזות פּנים. אַ רויטע נאָז איז אַ קאַרגער, אַ נואף, לאָזט זיך אָבער לערנען. אַ הויקער אין מיטען די נאָז, איז אַ פּערדאָרבענער מענש מיט אַלע פעלערן און קיין חכם. אַ דורכאויס גראָבע נאָז, איז אַ רוהיגער און פרידליכער מענש, אַ בעל סוד, אַ חכם און אַ טרייער מאַן צו זיין ווייב. אַ גראָבע נאָז מיט האָר אין מיטען נעבען שטערען איז אַ גו־טער מאַן צו די פרוי און אַ גוטער מענש פאַר אַלע.

# 5) שפוון, די ליפען

שפיון רברבן דא איהו בר נש מליל בלישנא בישא ולא אכסיף ולא דחיל, מארי דמחלוקת רכילא איהו בין האי להאי.

גרויסע ליפען ווייזען אויף א מענש וואָס רעדט שטענ-דיג לשון הרע, איז א רכילות טרייבער און מאַכט מחלוקת צווישען מענשען, האָט קיין מורא און שעהמט זיך ניט.

שפוון עתיקין בעתיקו ולאו דקיקין האי איהו בר נש מאריה דרוגזא יתיר, מאריה דזדונא, מאריה דלישנא בישא בפרהסיא בלא כסופא כלל, לזמנין אשתדל בליצנותא, האי איהו בר נש דבעי לאתרחקא מניה.

דיקע ליפען ווייזען אויף א רגזן א להכעיס'ניק, א לשון הרע'ניק בפרהסיא אָהן שום שאַנדע, מאַכט ליצנות פון אַלע. פון אַזאַ מענש זאָל מען אַנטלויפען.

# 6) אודנין, אוירען

מאן דאודנוי רברבין, טפשא בליביה ושגעונא ברוחיה, מאן דאידנוי זעורין פקיחא דלבא באתערותא איהו צבא לאשתדלא בכלא.

גרויסע אוירען ווייזען אויף א נאַר א משוגענע, קליינע אוירען ווייזען אויף קלוגהייט.

# ז) שרטוטי ידין.
# שטריכען פון די הענד.

שרטוטי ידין ושרטוטי אצבעאן לגו כלהו קיימין ברזין אחרנין למנדע במלין סתימין ואלין אינון ככביא דנהירין לאסתכלא גו מזלי בטסירין עילאין אצבעאן קיימי ברזין עילאין טופרי אצבעאן דקיימין דחפין לבר וכו'.

די שטריכען פון די הענד און פינגער ווייזען אויף סודות-דיגע און פערבארגענע זאכען, זיי זענען ווי לייכטענדע שטע-רען דורך וועלכע מען קען וויסען דעם מענשען'ס מזל.

בטופרין אית זמנין דנהירין בהו ככבין חוורין דקיקין ואלין אינון כתולדה דטלופחין ואינון שקיעין כהאי מסמרא על לוחא, ולאו אינון כאינון חוורן אחרנין דלא שקיעין אלא דקיימין לעילא, בהני דלא שקיעין לית בהו ממשא, אבל הני דשקיעין חוורין כתולדה דטלופחין אית בהו ממשא ואית סימנא טבא ליה לבר נש בהו ויצלח בהאי זמנא, או גזרה אתגזר עליה ואשתזיב מינה וכו'.

אויף די פינגער נעגעל ווייזט זיך צייטענווייז ווייסע פלעקען, דאס זענען אזעלכע פינטעלעך ווי ערבסען וואס זענען אריינגעדריקט אין די נעגעל, די וואס זענען ניט אריינגע-דריקט נור שיינען בלויז אויף די נעגעל זענען קיין שום סימן ניט, נור די אריינגעדריקטע פינטעלעך זענען א גוטער סימן און ווייזען אויף גליק, אדער אז ער איז נצול געווארן פון אן אומגליק.

בידין שרטוטין רברבין, שרטוטין זעירין דקיקין עלאין בימינא באינון אצבעאן דבהו שרטוטין זעירין, באצבעא זעירא דימינא אית רשימין דקיקין, אצבעא דא קיימי תדיר על עובדין דבסטרא אחרא, בהאי אצבעא קיימין שרטוטין אינון דאצבעא אתכפיל בהו, הני לאו אינון לאסתכלא אלא אי אתוספן ביה, אי אתוספן תרין אחרנין על ההוא שרטוטא דאתכפיל בהו

ארחא לא אזדמן ליה ואי יעבד לא יצלח, בר אי קיימן בארכא בין רשימא לרשימא בזמנא דיתמשך משכא לאחורא ואשתארו אינון רשימין דאשתמודען, האי יצלח בארחא, וסימן דא, תלת תלת בפותיא וארבע בארכא וכו׳.

אויף די הענד זענען דאָ גרויסע און קליינע שטריכען. אויף די רעכטע פינגער זענען דאָ קליינע שטריכען. אין קליינעם רעכטען פינגער בילדען זיך שטריכען ווען דער פינגער בייגט זיך איין. די שטריכען ווייזען גאָר ניט, חוץ ווען עס בילדען זיך נאָך צוויי אַנדערע שטריכען ביים איינבייגען דאַמאָלס ווייזט עס, אַז דעם מענש וועט ניט אָפגליקען אין זיין אַרבייט. ווען אָבער די נייע געבילדעטע שטריכען שטעהען זענגאויס צווישען די שטריכען פון די ברייט, דאַמאָלס איז אַ סימן אויף אַ גליקליכע צייט.

כד מתחברן כחדא כתיב כף אחת עשרה זהב מלאה קטורת.

ווען די פינגער זענען, ביים אויפמאַכען די האַנד, געדיכט איינער ביים צווייטען אַז מען קען ניט דורקוקען דורך זיי, איז אַ סימן אויף גליק. אַ רמז דארויף געפונען מיר אין די תורה „כף אחת עשרה", ווען די צעהן פינגער זענען ניט אָבגעטיילט, נור כף אחת, די האַנד זעהט אויס ווי איין גליד, איז אַ סימן „זהב מלאה קטורת", אַז קטורת (סימן פון עשירות) און זהב וועלען שטענדיג אָנפילען זיינע הענד.

יוען די פינגער זענען אָבער אָבגעטיילט איינער פון צווייטען, אַזוי אַז עס זעהט זיך אַ צווישענשייד צווישען די פינגער, איז עס אַ צייכען פון אָרימקייט. אויף וועלכען מיר געפינען אויך אַ רמז אין די תורה „ואם דל הוא ואין ידו משגת" זאָגט דער תרגום דארויף ולית ידיה מדבקא ד. ה. ווען די פינגער זענען נישט בעהאפטען איינער צום צווייטען, איז אַ סימן „דל הוא" — ער וועט בלייבען אַן אָרימאַן.

# 19. סתרי הטבע.

# נאטורוויסענשאפט.

שוין מעהר ווי 2000 יאָהר ווי די מענשהייט טראַכט און שטודירט אַריינצודרינגען אין די סודות פון די נאַטור און לע־בען, און וואָס דאָס איז אַזוינס „לעבען“, דורך דריי פערשיע־דענע אופנים. 1) סודות וחכמת הטבע. 2) אַלחימיאה. 3) אוי־טאָמאַטישע מאַשין־קונסט אָדער גולם.

## 1) סודות.

דער ערשטער וואָס האָט פּראָבירט צו געפינען די סודות הטבע איז געוועזען VIRGIL פון רוים. (70 יאָהר פ. א. צ.) ער האָט געמאַכט אַזאַ מין קופערנע פליג, וועלכע האָט פער־יאָגט פליגען, און די וואָס איז צוגעפלויגען נאָהנט צו די קו־פּערנע פליג איז באַלד טויט געוואָרען. שפּעטער האָט ער גע־מאַכט אַ פערד פון קופער צו היילען קראַנקע פערד. ווען דאָס קראַנקע פערד האָט געקוקט אויף דעם קופערנעם פערד איז עס געזונד געוואָרען.

אויך האָט ער געמאַכט אַזאַ מעטאַלענעם קאָפּ, וועלכער האָט איהם געענטפערט ווען ער האָט איהם געפרעגט, און אויך געזאָגט די צוקונפט, און ווען ער האָט אַמאָל געפרעגט דעם קאָפּ אויב ער זאָל געהען אין אַ געוויסען וועג, האָט דער קאָפּ איהם געענטפערט „געה ווי דו ווילסט נור היט דעם קאָפּ“ האָט ער ניט פערשטאַנען די אַנטוואָרט, און געמיינט, צו היטען איהם (דעם מעטאַלענעם קאָפּ) אָבער דער קאָפּ האָט געמיינט איהם צו וואָרנען וועגען זיין אייגענעם קאָפּ, דעריבער ווען ער איז געוועזען אויף׳ן וועג האָט ער געקריעגען אַ זונען שטאָך אין זיין מח, און געשטאָרבען. זיינע צייט גענאָסען

האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ מכשף וועלכער האָט צו טוהן מיט שדים, מיט'ן טייוועל און מיט רוחות רעות. אויך אפלטון און דאדלוס (גריכישע פילאָזאָפען) האָבען בעשאַפען אַזאַלכע קינסטליכע ברואים. אויך פראַנקשטיין האָט בעשאַפען אַזאַ גולם וואָס האָט נאָכהער איהם זעלבסט גע'הרג'ט.

## 2) אלחימיאה

אַנדערע ווידער האָבען פּרובירט די נאַטור דורך אלחימיאה, מיט דעם, אַזויגערופענעם, פילאָזאָף'ס שטיין און געהאָפט אַז זיי וועט געלינגען, דורך די אַלכעמישע קונסט, צו בעשאַפען גרויסע ברואים. דען ביז דאַמאָלס איז זיי נור געלונגען צו מאַכען אַ קליין גולם'ל, וועמען זיי האָבען גערופען „האמונקולוס".

דער אלכימיסט ווילענעוואַ (אין 13-טען יאָהרהונדערט) האָט זיין גאַנץ לעבען געאַרבייט צו מאַכען אַ גולם. דער אלכימיסט קאַמילדוס האָט בעשאַפען אַזאַ קליין גולם'ל וואָס איז געשטאַנען אין אַ גלאָז.

דער פילאָזאָף פּרצלזוס זאָגט אין זיין בוך „DE NATURA RERUM" אַז די אַלע משונה־דיגע בריות, גולם'ס צווערקען, וואָס זענען פון די פאָריגע פילאָזאָפען בעשאַפען געוואָרען, איז אַלץ געווען מיט די הילף פון אלחימיאה, און ער לערנט טאַקי ווי אַזוי דאָס צו מאַכען.

# 3) אויטאָמאַטישע מאַשין.

טייל וויעדער האָבען פּראָבירט דורך אויטאָמאַטישע מאַ-שין-קונסט. דער ערשטער וואָס האָט איינגעשפּאַנט די קונסט פון מאַשינעריי צו דעם צוועק איז געוועזען ALBERTUS MAGNUS (אַלבערט דער גרויסער, אין 13-טען יאָהרהונדערט) וואָס האָט געמאַכט אַ גולם וועלכער האָט זיך בעוועגט ווי אַ לעבעדיגער מענש. איינמאָל איז זיין תלמיד טאָמאַס די אַקווין אַריינגע-קומען צו איהם ווען ער, אַלבערט, איז ניט אין דער היים גע-וועזען, און ווען טאָמאַס האָט דערזעהען דעם גולם, האָט ער, מיינענדיג אַז דאָס איז אַ גנב, גענומען זיין שטעקען און דעם גולם צעהאַקט און צעבראָכען אויף שטיקער. ווען אַלבערט איז אַהיים געקומען און געזעהען וואָס פון זיין גולם איז געוואָרען, איז ער שיר ניט געבליבען אָהן נשמה און אויסגעשריגען „טאָמאַס! וואָס האָסט דו געטוהן? דו האָסט אין איין מינוט פערניכטעט אַ געהיימע וואונדערליכע אַרבייט, איבער וועלכע איך האָב געאַרבייט דרייסיג יאָהר".

אָט די אַלע זענען בעוואוסט אין די וועלט פאַר חכמים, קינסטלער פילאָזאָפען, נאַטוראַליסטען, וואָס די וועלט צווייפעלט חלילה ניט אין זייער אמת'ע קונסט. און פון יודען וויס די וועלט גאָר ניט צו ערצעהלען.

הונדערטער יאָהרען צוריק איידער די וועלט האָט נאָך ריכטיג געוואוסט פון די אַלע קינסטלער און זייערע ערפינדונ-גען, ווען יודען האָבען געוויזען אַז אונזערע חכמי התלמוד האָבען געקענט אלחימיאה און נאַטורוויסענשאַפט און סודות הטבע, אַז זיי האָבען אַפילו געקענט מחיה מתים זיין אָדער בעשאַפען אַ מענש, ווייל זיי האָבען פערשטאַנען דעם סוד פון יצירה, האָט די וועלט, ניט בלויז אָבגעלייקענט מיט ראיות, צו דעם האָט זיך קיינער אפילו די צייט ניט גענומען, נור גאָר פשוט געזאָגט, אַז די חכמים האָבען מגזם געוועזען. און די יעניגע וואָס וויסען נאָך ניט פון די אַלע קינסטלער זאָגען עס נאָך היינט אויך.

דאָס וואָס VIRGIL האָט געמאַכט מיט דעם קיפּערנעם פּעדד, געפינען מיר שוין אין די תורה (2000 יאָהר פאַר ווירגיל׳ן) „ויעש משה נחש נחשת וישימהו על הנס והיה כל הנשוך וראה אותו וחי״, אַז משה האָט געמאַכט אַ קופּערנעם שלאַנג, און ווען אַ געביסענער פון אַ שלאַנג, אָדער פון אַ משוגענעם הונד, האָט געקוקט אויף דעם קופּערנעם שלאַנג איז ער געהיילט געוואָרען.

פרעגט די גמ׳ (ר״ה כ״ט) וכי נחש ממית או מחיה? האָט דען דער שלאַנג ווירקליך געקענט היילען קראַנקע? ענטפערט די גמ׳ ניט דער שלאַנג האָט געהיילט, נור גאָט, דער שלאַנג איז נור געוועזען צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די יודען צו קוקען צו איהם אין דער הויך, ניט צום שלאַנג, נור צו גאָט. מיט דעם האָבען די חכמים געציעלט אויסצוּוואָרצלען דעם אַבערגלויבען פון פיעל מענשען וועלכע האָבען דעם קו־פּערנעם שלאַנג פערהייליגט.

און דאָס איז אויך געוועזען חזקיה המלך׳ס טעם פאַר׳ן צעברעכען דעם שלאַנג (מלכים ב׳ י״ח) פאַר וועלכען די חכמים האָבען איהם געדאַנקט. (ברכות י׳. פסחים נ״ו) ד. ה. אַז דער נחש האָט טאַקי געהיילט, אָבער נור דורך גאָט׳ס וואָרט, ווי עס שטעהט געשריבען „ויאמר ד׳ אל משה עשה לך שרף״ וכו׳ ומי שאמר לשמן ידלוק יאמר לחומץ וידליק. גאָט זאָגט צו משה׳ן מאַך אַ שלאַנג, א.אַ.וו. און אַזוי ווי דורך גאָט׳ס בעפעהל ברענט אייל, קען ער אויך בעפעהלען אַז עסיג זאָל ברענען. ווייל באמת איז אַ סכנה פאַר אַ געביסענעם פון אַ שלאַנג אָדער אַ משוגענעם הונד, צו קוקען אין די צורה פון אַ שלאַנג אָדער אַ הונד, אָדער אַפילו אין אַ שפּיגעל אָדער וואַסער, ווייל ער וועט שטענדיג זעהען אין די אָבשפּיגלונג, אַ שלאַנג אָדער אַ הונד, ווי די גמ׳ ערצעהלט (יומא פ״ד) כל נשוך מכ״ב כל תריסר ירחי שתא לא שתי מיא אלא בגובתא דנחשא דילמא חזי ליה לכלבא ומסתכן. אַ געביסענער פון אַ הונד, זאָל אַ גאַנץ יאָהר טרינקען וואַסער דורך אַ קיפּערנע ראָהר, כדי ער זאָל ניט זעהען די אָבשפּיגלונג אין וואַסער. דאָס

זעלבע שרייבט אויך דער רבינו בחיי, און רמב״ן. מיט זיי זענען מסכים אפילו אלע היינטיגע גרויסע דאָקטוירים. נו, אויב אַזוי, איז עס דאָך אַ פלא אז צו היילען די יודען פון אַ שלאַנגען ביס האָט גאָט גראַד געהייסען מאַכען אַ קופּערנעם שלאַנג און גאָר קוקען אויף איהם?

אָבער טאַקי דאָ זעהען מיר גאָט׳ס וואונדער אז ער האָט געהיילט מיט אַ זאַך וואָס איז אַ סכנה. נור שטעלט זיך אָבער די פראַגע צו וועלכען צוועק האָט גאָט געטוהן צוויי נסים; היילען דורך אַ שלאַנג און דורך אַ געפעהרליכע זאַך? אויב שוין יאָ דורך אַ שלאַנג האָט עס דאָך געקענט זיין גאָלד אָדער זילבער? אָט דאָ קומען מיר צו אַ וויכטיגע נאַטוראַייגענשאַפט וואָס גאָט האָט אַריינגעגעבען אין קיפער. ווען משה האָט געריהמט ארץ ישראל פאַר די יודען, האָט ער געזאָגט לא תחסר כל בה, ארץ אשר אבניה ברזל ומהרריה תחצוב נחשת״ (עקב.) דעם לאַנד פעהלט קיין זאַך ניט. די שטיינער זענען אייזערנע, און די בערג פון קיפער. איז דאָך פרעגליך, אויב דעם לאַנד פעהלט קיין זאַך ניט ווייל עס האָט אייזען און קיפּער, טאָ ווי איז גאָלד און זילבער? דאָס זעלבע שטעהט אויך אין פ׳ וזאת הברכה, ברזל ונחשת מנעליך, וואָרום עפּעס נור אייזען און קיפּער? אויך די מייסטע זאַכען אין משכן זענען געווען פון קיפּער, דהיינו; אדנים, קרסים, יתדות, מזבח, כיור, רשת, מחתות, סירות, ודלתותיהם. די שווען, העקעלעך, נעגעל, מזבח, האַנדפאַס א.אַ.וו. ווי עס שטעהט געשריבען „כל כליו עשה נחשת״, אלע כלים זענען געווען פון קופּער. וואָס איז דער טעם?

ווייל קיפּער בעזיצט די אייגענשאַפט צו היילען מאַנכע קראַנקהייטען, דאָס איז דער בעהאַלטענער כח פון די נאַטור וואָס גאָט האָט אַריינגעגעבען אין קיפּער. און דאָס איז ערשט מיט אַ 70 יאָהר צוריק אויסגעפונען געוואָרען. אין יאָהר 1852 איז אין פראַנקרייך אויסגעבראָכען די כאָלערע, דער בעריהמטער דאָקטאָר באַרק האָט אָנגעווענדעט פערשיעדענע מעדיצינען, האָבען אָבער ווייניג געהאָלפען. ער האָט אָבער ניט גערוהט,

נור געפּאָרשט, אַמוועניגסטענס צו קענען קאָנטראָלירען די קראַנקהייט. אין זיין פאָרשען האָט ער געזעהען אַז די פערמשפּט׳ע פערברעכער וואָס האָבען געאַרבייט אין די רעגירונגס קופּערמינען, האָט די כאָלערע ניט אָנגעגריפען.

אין יאָהר 1865 איז אויסגעבראָכען אַן עפּידעמיע אין טולאָן, און אויך דאָרטען האָט עס די אַרבייטער, אין די קופּערמינען, ניט געשאַט, וועהרענד גאָלד און זילבער אַרבייטער האָבען יאָ געליטען.

אויך אין שטאָקהאָלם איז אויסגעבראָכען די כאָלערע און אויך דאָרטען האָט עס די אַרבייטער אין קופּערמינען ניט געשאַט. דאָס האָט די דאַמאָלסדיגע דאָקטוירים, מיט דר׳ באַרק צוזאַמען, געבראַכט אויף די אידעע צו היילען קראַנקע מיט קיפּער אין אַ וואַסערדיגען צושטאַנד (ליקוויד.) ווי, שוועבלזוירע פון קיפּער אָדער דאָס אַזויגערופענע, קופּערוואַסער, וועלכעס איז פיעל מאָל אויספּרובירט און געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג.

אָט מיט דעם האָט משה געריהמט ארץ ישראל, לא תחסר כל בה, אין דעם לאַנד פעהלט ניט קיין זאַך, ווייל אַ לאַנד וואָס פערמאָגט שטיינבערעכרייען און קופּערמינען, וואָסביידע הייסען אייזען, ברזל איז גראָב אייזען און נחשת איז פיין אייזען (ספורנו, פ׳ עקב) און אויך אייזען ווערט גענוצט פון דאָקטוירים אין וואַסערצושטאַנד (ליקוויד) פאַר קראַנקע, דעריבער וועט איהר זיין געזונד און שטאַרק, אויף ברזל ונחשת מנעליך זאָגט דער תרגום יונתן „והי כיומי טליותהון היכדין יהוון תקיפין בסיבותהון, איהר וועט זיין אויף דער עלטער אַזוי שטאַרק ווי אין דער יוגענד”.

איבערדעם זענען די מייסטע כלים אין משכן און ביהמ״ק געוועזען פון קיפּער צו שאַפען אַ געזונטע אַטמאָספערע פאַר די כהנים.

דאָס איז געוועזען אַ דאָפּעלט נס וואָס גאָט האָט די יודען געוויזען מיט׳ן נחש הנחשת. ערשטענס, די אייגענשאַפט וואָס קיפּער בעזיצט. צווייטענס, אַז דער נחש וואָס האָט גע-

ביספן, האָט אויך געהיילט. טראָץ דעם וואָס איז אַ כּבֿנה צו קוקען אין דעם מזיק, אַ זאַך, וואָס ניט ווירגיל, ניט אפלטון, און קיין אלכימיסט, און ניט אַפּילו היינטיגע גרויסע דאָקטוירים קענען בעווייזען.

און אַפּילו די פילאָזאָפען און אַלכעמיסטען וועלכע האָט זיך שוין יאָ איינגעגעבען צו בעשאַפען עפּעס אַ מין בריאה, איז עס אויך נור געוועזען אַ האַלבע בריאה, וועהרענד די חכמי התלמוד האָבען בעשאַפען מענשען מיט אַלע אייגענ־שאַפטען חוץ דעם כּח הדבור צו רעדען. ווי די גמ׳ (סנהדרין ס״ה) ערצעהלט „רבא ברא גברא שדריה לקמיה דר׳ זירא הוי קא משתעי בהדיה ולא הוה קא מחדר ליה, א״ל מן חבריא את, זיל תוב לעפרך״.

רבא האָט בעשאַפען אַ מענש און געשיקט איהם אַלס שליח צו ר׳ זירא, האָט ר׳ זירא גערעדט צו איהם און קיין אַנטוואָרט ניט געקריגען. זאָגט ר׳ זירא צו איהם „דיך האָבען די חברים בעשאַפען, ניט גאָט, געה צוריק צו די ערד פון וועלכע דו ביזט בעשאַפען געוואָרען״.

רב חנינא ורב אושעיא הווי יתבי כל מעלי דשבתא ועסקו בספר יצירה ומיברו להו עיגלא תילתא ואכלי ליה. ר׳ חנינא און ר׳ אושעיא האָבען יעדען פרייטאָג בעשאַפען אַ קאַלב, דורך דעם ספר יצירה.

ר׳ פפא האָט געהאַט אַ קנעכט וועלכען ער האָט בעשאַ־פען. (חולין ק״ה)

הרב יש״ר מקנדיא ערצעהלט אין זיין ספר „מצרף לחכמה״, פ״ז, אַז דער גרויסער דיכטער און פילאָזאָף ר׳ שלמה אבן גבירול (אין צעהנטען יאָהרהונדערט) האָט געהאַט אַ דיענסט וועלכע ער האָט בעשאַפען. אויך ר׳ אברהם אבן עזרא האָט בעשאַפען אַ מענש פאַר׳ן רבינו תם, און צו איהם געזאָגט „זעה דעם גרויסען כּח וואָס גאָט האָט אריינגעגעבען אין די היילינע אותיות, מיט וועלכע איך האָב דעם מענש בעשאַפען״.

דער מעהר בעוואוסטער גולם אין די וועלט איז, וועלכען דער מהר״ל מפראג 1512 האָט בעשאַפען. זיין איידעם ר׳ יצחק

בן שמשון הכהן און זיין תלמיד, יעקב בן חיים ששון הלוי ערצעהלען אין ספר „נפלאות מהר״ל״ וועלכעס איז געלעגען, אלס מאנוסקריפט, אין די גרויסע ביבליאטעק אין מיץ (עלזאס) ביז צום יאהר 1908, אז זיי האבען געזעהען מיט זייערע איי־גענע אויגען דעם פראצעס פון די בעשאפונג פון גולם, וואס זייער שווער און רבי האט בעשאפען.

פיעל מעשות, זכרונות און מנהגים, וואס שטאמען פון גולם׳ס צייט זענען נאך היינט ניט פערגעסען אין פראג. און דאס בעווייזט דעם אמת פון גולם. דער בעסטער עדות איז, דער מנהג אין די אלט־ניי־שוהל אין פראג צו זאגען פרייטאג צו נאכט׳ס צוויי מאל „מזמור שיר ליום השבת״ דורך דעם וואס דער גולם האט אמאל פרייטאג צו נאכט, ווען מען האט שוין אין שוהל געהאט מקבל שבת געווען (ד. ה. נאך מזמור שיר ליום השבת) שיר ניט חרוב געמאכט פראג האט דער מהר״ל א געשריי געטוהן „עס איז נאך ניט שבת״ און האט דעם גולם קאנטראלירט. ערשט נאכדעם האט מען מקבל שבת גע־ווען נאכאמאל. פון דאמאלס אן איז געבליבען דער מנהג צו זאגען מזמור שיר ליום השבת צוויי מאל.

אויך דער בעש״ט און דער רבי ר׳ אליהו פון כעלם האבען בעשאפען גולם׳ס. און זעהען מיר דעם חילוק צווישען די חכמי האומות און די חכמי התלמוד. די ערשטע האבען קיין קאנטראל ניט געהאט איבער זייערע גולם׳לעך אפילו ווי קליין זיי זענען געווען, ווי למשל פראנקענשטיין וועלכער איז גע׳הרג׳ט געווארען פון זיין אייגענעם גולם. ווערהענד די לעצטע האבען געהאט פולשטענדיגען קאנטראל איבער זייערע גולם׳ס.

# 20. מלאכות ובעלי מלאכות.

## ארבייט און ארבייטערס.

אז די חכמי התלמוד האָבען געוואוסט פון אלערליי מלאכות קענען מיר זעהען פון די ל״ט מלאכות וועלכע זענען פערבאָטען צו טוהן אום שבת.

זיי זענען אליין געוועזען בעלי מלאכות, ווי:

גאָלד, זילבער
און קופערשמידער
בילד און שטיין הויער
קאבינעט מעקער
גערבער
שלאָסער
שוסטער
וועבער
שניידער
שערער
קוּסטמאַלער
גערטנער

גלעזער
קירזשנער
טעפער
בעקער
קצבים
בעדער
מאָדעלירער
גאסען-פלאַסטערער
קוכער
אפטייקער
מויערער.

די אלע מלאכות געפינען מיר אין תנ״ך און אין די גמרא.

גאָלד, זילבער און קופער-שמידעריי, מצרף ומטהר כסף (מלאכי ג׳ ג׳), צורפים (נחמיה ג׳ ח׳) חרש צורף מחליק פטיש והולם פעם (ישעיה מ״א ז׳), צורף לעשות פסל ומסכה (שופטים י״ז ד׳), חשלה, צורף נחשת (כתובות ע״ז), דהבן (ירושלמי גיטין פ״ד).

שטיין און בילדהויעריי, חרושת אבן (ויקהל) חרושת אבן וחוצבי בהר חורשי אבן קיר (ש״ב ה׳ י״א).

**האָלץ-אַרבייט**, בחרשת עץ (ויקהל) דקלי, דקלאי, (ב״ר פמ״א א׳) מפסלי אילנות (מקוואות פט״ז), קצץ (שה״ש רבה פ״ה ג׳).

**לעדער-אַרבייט**, בורסין (שבת י״ז), זקק (מקוואות פ״ט ה׳).

**וועבערײַ און שניידערײַ**, חושב, ורוקם, ואורג (תרומה, עדיות פ״ג ד׳ כלים פי״ג ה׳).

**חייט**, אשפרא (ע״ז כ׳), גודלי מצנפת (כלים פט״ז ז׳).

**טעפּערײַ**, יוצר, קדר, פחרא, גודל תנורים (מו״ק י״ג, ב״ק ל״א).
**היטטע**, זגג, נופח כלי זכוכית (ירושלמי שבת פ״ז).

**מאָדעלירערײַ**, טחי טיט תפל (יחזקאל י״ג י״א). גודרים (שבת כ״ב ו׳). בנאי (ב״מ קי״ח). אדריכל, ארכיטעקטון (ב״ר פכ״ד).

**גאַסען-פּלאַסטערײַ**, (אין ענגליש MOSAIC) פיסין, פיסונות (כלים פ״כ ב׳).

**עסענוואַרג**, בעקערײַ — אופה, מגבן — שווייגער (תוספתא שבת פ״ט). קצב, טבח, טבחא, (חולין, עדיות פ״ח ב׳).
הונדערט אופנים ווי צו מאַכען געריכטען פון אייער (איכה רבתי פ״ג).

און נאָך פיעל אַנדערע מלאכות. חוטב עצים — האָלץ-העקער, שואב מים — וואַסער-טרעגער, סבל, — כתף, — שקלאי — לאַסט-טרעגער (נדה ס״ז). תופשי משוט, מלחים, חובלי הים — שיפ׳ס קאַפּיטאַן (יחזקאל כ״ז). ספן, ספנים, נגידא — מאַטראָזען (סוטה מ״ח). צייר, סייד, כייר — מאָלער (ב״ק נ״א). ספר, גלב, בלן, — בעדער (קדושין פ״ב). די איינוואוינער פון טבריה זענען אַלע געיועזען אַרבייטערס (עירובין פ״ח). הלל איז געוועזען אַ האָלץ-העקער (יומא ל״ה). פנחס, עד שנעשה כהן גדול בבית שני, היה חוצב אבנים ונקרא בעבור זה פנחס הסתת. פנחס, איידער ער איז געוואָרען אַ כהן גדול ביים צווייטען בית המקדש, איז געוועזען אַ שטיין-העקער, דעריבער האָט ער גע-הייסען פנחס דער שטיין-העקער. (ספרא פ׳ אמור). שמאי איז

געוועזען א מאָדעלירער (שבת ל"א). יוסי בן חלפתא איז גע-
וועזען א גארבער (שבת מ"ט). ר' יהושע איז געוועזען א שמיד,
א קאָוואַל (ברכות כ"ח). ר' מאיר איז געוועזען א שרייבער,
(עירובין י"ג).

פיעל תנאים און אמוראים זענען גערופען געוואָרען מיט'ן
נאָמען פון זייער מלאכה, ווי ר' יצחק נפחא – דער שמיד. ר'
יוחנן הסנדלר – דער שוסטער. ר' חנינא און ר' אושעיא זע-
נען געוועזען שוסטערס (פסחים קי"ג). קרנא איז געוועזען א
מבין אויף וויין (כתובות ק"ה). אבא הושעיא איז געוועזען א
וועשער – לאנדרי מאן (ירושלמי ב"ק פ"י י'). ר' חסדא און
ר' פפא זענען געוועזען ביער ברויער (פסחים קי"ג). אבא בר
זמינא איז געוועזען א שניידער. (ירושלמי סנהדרין פ"ג ו').
ר' אדא איז געוועזען א לאַנד-מעסטער (ב"מ ק"ג). ר' אבא
אומנא איז געוועזען א פעלדשער, – קוואַק – דאָקטאָר. (תענית
כ"א). ר' אבא סבולאי איז געוועזען א פאסטוך (ב"מ צ"ג).
ר' יהודה איז געוועזען א בעקער (ב"ב קל"ב).

## AGRICULTURE עבודת אדמה.

אדם הראשון איז געוועזען דער ערשטער ערד אַרבייטער,
ווי עס שטעהט אין בראשית, „לעבוד את האדמה" גאָט האָט
איהם אַרויסגעשיקט פון גן עדן צו בעאַרבייטען די ערד.
נח האָט געפלאַנצט א וויינגאָרטען (נח). אברהם האָט געפלאַנצט
א גאָרטען (וירא). יצחק האָט זיך בעשעפטיגט מיט ערד אַר-
בייט (תולדות). צו די יודען אין דער מדבר האָט גאָט גע-
זאָגט „וכי תבואו אל הארץ ונטעתם כל עץ מאכל". אין ארץ
ישראל זאָלט איהר פלאַנצען אלערליי פרוכט ביימער (קדושים).
אלישע הנביא האָט געאַקערט מיט אָקסען אין פעלד (מ"א י"ט)

קעניג עזיהו האָט געהאַט ווייגערטנער אויף די בערג אין כּרמל (ד"הב כ"ו י'), בויט הייזער, פלאַנצט ווייגערטנער און עסט די פרוכט (ירמיה כ"ט ה'). כּמעט אַלע תנאים און אמוראים האָבען זיך בעשעפטיגט מיט ערדאַרבייט (חולין ק"ח), אבא חלקיה האָט געאַקערט אין פעלד (תענית כ"ג), רבי האָט געפלאַנצט אַ בוים אין פורים (מגילה ה').

# 21. דער זייגער

אַ מאַשין צו מעסטען די צייט, די לעהרע דאַפון הייסט „האָראָלאָדזשי", HOROLOGY. די געשיכטע פון האָראָלאָדזשי ביי די אומות העולם איז זעהר אַ קורצע, דער ערשטער אַפּאַראַט פאַר מעסטען די צייט איז געוועזען דער, אַזויגערו־פענער זונענזייגער SUN-DIAL אַנאַקסימאַנדער — 550 פ. א. צ. האָט געמאַכט דעם ערשטען זונענזייגער. פאַפּיריוס קורסאַר, האָט דעם ערשטען טעגליכען זונענזייגער, אָהן נאַכט צייט, אַריינגעזעצט אין טעמפּעל קווירינוס אין רוים — 293 פ. א. צ. אָבער די נאַכט איז אַלץ געבליבען אָהן אַ זייגער.

דערנאָך איז געקומען סיפּיאַ — SCIPIO NASICA 158 פ.א.צ. און ערפינדען אַ וואַסערזייגער, די אַזוי גערופענע CLEPSYDRA. ערשט אין יאָהר 1288 איז געמאַכט געוואָרען דער ערשטער וואַנטזייגער.

אין 14־טען יאָהרהונדערט איז שוין געמאַכט געוואָרען דער ערשטער שטאָטזייגער אין שטראַסבורג און אויך אין אַנ־דערע שטעט.

אַזוי ווייט געהט די געשיכטע פון האָראָלאָדזשי, פון יודען און די חכמי התלמוד איז קיין שום צייכען ניט צו זע־הען, און די וועלט מיינט אַז דער זייגער איז ערפונדען גע־וואָרען נור ביי די ניט־יודען, און אַז אונזערע חכמים האָבען גאָר ניט געוואוסט פון האָראָלאָדזשי. אַזוי וועלען מיר יעצט

בעווייזען אז אזאלכע מייסטער פון צייט מעסטערס זענען ביי יודען שוין געוועזן פון פריהער.

אין ישעיה ל"ח ח' שטעהט „הנני משיב את צל המעלות, וכו' בשמש". איך וועל צוריקהאלטען דעם שאטען פון די זונ-שטופען, ערקלעהרט רש"י דארויף כמין מדרגות עשויות כנגד החמה לבחון שעות היום כמין אורולוגין HOROLOGISTS אויף א ברעט זענען געוועזען אנגעצייכענט שטופען און איינ-געטיילט אין חלקים (שעות) אזוי ווי אראלאדזשיסטען טוהן. און דאס איז דער זונענזייגער.

אויך אין די משנה ווערט דער זונענזייגער דערמאנט מסמר של אבן שעות דער נאגעל פון דעם ציפערבלאט, וועל-כער איז געוועזען א שטיינערנע פלאטע אויף וועלכע עס זענען געוועזען אנגעצייכענט די צאהל פון די שעות אין א צירקעל — פונקט ווי א ציפערבלאט — און אין צענטער האט געשטעקט א נאגעל, ווען די זון האט געשיינט האט דער נאגעל געווארפען א שאטען אויף די נומערען, און מיט'ן בעוועגען פון די זון האט זיך אויך דער שאטען געריקט פון איין צייכען צום צווייטען. און אזוי פיעל נומערן ווי עס זענען גע-וועזען געצייכענט אויף די פלאטע, אזוי פיעל שעות, האט עס געהייסען, האט דער טאג. (עדיות פ"ג ח). דער וואסערזייגער די אזויגערופענע קלעפסידרא שטעהט בפירוש אין זוהר פ' לך לך ד' צ"ב ר' אבא הוה אתי מטבריא לבי טרוניא, כד בעו למשכב אמר ר' אבא למריה דביתא, אית הכא תרנגולא? א"ל מאריה דביתא, אמאי? א"ל בגין דקאימנא בפלגות ליליא ממש, א"ל לא אצטריך, דהא סימנא לי בביתא דהדין טקלא דקמי ערסאי, מלינא ליה מיא ונטיף טיף טיף, בפלגות ליליא ממש, אתרקו כלהו מיא ואתגלגל האי קיטפא ונהים ואשתמע קלא בכל ביתא. וכדין הוא פלגות ליליא ממש.

ר' אבא פון טבריה האט אמאל גענעכטיגט אין טרוניא. ווען עס איז געקומען צו געהען שלאפען האט ר' אבא גע-פרעגט דעם בעל-הבית פון הויז האסט אפשר א האהן אין דיין הויז? האט דער בעל-בית געפרעגט ר' אבא'ן צו וואס ברויכסט

דו אַ האָהן? האָט ר׳ אבא געזאָגט, ווייל איך וויל אויפשטע־
הען אין מיטען נאַכט צו לערנען תורה, דעריבער מוז איך
האָבען אַ האָהן וואָס זאָל מיך אויפוועקען מיט׳ן קרייען. ענט־
פערט איהם דער בעל־בית, דו ברויכסט ניט קיין האָהן דיך
אויפצווועקען איך האָב אַ סימן אין דעם געוויכט וואָס שטעהט
פאַר מיין בעט, און ווייס ווען עס איז האַלבע נאַכט; אויף איין
זייט הענגט אַ געוויכט אויף אַ שטאַנג, און אויף די אַנדערע
זייט פון די שטאַנג הענגט אַ כלי מיט וואַסער וואָס איז אונ־
טען געלעכערט און טראָפּט טראָפּענווייז. ווען דאָס גאַנצע וואַ־
סער איז שוין אויסגערונען ווערט די כלי לייכט און געהט
אַרויף, וועהרענד דאָס געוויכט פון די אַנדערע זייט ווערט
אַלס שווערער און זינקט אַרונטער צו, ביז עס פאַלט אינגאַנ־
צען אַרונטער אויף אַ מעטאַלענע כלי דאָס געשעהט פונקט
האַלבע נאַכט. און אַט דער קלאַפּ וועקט אַלע אויף.

אין מדרש רבה (בראשית פמ״ט כ״ד) שטעהט. א״ר לוי
לחלף־סדרה מליאה מים; ר׳ לוי זאָגט, אַז דאָס איז דאָסזעלבע
ווי חלאפסידרא לויט די גראַמעישע אויסשפּראַך.

עס איז אויך דערמאָנט אין כלים (פרק ב׳ משנה ו׳)
מיט׳ן נאָמען טיטרוס. דעם נאָמען HOROLOGY געפינט מען
אויך אין מדרש (פסיקתא רבתי, פט״ו) וועלכעס ווערט געמיינט
אַן אַרט זייגער, וועלכער איז געוועזען בעוואוסט מיט׳ן נאָמען
HOROLOGUE: משל למלך שהיה לו אורולוגין. שלו, כיון
שעמד בנו מסר לו אורולוגין שלו, עס איז אַ משל צו אַ קע־
ניג וואָס האָט געהאַט אַ האָראָלאָג (אַ צייטמעסטער, וואָס נור
מלכים האָבען אַזאַ טייערע זאַך געקענט האָבען) ווען ער האָט
דעם זוהן איבערגעגעבען די קרוין, האָט ער איהם דעם האָ־
ראָלאָג אויך געגעבען.

# 22. פלאַנצען. BOTANY

די קונסט צו פערשטעהן פלאַנצען און ווי אזוי צו פלאַנצען הייסט BOTANY וועלכעס שטאַמט פון גריכישען PHUTON אָבער עס לאָזט זיך גיכער גלויבען אז עס שטאַמט פון העברעאישען וואָרט בטנים וואָס ווערט דערמאָנט אין פ׳ מקץ ווען יעקב האָט געשיקט צו יוסף׳ן נכאת ולט בטנים ושקדים. (בראשית כ״ג) אָדער פון וואָרט „בטנה״ (שביעית פ״ז, מ״ה).

היפפאקראטעס (40 פ. א. צ.) איז געוועזען דער ערשטער באָטאַניקער וועלכער האָט אינגאַנצען געוואוסט בלויז 234 פלאַנצען, היינט ווייסען שוין די באָטאַניקער ביז 100,000 פלאַנצען. אָבער ביז צום זעכצעהנטען יאָהרהונדערט איז באָטאַניק געוועזען ווייט צוריק און געשטאַנען אויף א קליינע שטופע, וועהרענד אונזערע חכמים האָבען די פלאַנצען שוין געקענט מיט טויזנטער יאָהרען פריהער.

וכל שיח השדה וכו׳ עשב השדה, אלעס גראָז און קרויט פון פעלד, ויתפרו עלה תאנה. זיי האָבען גענייט פייגען בלעטער (בראשית) ויטע כרם, נח האָט געפלאַנצט א ווייגגאָרטען. (נח) ויעקב נתן לעשו לחם ונזיד עדשים, יעקב האָט געגעבען עשו׳ן, געקאָכטע לינזען (תולדות).

שבע שבלים צומחות, זיבען זאַנגען האָבען געשפראָצט (מקץ). והחטה והכוסמת, און דער ווייץ (וארא): שמן זית זך, אייבערט אייל (תצוה), מספר שני תבואות, די צאָל תבואת יאָהרען (בהר), הקישואים, אבטיחים, חציר, בצלים ושומים, קירבסען, מעלאָנען, קרעס, ציבעלעס, און קנאָבעל. (בהעלותך): כתבואת גורן ויקב די פרוכט פון שייער און קעלטער (שלח לך) ארז ואזוב צעדער האָלץ און אזוב גראָז (חקת).

# א טייל נעמען פון פלאנצונגען פון וועלכע די חכמים האבען שוין געוואוסט.

חטה ווייץ
שעורה גערשט
גפן וויינטרויבען
תאנה פייגען
רמון טייטלען
זית שמן איילבירטען
דבש האניג
דגן קארן
תירוש וויין
יצהר אייל
(עקב).

עדשים Lentils
פול ערבסען
(ש״ב, יז, כח,
יחזקאל, ד׳ ט׳).
שמן המור, אפרסמון
באלזאם
(אסתר ב׳ י״ב).
דוחן הירזש
(יחזקאל ד׳).
ארוחת ירק געמיהזע
(משלי ט״ו י״ז)

## פלאנצען אין תלמוד

פטריות וכמהין
שוואמען
קצח וכמון קיממעל
(ברכות ד׳ מ׳).
פתילת המדבר
נעסעלקרויט
(שבת ד׳ כ׳).
שמן שומשמין מאנאייל
שמן אגוזים נוסאייל
שמן צנונות ראדישאייל
שמן פקועות
קירביסאייל
(שם ד׳ כ״א).
עלי אסטים Isatin
(שם ד׳ צ״ז).

זרועים Pulse
חלגלוגות Purslane
(ערובין ד׳ כ״ח).
קפלוטין Porret
קרא Gourd
קשואים Cocumbers
רוביא Pumpkin
שום Garlic
תחלס Cress
תלתין Fenugrec
חזרת Lettuce
חמכא Moor-Rettich
חרחבינא פעפערקרויט
עולשין קירביס
מרור מערימקרויט
טורא ביטערקרויט
(פסחים ד׳ ל״ט).
אנפקינון Amphacium
שמן המשיר את השער ומודן את הבשר. אזא אייל, וואס מאכט גלייך די האר און מאכט א גלאטע הויט.
(שם ד׳ מ״ג).
ר׳ עקיבא היה מחלק קליות ואגוזים. געטרוי־קענטע זאנגען און נוס.
(שם ד׳ ק״ט).

כוסמין ווייץ
שיפון קארן
שבולת שועל האבער
דלעת יוונית קרויט
(כלאים פ״א).
אגוזי פרך קאקוסנוס
(ערלה ג׳ ג׳).
ארבא דארזנאי
א שיף מיט רייז
(תענית כ״ד).
באחד בתשרי ר״ה לנטיעה ולירקות. אין ערשטען תשרי איז ראש השנה פאר פלאנצען און גרינ־צייג. (ר״ה ד׳ א׳).

ירבוז Asparagus
(סוכה ד׳ ל״ט).
אבטיח Melon
אסטפגינון arsnip
אספרגוס Asparagus
(נדרים ד׳ נ״ג).
כרוב Carrot
כרפס Celery
כרתי Leek, Spinach, Watercress
(הוריות ד׳ י׳).
פוגלא Radish
פקועות שדה Cocumbers
(יבמות ד׳ קי״ח).

## פרוכטען

ענבים וויינטרויבען
שקדים מאנדלען
רמונים מילגרוימען
תאנים פייגען
תפוחים עפעל
זיתים איילבירטען
חרובים באקסערן
תמרים טייטלען
אגוזים נוס
גפן וויינשטאק
תותים יאגדעס
שומשמין מאהן
חטים ווייץ
שעורים גערשט
שבולת־שועל האבער
אורז רייז

## בשמים, געווירצען

מר דרור געווירצען
קנמן בשם צימרינג

קנה בשם געווירצראהר
קידה אינגבער
(תשא).
מר מירר
אהלות אלאע
(שה״ש ק״ד).
צרי גוממי
צפורן נעגעלקעס
חלבנה גאלוואן=גוממי
לבונה ווייס גוממי
קציעה אינגבער, קאסיא
שבולת נרד א געווירץ
כרכום זאפראן
קושט ווייסע ווארצלען
קילופה דינער צימרינג
(כריתות ו׳).
אספרמקי געווירצען
(מנחות מ״ג).
אקקיא Acacia
אילווא Aloe
(גיטין ס״ט).
זנגבילא אינגבער
פלפול פעפער
(פסחים מ״ב).
כופר Camphire
קטף Balsam
הלטוס Lotus
(נדה ח׳. שביעית פ״ז).
אפופוליסימון Balsam
(ב״ר פכ״ז).

# אילנות ודקלים,
# בוימער

גופר פומסען האלץ
(נח).
לבנה Poplar
לוז Almond
ערמון Chestnut
(ויצא)
אלון בכות Elm
(וישלח).

עצי שטים טאנענהאלץ
(תרומה).
רמון מילגרוים
(תצוה).
עץ ארז צעדערבוים
(מצורע).
עצי אלמוגים
Mahogany
(מ״א י״א).
אלה Elm
(ד״ה י׳ י״ג).
תמר טייטעלבוים
(יואל א׳ י״ב).
תפוח עפלבוים
(שה״ש ב״ג).
בכא, עמק הבכה. דער וויינענדיגער בוים. ווייל ער טריפט מיט טראפענס גוממי אזוי ווי טרעהרען.
(תהלים פ״ד).
ברוש Cypress
תדהר Maple
שטה Acacia
(ישעיה מ״א י״ט).
תרזה Lindentree
נעצוף Thora
סרפד Nettle
(ישעיה נ״ה. נ״ג).
שקמה Sycamorus
(ישעיה ט׳ ט׳).
אורן Pinetree
(ישעיה מ״ד י״ד).
ברותים Cypress
(שה״ש א׳ י״ז).
הבני Ebony
(יחזקאל כ״ז ט״ז).
צפצפה, ערבה Willow
(יחזקאל י״ה ג׳).
מקל שקד Almondtree
(ירמיה א׳ י״א).
אטדין ווייסדארן
זרדים שפערלינגבוים

אלה אייכענבוים
חרובין באקסהארן
בטנה פיסטאציענבוים
(שביעית פ״ז ה׳).
דופרא פרוכטבוים
(דמאי פ״א א׳).
צלף Capertree
(מעשרות פ״ד ו׳).
זרדתא, כינרא Lotus
(פסחים קי״א).
בלוטא Oak
אלונים, אלמונים,
אלמוגים Mahogany
(ר״ה כ״ג).
כוורנקי Citron
(תענית י״ד).
מייש Celtis
אלון Elm
(תמיד כ״ט).
מילה Ashtree
Logwood
(מדות פ״ג ז׳).
פירשע Boxwood
(תוספתא כלים פ״ב י״מ)
איספנדמנוס Mapletree
(תנחומא תרומא פ״ט).

# בישול הפירות

דאס צייטיג ווערען
פון פירות דויערט:

| | | |
|---|---|---|
| מאנדלען | 21 | טעג |
| פייגען | 50 | ,, |
| יאגדעס | 52 | ,, |
| עפעל | 60 | ,, |
| ווייץ | 6 | חדשים |
| וויינטרויבען | 6 | ,, |
| א בוים | 12 | ,, |
| איילבירטען | 9 | ,, |
| פייגען | 3 | יאהר |

---

# 23 נאטורגעשיכטע. ZOOLOGY

אז די חכמי התלמוד האָבען געקענט זאָאָלאָגיע און זע־נען אויך געוועזען טאַקי די ערשטע וואָס האָבען עס געקענט, קאָנען מיר באַווייזען פון תנ״ך און תלמוד.

אין די תורה געפינען מיר „זאת החיה אשר תאכלו״, (שמיני, ראה). די חיות מעגט איהר עסען, דרש׳ענען די חכמים דערפון, אַז די אַלע בהמות און חיות האָט הקב״ה גע־וויזען משה׳ן און געזאָגט „די בהמה איז טהור און יענע איז טמא און דאָס זענען די סימנים״ למשל, כל מפרסת פרסה, מעלת גרה וכו׳ צעשפּאָלטענע קלאָהען און ווידערקייען א. אַ. וו.

## בהמות וחיות

איל Hart
צבי Roebuck
יחמור Fallodeer
אקו Wildgoat
דישון Pygarg
תאו Wild ox
זמר Chamois
גמל Camel
ארנבת Hare
שפן Coney
חזיר Swine
(שמיני, ראה).
זאב Wolf
ארי Lion
דוב Bear
נמר Tiger
ברדלס Panther
(ב״ק ט״ו).
ארי, כפיר, לביא, ליש,
שחל, שחץ Lion
(סנהדרין צ״ה).

אדני השדה
Urangutang
(איוב ה׳ כ״ג).
ערקלערט דער רמב״ם, אַז דאָס זענען אזעלכע חיות, וואָס זעהען אויס ווי מענשען.
(כלאים פ״ח ד׳).
חולדה Weasel
(פסחים ט׳).
חתול cat
האָט נישט קיין זכרון, ווייל זי עסט מייז, און איינער וואָס עסט פון וועלכען א מויז האָט געגעסען, פערלירט ער דעם זכרון.
(הוריות י״ג).
א קאַץ ברויך מען ניט צו היטען זי זאָל ניט אנטלויפען, עס איז גע־נוג א בענדעל אויפ׳ן האַלז. (שבת נ״א).
א קאַץ האָט אויך גיפט אָבער ניט ווי א שלאַנג.
(חולין נ״ב).

### סוס. פערד

סוס ורוכבו (בשלח).
לסוסתי (שה״ש א׳ ט׳).
וחמלך יאשיה השבית את הסוסים, קעניג יאשיה האָט אָבגעשאַפט אַלע פערד פון זיין הויף.
(מ״ב כ״ג י״א).
מבית תוגרמה סוסים, פרשים ופרדים. פון תוגרמה׳ס הויז זענען געקומען פערד, רייטער און מויל־אייזלען.
(יחזקיאל כ״ז י״ד).

שינת הסוס שתין נשמי, דער שלאף פון א פערד איז זעכציג אטעמציגע.
(סוכה כ״ו).

טפיטן של סוס טמא מושב מפני שעומדין עליו בקומפון כלומר, שדה ששוחקין בו המלכים, וזה שחוק של מרוץ הסוסים. דער זאטעל פון א פערד נעמט אן טומאה ווייל מען נוצט עס צו זיצען דערויף. צו קוקען דאס לויפען פון פערד אין מלך׳ס פעלד Raccs
(כלים פכ״ז ב׳).

די מיטאלאגיע ערצעהלט פון א בריאה, וואס דער אויבער האלבער קערפער איז מענש און דער אונטער האלבער קערפער איז פערד, הייסט Centaur און דאס געפינען מיר אין מדרש רבה בראשית פכ״ג. עד כאן בצלם ודמות, מכאן ואילך נתקלקלו הדורות ונבראו קינטורין. ביז די מענשען האבען געזינדיגט האבען זיי געהאט א צורה פון א מענש נאכהער זענען זיי געווארען סענטארען.

## פרד. מוילאייזעל
## Mule

הפרד (זכריה י״ד ט״ו).
הפרדה (מ״א א׳ ל״ג).

## פיל. Elephant

שנהבים, עלפאנטצאן
Ivory
(ד״ה ב׳ ט׳ כ״א).

קרנות־שן, הערנער
Ivory
(יחזקאל כ״ז ט״ו).
עשת שן, דיקערצאן
Ivory
(שה״ש ה׳ י״ד).
והפיל (כלאים פ״ח).

## כלב. Dog

כלב (בא).
לכלב תשליכון אותו
(משפטים).
והכלבים עזי נפש
(ישעיה נ״ו י״א).
הכלבים שונאים זא״א, הינט האסען איינער דעם צווייטען.
(פסחים קי״ג).
הכלב מכיר את קונו, א הונט דערקענט זיין בעה״ב. (הוריות י״ג)
כלב עזות פנים שבחיות, דער הונט איז דער גרעסטער עזות פנים צווישען די חיות.
(ביצה כ״ה).
כלב חצוף שבחיות. א הונט איז פרעכער פון אלע חיות.
(שמית רבה פמ״ב).
כלבים בוכים מלאך המות בא לעיר, משחקים, אליהו בא לעיר. ווען הינט וואיען, איז א סימן אז דער מלאך המות איז דא. ווען זיי זענען פרייליך, איז אליהו הנביא דא. (ב״ק ס׳).
סימני כלב־שוטה הם: פיו פתוח, רירו נוטף מפיו, אזניו סרוחות, וזנבו מונחת לו בין ירכותיו ומהלך בצדי דרכים. די סימנים פון א משוגענעם הונט זענען: זיין מויל איז שטענדיג אפען, דער גאווער רינט פון מויל, די אוירען הענגען אראנטער, דער עק צווישען די זייטען, געהט שטענדיג אין די זייט.
(יומא פ״ג).

## שועל. Fox

שועלים (איכה ה׳ י״ח).
שלש מאות שועלים
(שופטים ט״ו ד׳).
נשיכת שועל
(אבות פ״ב י׳).

## צבי Roe, Hart

תאומי צביה
Young roes
בצבאות Roes
באילות השדה Hinds
עופר האילים
Young Hart
(שה״ש ד׳ ב׳).
הצבי אינו אוכל פת ובשר. א הירש עסט גיט קיין ברויט אדער פלייש.
(ב״ק י״ט).
הצבי בשעה שהוא ישן עינו אחת פתוחה ואחת קמוצה. א הירש שלאפט מיט איין אויג אפען און איין אויג צוגעמאכט.
(שה״ש רבה, זוהר שמות י״ד).

## ראם. Unicorn

כתועפות ראם. אן עלפאנט מיט איין הארן.
(בלק).
וקרני ראם קרניו
(וזאת הברכה).
ותרם כראם קרני
(תהלים צ״ב).

בן ראמים
Young Unicorn
(תהלים כ״ט).
מאנכע זאגען, אז ראם
איז Rhnoceros

## קוף. Ape

קופים
(מ״א י׳, דה״ב ט׳).
קופין (ב״ק פ׳).
מגדלי קופורת
(קהלת רבה פ׳ כ׳ ש׳ פ״ו).

די וועלט (די יודישע, נאטירליך) זאגט, אז א מאלפע איז געווען א מענש, אויף וועלכן דאס פנים זאגט עדות, נור איז, דורך שלעכטע מעשים פערשאלטען געווארען פון גאט. דאס איז ניט קיין בבא מעשה נור שטעהט טאקע בפירוש אין די גמ׳ (סנהדרין ק״ט) זו שאומרת נעלה ונעשה מלחמה, נעשו קופין. די יעניגע, וואס האבען געבויט א טורעם מיט׳ן צוועק ארויף צו געהען מלחמה האלטען מיט גאט זענען געווארען מאלפעס פון דעם זעהען מיר, אז די חכמי התלמוד האבען אן אנדערע מיינונג געהאט וועגען די בעשאפונג פון מענש, ווי די נאטורפארשער: דארווין, העגעל א. ז. וו. וועלכע בעהויפטען, אז דער מענש שטאמט פון א מאלפע. די חכמי התלמוד זאגען פערקעהרט, אז די מאלפע שטאמט פון מענש, וועלבער איז געזונקען דורך זיינע מעשים רעים, אזוי ניידעריג ביז צו א חיה און טאקע געווארען א מאלפע, ווי דער מדרש (בראשית רבה, פכ״ג) זאגט, כי בימי אנוש ירדו האנשים למדרגת קופים בצורת פניהם. אין די צייטען פון אנוש זענען די מענשען געזונקען צו די שטופען פון מאלפעס און האבען בעקומען די צורה פון מאלפעס.

## שרצים Creeping Things

חלד Weasel
עכבר Mouse
צב Tortoise
אנקה Ferret
כח Chameleon
לטאה Lizard
חמט Snail
תנשמת Mole
(שמיני, ראה).

הח׳ שרצים שבתורה היו קשים לו למשה עד שהראה לו הקב״ה באצבע, שנאמר וזה לכם הטמא. די אויבען ערמאנטע אכט שרצים האט גאט אנגעוויזען צו משהן מיט׳ן פינגער, אז די זענען טמא.
(מנחות כ״ט).

נחש Serpent, Snake
שרף Poisonous
(עקב).
שפיפון Adder
(ויחי).
נחש בריח
Piercing, Serpent
נחש עקלתון
Crocked Serpent
(ישעיה כ״ז).
דרקון Dragon
(ע״ז מ״ג).
חכינאי Otter
(ירושלמי ברכות פ״ה).
תנין Crocodile
צפעוני Serpent
אפעה Viper
עכשוב Tarantella
חברבר
Striped Lizard
(אדר״נ פל״ט,
ירושלמי ברכות פ״ח).
חיפושית Scorpion
(חולין ס״ב).
ילקוט שמואל פל״ד)
עכנאי Ring snake
(ב״ק י״ז ב׳מ נ״ט,
כלים פ״ה י׳).
ערוד Lizard
(ברכות ל״ג).
שפיפינא Adder
(ירושלמי תרומות פ״ה).
עכס Viper
(תנחומא בשלח י״ט).

ג׳ מיני ארס יש לנחש, של בחור שוקע, של בינוני מפעפע, ושל זקן צף. א שלאנג האט דריי מינים גיפט: דער גיפט פון א יונגע שלאנג זינקט ארונטער אין משקה, פון מיטעלע עלטער מישט זיך אויס, פון אן אלטען שלאנג שווימט פון אויבען.
(ע״ז ל׳ ל״א).

חז״ל הזהירו מלאכול כל אוכל שנשך בו נחש או משתיה ששתה ממנו, משום סכנה. די חכמי התלמוד האבען געווארנט ניט צו עסען אדער צו טרינקען פון וועלכען א שלאנג האט געגעסען אדער געטרונקען ווייל

עס איז געפעהרליך.
(תרומות פ"ח ו').
הנחש אוהב לשתות מים,
יין וחלב. א שלאנג
טרינקט גערן וואסער,
וויין און מילך.
(תרומות פ"ח,
חולין מ"ט, ע"ז ל').
הנחש שונא, דער שלאנג
האט פיינט:

צִיר Juice
חומץ Vinegar
שמן Oil, דבש Honey
מורייס Souce
(חולין מ"ט).

ג' שמזקינים מוסיפין
גבורה. דג, נחש וחזיר.
דריי ברואים ווערען אלץ
שטארקער ווען זיי ווע-
רען עלטער: א פיש, א
שלאנג און א חזיר.
(שבת ע"ז).

צפרדע Frog
(וארא).
צרעה Hornet
(עקב).
דבורה Bee
(דברים).
נדל Centepede
וועלכע האט הונדערט
פיס. (חולין ס"ז).
די תורה רופט עס אן
מרבה רגלים (שמיני).
שממית Spider
(משלי ל').
נמלה (משלי ו'). Ant

## עופות Birds

נשר Eagle
פרס Ossifrage
עזניה Ospray
ראה Glede
איה Kite
דיה Vulture
עורב Raven
בת היענה Ostrich

תחמס Night Hawk
שחף Cuckow
נץ Hawk
כוס Little Owl
שלך Cormorant
ינשוף Great Owl
תנשמת Flitter Mouse
קאת Pelican
רחם Giereagle
חסידה Stork
דוכיפת Lapving
עטלף Bat
אנפה Heron
(שמיני, ראה).
צפור Bird
תור Turtle Dove
גוזל Young Pigeon
(לך לך).
בן יונה Young Pigeon
(ויקרא).
אפרוח Bird
(תצא).
ארבה Locust
סלעם "
חרגול "
חגב "
(שמיני, ראה).
חסיל "
גזם "
ילק "
(יואל ב').
צלצל "
(תבוא).
אבימי זאגט: עס גיבט
אכטהונדערט מינים היי-
שריקען.
(חולין ס"ג).
בר יוכני Ostrich
(סוכה ה', יומא פ').
עטלף Mole אין לה
עינים. א מוילווערפער
איז בלינד.
(סנהדרין צ"ח).
עיט Kite
(לך לך).
עיט צבוע
Speckled Kite
(ירמיה י"ב ט').

שכוי Cockhen
(איוב ל"ח).
עגור, אנפה Parrot
(ירמיה ח')
קורא דגר Partridge
(ירמיה ט"ז).
סנונית Bird
(שבת ע"ז).
סוס Crane
(ישעיה ל"ח).
עגור Swallow
(ישעיה ל"ח).
טסית Penguin
מובחר שבעופות הוא
תרנגול. דאס בעסטע עוף
איז א האהן.
(ב"מ פ"ו).
התרנגולים שונאין זא"ז,
העגער האסען איינער
דעם צווייטען.
(פסחים קי"ג).
קאקי חיורא. ווייסע געגז
(ברכות כ', כתובות י"ז).
בר אווזא Duek
מגילת י"ד,
ב"ק צב, ב"מ צא).
אווז הישוב, געצוימטע
גאנז, אווז הבר, ווילדע
גאנז, אווז המים, וואסער
גאנז.
(ירושלמי כלאים פ"ח).
דער Bede (673–736)
פאטער פון דער ענגלי-
שע היסטאריע ערצעהלט
אז עס איז דא א מין
גאנז, וואס הייסט Bar-
liata, וועלכע וואקסט
אויף בוימער ביים וואַ-
סער. אט אפילו דאס
האבען אונזערע פוסקים
געוואוסט. מיני עופות
הגדלין באילנות ותלוין
בחרטומיהן אסורים משום
שרץ. די עופות, וואס
וואקסען אויף די ביימער
זענען אסור.
(שו"ע יו"ד סי' פד טו).
כל המטיל ביצים, מלקט

פירורים ומפרנס בניו חוץ מעטלף אע"פ שמטיל ביצים מיניק. אלע עופות, וואס לעגען אייער קאנען ניט שפייזען די יונגע, חוץ א פלעדערמויז, וועלכע לעגט אייער און דאך זייגט זי איהרע יונגע.

(בכורות ח')

זרזיר Raven

(חולין ס"ב).

פרוגיות Ducks

## דגים. פיש

שבעת מאות מיני דגים יש. זיעבען הונדערט מינים פיש זענען פערהאנען. (חולין ס"ג).

ג' מאות מיני דגים קטנים יש. קליינע מינים פיש זענען פערהאנען דריי-הונדערט.

(ירושלמי שקלים פ"א).

דגים קטנים מפרין. מרבין כל גופו של אדם. קליינע פישלעך זענען זעהר געזונד פאר'ן גוף.

(ברכות מ').

אשה מעוברת דאכלה כוורי הוו לה בני חיננא. ווען א שוואנגערדיקע פרוי עסט פיש האט זי בע-חן'טע קינדער.

(כתובות ס"א).

דגים טובים לעינים, אבל קשים למי שיש לו חולי עינים. פיש זענען זעהר געזונד פאר די אויגען, אבער שעדליך פאר אוי-גענליידענדע.

(נדרים נ"ד).

המקיז דם לא יאכל דגים. ווען מען האט איינעם בלוט אנגעצאפט. טאר ער קיין פיש ניט עסען.

(נדרים נ"ד)

אברומא. (סוכה י"ח).

כספתיאס, אקונס, אטונס, אפנוס, אכספטיאס.

(חולין ס"ו)

אלתית

(מכשירין פ"ו א')

אספנין. א שפאנישער מאקרעלפיש.

(שבת קמ"ה).

ארא (ע"ז מ')

איספרין, קרעצפיש, ווייל די הויט איז שווארץ און פונקטירט ווי צרעת.

(ב"ר פ"ז).

באטי, חילק, חיפושא, טינא, צלופחא, ביניתא.

(ביצה כ"ח),

קבר, גונא, שפר גונא.

(ע"ז ל"ט).

גילדיני (ב"ב ע"ג).

כסא דהרסנא (ביצה ט"ז).

מארין (ב"ר פ"ז).

טרית, טריתא, צחנא.

(נדרים נ"א).

כלבית Cannicula

(שבת ע"ז).

כופיא, כרישא

(ב"ב ע"ד).

סלתנית Herring

סרדנית Sardina

סוטיתא (עירובין כ"ח).

שיבוטא

(שבת קי"ט, ב"ק נ"ה)

לויתן (איוב מ' כ"ד).

הלויתן הוא דג טהור. דער לויתן איז א כשרער פיש.

(חולין ס"ג, ויק"ר פכ"ב)

דג טמא משריץ, דג טהור מטיל ביצים. טמא'דיגע פיש ווערען געבוירען פון א מוטער פונקט ווי אלע אנדערע שרצים. כשר'ע פיש ווערען גע-בוירען ווי אלע פיש דורך דעם וואס די זי לעגט אייעלעך.

(בכורות ז')

דולפנין, בני־ימא Siren דגים, יש בים שחציין צורת אדם וחציין צורת דג, וכן האמינו כל חכמי הקדמונים עד היום. ואינה במציאות כלל. עס זענען דא אזעלכע פיש אין וואסער וועלכע זע-נען האלב פיש און האלב מענש, וואס מען רופט סריינע, סירענע.

(רש"י בכורות ח').

און אזוי האבען אלע נאטורפארשער פון אלטע צייטען ביז היינט געגלויבט. אבער עס איז אן אונזין צו גלויבען דאס, ווייל באמת געפינט זיך גאר ניט אזא בריאה, ניט אין וואסער און ניט אויף די יבשה. אין דייטש הייסט עס וואַ-סער-געטין. תוספות אין יומא ד' נ"ד, ברענגט פון א מכילתא אז מען רופט עס „סורזירים" און ערקלעהרען, אז דאס איז

**אַ וואַסער־שד, וואָס מען רופט „נינסא״ (אָדער נימפע, דאָס מיינט אַ וואַסער נימפע).**

## חלזון Purple

הוא שרץ המים, חומט הגדל בנרתקו. דער חלזון איז אַזאַ פיש, וואָס וואַקסט אין אַ שעל Shellfish.

הצד הלזון והפוצעו. דער וואָס פאַנגט אַ חלזון און שפּאַלט אויף זיין שעל. (שבת מ״ה).

חלזון כ״ז שהוא גדל, נרתקו גדל עמו. מיט דעם חלזון וואַקסט די שעל מיט.

(שה״ש רבה פ״ד)

חלזון דומה לדג ועולה אחת לשבעים שנה, ובדמו צובעים תכלת. דער חלזון איז אַזאַ מין פיש, וועלכער געהט ארויס פון וואַסער איינמאָל אין זיבעציג יאָר. מיט זיין בלוט פאַרבט מען וואָל וואָס הייסט תכלת פאַר ציצית.

(מנחות מ״ב).

ושפוני טמוני חול תני ר׳ יוסף זה חלזון. ר׳ יוסף זאָגט, אַז ושפוני טמוני חול מיינט מען דעם חלזון. (מגילה ו׳).

יוגבים (ירמיה נ״ב ט״ז). הםציידי חלזון, יוגבים דאָס זענען חלזון פאַנגערס. (שבת כ״ו)

נאָך איין אַרט חלזון איז דאָ וואָס הייסט „שבלול Oyster.

## תולעים. Worms

תולעים (שמות ט״ז כ׳)

תולעת

(דברים כ״ח ל״ט).

זוחלי ארץ

Creeping Thing

(מיכה ז׳ י״ז).

סס (תולעת עץ). Moth

עש (תולעת הבגד) „

(ישעיה נ״א ח׳).

ססא דקסא מיניה וביה. אַ האָלץ וואָרעם קומט פון האָלץ זעלבסט.

(סנהדרין צ״ג).

תולעת שבעקרי הגפנים, זיתים, גרוגרות, די וועַרים פון די וואָרצלען אין וויינשטאָק, איילבירטען און געפּרעסטע פייגען.

(חולין ס״ז).

תולעת, קפא, שבירק מינים פון ווערים.

(פסחים קט״ו).

קיקני, קוקאני. פישווערים.

(שבת ק״ט, חולין ס״ז).

ארקתא לעבערוואָרם.

כירצא לייבוואָרם. (שם)

קירוד. פערד־ און קעמעל ווערים. (פסחים י״א).

יגיכא, פלאַקסוואָרם.

(חולין כ״ח)

זיז, קאָרן־ און ערבסען ווערים. (חולין ס״ז).

שילשיל רעגענוואָרם.

(שם)

חפושית, שוואַרצער וואָרם.

(ע״ז כ״ח).

יבחוש, וואַסערוואָרם.

(זבחים כ״ב)

מורני, לונגען וואָרם.

(חולין ס״ו)

תולעת משי זייד וואָרם.

# ימי עבורם.

## צייט דויער פון געבוירען יונגע

בהמה גסה טהורה תשעה חדשים. אַ כשר'ע בהמה דויערט ניין חדשים.

בהמה דקה טהורה חמשה חדשים, קליינפי, ווי שעפסען, ציגען א. ז. וו. דויערט פינף חדשים.

בהמה גסה טמאה, י"ב חדשים. בהמות טמאות דויערט צוועלף חדשים.

שועל וכל מיני שרצים ששה חדשים. אַ פוקס און אַלע שרצים, דויערט זעקס חדשים.

זאב וארי ג' שנים. אַ וואָלף און אַ לייב דויערט דריי יאָר.

חזיר ששים יום, אַ חזיר דויערט זעכציג טעג.

התול חמשים ושנים יום, אַ קאַץ געדויערט צוויי און פופציג טעג.

כלב חמשים יום, אַ הונט דויערט פופציג טעג.

תרנגולת כ"א יום, אַ הוהן דויערט איינאונצוואַנציג טעג.

דוב, נמר, ברדלס, פיל, קוף, קיפוף ג' שנים. אַ בער, אַ טיגער, אַ לעמפערט, אַן עלפאַנט און מאַלפעס דויערט דריי יאָר.

אפעה לאחר שבעים שנה מתעבר וימי עבורו ג' שנים. די שלאַנג VIPER פאַנגט אָן צו געבוירען יונגע ווען זי איז אַלט זיבעציג יאָר און דויערט דריי יאָר. (בכורות ח).

# 24 פילאָלאָגיע.

## שפּראַכוויסענשאַפט

פילאָלאָגיע איז שוין געלערנט געוואָרען אפילו אין אַל-טע צייטען, אָבער אָן סיסטעם. די שפּראַכוויסענשאַפט איז ערשט אויפגעקומען אין דעם אַכטצעהנטען יאָרהונדערט. און דאָך געפינען מיר שוין די קונסט ביי יודען מיט דרייטויזענד יאָר צוריק. צ. ב. לשון קודש איז די שפּראַך פון אונזער תנ"ך לה"ק האָט אין די נביאים'ס צייטען געהייסען „שפת כנען". ביום ההוא יהיו חמש ערים בארץ מצרים מדברות שפת כנען. (ישעיה י"ט י"ח).

דער רמב"ן (אין פ' ויגש) זאָגט אויך אויף „כי פי המדבר אליכם". פירוש שזה היה שפת כנען.

לה"ק איז אויך גערופען געוואָרען יהודית: אל תדבר אלינו יהודית. (מ"ב י"ח) אין תלמוד, הייסט לה"ק עברית. (גיטין ט' ח'. ידים ה' ד').

אויף „ויהי כל הארץ שפה אחת" זאָגט די גמ' (ירושלמי מגילה פ"א, ב"ר פל"ח) שהיו מדברים בלשון יחידו של עולם, בלשון הקדש. זיי האָבען גערעדט גאָט'ס שפּראַך, ד. ה. לה"ק.

די אבות האָבען גערעדט לה"ק, ווי עס שטעהט אין פ' ויצא. יעקב האָט גערופען די מצבת אבנים, גלעד, און לבן האָט עס גערופען אויף ארמית יגד שהדותא.

די חכמי התלמוד האָבען געגלויבט די יודען אין מצרים מיט דעם, וואָס זיי האָבען ניט פערענדערט זייער שפּראַך, לה"ק, אויף עגיפּטיש. (תנחומא סוף בלק. ויק"ר לב. ושה"ש רבה)

אפילו אדם וחוה האָבען גערעדט לה"ק. אדם האָט גע-זאָגט לזאת יקרא אשה כי מאיש לקחה זאת. די זאָל גערופען ווערען „אשה" ווייל זי שטאַמט פון אַן „איש". חוה – כי היא היתה אם כל חי. קין — קניתי איש את ד'. פלג – כי בימיו נפלגה הארץ. נח — ינחמני.

אברהם האָט גערעדט ארמית ווייל ער האָט געוואוינט אין

אור כשדים, וועלכע האָבען גערעדט ארמית. ישמעאל האָט די שפּראַך געבראַכט צו די אַראַבער, דאַדורך זענען די דריי שפּראַכען עברית, אַרמית און אַראַביש געוועזען דאַמאָלס פערמישט אין איין שפּראַך. אָבער לשון הקדש איז געוועזען די שענסטע שפּראַך פון אַלע דריי (כוזרי מאמר ב׳ ס׳. ס״ח).

דער מדרש רבה (אין בראשית) זאָגט לזאת יקרא אשה, מכאן שנברא העולם בלשון הקדש. פון לזאת יקרא אשה, איז געדרינגען, אַז די ערשטע שפּראַך איז געוועזען לה״ק. שמעת מימיך גיני — גינאה, אינטרופי — אנטרופיאה. גברא — גברתא? אלא איש מאשה למה?

אין יעדער שפּראַך איז דאָ אַ נאָמען פאַר „מאַן״ און „פרוי״, למשל FRAU—MANN אין דייטש WOMAN—MAN אין ענגליש. מאַן—ווייב אין יודיש. אנדרו (אָדער אנטרו) — גיני אין גריכיש. גברא — אתתא אין ארמית. דעריבער האָט ער געפרעגט „וואָרום זאָגט די תורה אויף אַ מאַן איש און אַ פרוי אשה, האָסט דו אַמאָל געהערט רופען אַ מאַן גיני און אַ פרוי גינאה? אָדער אַ מאַן גברא און אַ פרוי גברתא? אָדער אַ מאַן אינטרופי און אַ פרוי אנטרופיאה? צ. ב. ש. ווי מען וועט אין יודיש רופען אַ זכר — מאַן און אַ נקבה — מאַנטע, הערר — הערנטע, SIR—SIRRES. טאָ וואָרום רופט די תורה אַן אַ מאַן „איש״ און אַ פרוי „אשה״? וועלכעס הייסט איש — אשה, ווי הערר — הערנטע? נור, ווייל אשה שטאַמט פון איש דעריבער איז אַ ראיה, אַז די ערשטע שפּראַך איז געוועזען לה״ק. (ב״ר פי״ח פל״א).

נאָך אַ ראיה, אַז די ערשטע שפּראַך איז געוועזען לה״ק: דער הימל הייסט „שמים״ ווייל עס בעשטעהט פון 2 ווערטער, אש-ומים. אברהם, איז 3 ווערטער: אב — המון — גוים. יצחק ווייל כל השומע יצחק לי, שרה האָט יצחק׳ן גערופען מיט׳ן נאָמען דאָס באַדייט פרייען, ווייל ווער עס וועט הערען, וועט זיך פרייען מיט מיר. יעקב איז גערופען געוואָרען ישראל, וועלכעס בעשטעהט אויך פון 2 ווערטער, ישר—אל, ווייל ער האָט בעהערשט אַ מלאך פון גאָט.

פון די צייט, ווען יודען זענען אַריינגעקומען קיין ארץ ישראל ביז צו ענדע פון ערשטען חורבן בהמ״ק איז לה״ק געוועזען די אומגאַנגס-שפּראַך, אַזוי דאָס אַלע נביאים און חכמים האָבען זיך מיט איהר בענוצט פאַר די גרעסטע און העכסטע אויסדרוקען, וועלכע מען האָט אין קיין אַנדער שפּראַך אין דער וועלט ניט געקאָנט געפונען ביז'ן היינטיגען טאָג.

די גמ׳ (ירושלמי מגילה פ״א, אסתר רבה פ״ג) זאָגט, פיער שפּראַכען זענען נוצליך פאַר די וועלט. גריכיש — פאַר געזאַנג. לאַטייניש — פאַר מלחמה, סיריש (סירסי) — פאַר טרויער ליעדער, לשון הקדש — פאַר אונטערהאַלטונג. נאָכ׳ן חורבן בית ראשון האָבען בלויז יודען גערעדט לה״ק, וועהרענד די אַנדערע פעלקער האָבען גערעדט אויף זייערע אייגענע שפּראַכען, ווי עס הייסט (מגילת אסתר ה׳ ט׳) מדינה ומדינה ככתבה ועם ועם כלשונו ואל היהודים ככתבם וכלשונם.

אָם ענדע פון גלות בבל האָבען יודען שוין אָנגעפאַנגען צו פערגעסען לה״ק דורך די געמישטע הייראַטען (נחמיה י״ג כ״ד) דעריבער האָבען זיי שוין געמוזט האָבען אַן איבערזעצער (מתורגמן) צו ערקלעהרען צו זיי די תורה אין אַרמית. איבערדעם געפינען מיר אין די גמ׳ פיעל אַראַמישע ווערטער, ווייל עס איז געלערנט געוואָרען צום פאָלק.

אָבער צום דאַווענען (תפלה) איז לה״ק אַלץ נאָך געבליבען די חשובסטע שפּראַך, דען מיר זעהען, אַז אַלע תפלות זענען פערפאַסט אין לה״ק. און דאָס איז דער טעם, וואָס די גמ׳ זאָגט (שבת י״ב, סוטה ל״ג) מען זאָל ניט דאַווענען אויף אַראַמיש, ווייל די מלאכי השרת אנערקענען ניט קיין אַנדערע שפּראַך, ווי לה״ק.

די חכמים האָבען די בעמערקונג געמאַכט, ווייל דאַמאָלס איז די אַראַמישע שפּראַך געוועזען די פאָלקסשפּראַך, (פונקט ווי היינט ביי אונז איז „יודיש״ אָדער ענגליש אָדער דייטש) וועלכע איז גערעדט געוואָרען אפי׳ אין אַלע נידריגע, שמוציגע און טמא׳דיגע פלעצער, דעריבער האָבען די חכמים ניט געוואָלט, אַז מען זאָל בעטען צו גאָט אויף אַזאַ שפּראַך, וועלכע

ווערט איבערגעל געפרויכט. פונקט ווי מען ווערט היינט דאַ־ווענען אויף ענגליש, דייטש, אָדער אפילו יודיש.

אין די שפעטערע דורות זענען עברית און אַרמית אויס־געמישט און געפאַרעמט געוואָרען צו אַ נייע שפראַך מיט אַ גאַנץ אַנדערע אויסשפראַך. איבערדעם זאָגט ר׳ יוחנן (חולין קל״ח) לשון תורה לעצמה ולשון חכמים לעצמה. פאַר תורה איז גע־ווען אַנ׳אַנדערע שפראַך (לה״ק) און פאַר חכמים, רעדנערס און בעלי דרשנים איז אויך געווען אַנ׳אַנדערע שפראַך (אַ געמיש פון עברית וארמית) ווייל די חכמים, ווי שוין בעמערקט, האָבען אין די משנה אַריינגענומען צו לה״ק אויך ווערטער פון אַרמית, וועלכע איז געלערנט געוואָרען מיט מענשען פון פאָלק, פאַר וועלכע מען האָט ניט געקאָנט געפינען די ריכטיגע אויסדריקען אין לה״ק אום זיי צו ערקלעהרען, ווייל פיעל אויסדריקען זענען געווען שווער פאַר׳ן פאָלק צו פערשטעהן. אָבער דאָך האָבען זיי געוואָרנט צו לערנען לה״ק, ווי: כשהתינוק מתחיל לדבר אביו מדבר עמו בלה״ק, ווען אַ קינד פאַנגט אָן צו רעדען זאָל דער פאָטער אָנפאַנגען צו לערנען איהם לה״ק. (ספרי פ׳ עקב סי׳ מ״ו).

כל המדבר בלה״ק מבושר שהוא בן עוה״ב, ווען איינער רעדט לה״ק איז ער אַ בן עוה״ב. (ירושלמי שקלים פ״ג).

אין רבי׳ס הויז האָבען אַלע גערעדט לה״ק, אפי׳ די דיענסטען. (מגילה י׳) די חכמי התלמוד האָבען פיעל פסוקים אין די תורה ערקלערט מיט די הילף פון אַראַביש. די גמ׳ (ר״ה כ״ו) ערצעהלט פון ר׳ עקיבא פאָלגענדעס: אמר ר׳ עקיבא כשהלכתי לערביא היו קורין לדוכרא יובלא, ר׳ עקיבא האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אין אַראַביען האָט ער געהערט רופען אַ דוכרא—יובלא. און אַזוי האָבען אויך אַנדערע מפרשים זיך בענוצט מיט די אַראַבישע שפראַך אום צו פערשטעהן מאַנ־כע ווערטער אין די תורה.

אַזוי זאָגט אויך דער אבן עזרא אין פ׳ ויצא אויף די ווערטער לח, לוז וערמון. אַז לוז מיינט מען שקדים, ווייל אויף אַראַביש הייסען מאַנדלען לוז. און די דריי שפראַכען לה״ק, אַראַמיש און אַראַביש שטאַמען פון איין שורש. אַזוי

זאָגט אויך דער אבן עזרא אין זיין ספר שפה ברורה לה״ק, אַרמית און אַראַביש זענען געווען איין שפּראַך.

ר׳ זרחיה בן שאלתיאל פון ברצלונה (אין 1300-טען יאָר) שרייבט: „די יעניגע וואָס מיינען, אַז ווען מען נעמט אַ וואָרט פון די אַראַבישע שפּראַך טוט מען דערמיט ערנידריגען אונזער שפּראַך (לה״ק), זענען שוטים, דען די אַלע שרשים האָבען מיר בקבלה פון אונזערע אבות און ניט פון די אַראַבער. נור אַזוי ווי ישמעאל האָט געלערנט די שרשים פון אברהם און זיי נאָכ־הער איבערגעגעבען צו די אַראַבער, דעריבער הייסט דאָס יעצט אַראַביש. אָבער דער גלות האָט גורם געווען, אַז מיר האָבען די שרשים פערגעסען און מוזען דעריבער זוכען די שרשים ביי די אַראַבער.

דער רמב״ם זאָגט, אַז אַראַביש איז בלויז אַ פאַרגרייזט לה״ק. אַז לה״ק איז געווען די ערשטע שפּראַך בעווייזט פאָלגענדע ערקלערונג:

אַלע ווערטער, וועלכע קליינע קינדער רעדען אָנפענגליך זענען איינזילביגע, ווי: אָב, אם, אָח, בן, בת, דוד, איש, תן, לך, קום, יש, הן, פן, לא, וכד׳ וויל ביים אָנהויבען רעדען ד.ה. ביים ענטוויקלען דעם חתוך הדבור איז דעם מענש שווער אויסצורעדען מעהר ווי איין זילבע. און די איינזילביגע אויס־דרוקען פערמאָגט די העברעאישע שפּראַך זעהר פיעל, דעריבער מוזען מיר אָננעהמען, אַז לה״ק איז געווען די ערשטע שפּראַך וואָס האָט געלערנט דעם מענש רעדען.

בעזונדערס איז לה״ק זעהר רייך אין הויכע אויסדריקען פאַר תפלה, ווי די גמ׳ זאָגט (פסחים קי״ז) בעשרה מאמרות של שבח נאמר ספר תהלים, בנצוח, בנגון, במשכיל, במזמור, בשיר, באשרי, בתהלה, בתפלה, בהודאה, בהללויה. און אַזוי גיבט עס אויך פיעל אויסדרוקען פאַר שמחה, גילה, רינה, דיצה, חדוה, ששון, שמחה, עליצות, צהלה. אַזוי אויך פאַר שרעק, יראה, מורא, פחד, בהלה, בעתה, אבחת, זלעפה, מגור, חרדה, שבץ, רעש, רעד, רוגז, חלחלה, געש, רתת, רטט, זעוה, פלצות.

די אַראַמישע, ARAMAIC (אויך די כאַלדעישע CHAL-DAIC) שפּראַך איז אָנגענומען צו זיין די נאָהנטסטע צו לה"ק. 1) מחמת ביידע האָבען די זעלבע אויסשפּראַך; און 2) מחמת זייער אָפּשטאַם איז פון די אבות. צ. ב. ש. נחור, אברהם'ס ברודער האָט געבוירען קמואל וועלכער איז געוועזען דער פאָטער פון אַרם. לבן הארמי איז געוועזען רבקהס ברודער, רחל און לאה, לבן הארמי'ס טעכטער, זענען געוועזען יעקב'ס ווייבער. אָט דער שידוך האָט געבראַכט די אַראַמישע שפּראַך אין יעקב'ס הויז, אָבגעזעהען פון לה"ק וועלכע איז בענוצט געוואָרען.

אין גלות בבל האָבען די יודען געלערנט די כשדים שפּראַך (אַרמית) דורך די געמישטע חתונות און דאַדורך איז די שפּראַך געוואָרען די אומגאַנגסשפּראַך, לה"ק בלויז פאַר תפלות פונקט ווי היינטיגע צייט.

איבערדעם זענען פאָלגענדע ספרים געשריעבען געוואָרען אין אַראַמיש:

דניאל, עזרא, תרגום אונקלוס, תרגים ירושלמי, תרגום יונתן, תרגום ר' יוסף. בן סירא, תלמוד בבלי וירושלמי. מדרשים, הזהר, ספר הבהיר, כל נדרי, קדיש, יקום פורקן, בריך שמיה, מחי ומסי, כל חמירא, ערובי חצרות, ערובי תבשילין, אקדמות, יציב פתגם.

**אלפא ביתא.** די צאָל אותיות זענען 22 חוץ אותיות מנצפך. די צורה פון די אותיות שטאַמען פון ששת ימי בראשית און זענען בעשאַפען געוואָרען ערב שבת. (אבות פ"ה)

די מיינונג פון חכמי התלמוד איז, אַז די תורה איז געגעבען געוואָרען מיט'ן לה"ק-דיגען כתב (דאָס איז, ליבונאה שריפט סנהדרין כ"א, ירושלמי מגילה פ"א ה') נור עזרא האָט איינגעפירט די קוואַדראַט שריפט, איבער די שמרונים, וועלכע האָבען געפעלשט די תורה מיט די לה"ק-דיגע שריפט.

ר' יוסף אלבו (עקרים מאמר ג' פט"ז) זאָגט, אַז די היינטיגע שריפט פון אונזערע ספרי תורה'ס איז ניט די לה"ק שריפט.

מר חסדא זאָגט, אַז די תּורה איז געגעבען געוואָרען צו יודען אין לה״ק און עברית שריפט. ווען די יודען זענען צוריק געקומען פון בבל האָבען זיי אָנגענומען צו שרייבען לה״ק מיט סירישע שריפט (כתב אשורי) און פאַר'ן אַלגעמיינעם געברויך איז בענוצט געוואָרען די עברי שריפט. (עברי שטאַמט פון עבר־הנהר). הייליגע שריפטען, אָבער, מען האָט געשריעבען מיט סירישע שריפט, ווייל זי איז אַ שעהנע שריפט.

**בעדייטונג פון די אותיות.** די צורה פון די אותיות בעדייטען אויף אַ בריאה אָדער אַ כלי, למשל: **א**, שרייבט זיך **אלף** — וואָס מיינט, אָקס. **ב**, איז **בית** — הויז, מיט 3 ווענט. **ג** איז **גמל**, דער האַלז פון אַ קעמעל. **ד** איז **דלת**, אַ טיר פון אַ הויז. **ה** איז **האַ!** ער איז דאָ. **ו** איז **וו**, אַ נאָגעל. **ז** איז **זיין**, אַ געוועהר ווי אַ שפּיעז. **ח** איז **חת**, מורא. **ט** איז אַין אַראַבּיש אַ פּאַס. **י** איז **יד**, אַן איינגעבויגענע האַנט. **כ** איז **כף** — אַ לעפעל. **ל** איז **מלמד־הבקר** — אַ יאָך. **מ** איז **מים** — וואַסער, ד. ה. די וועלען פון ים, ווי מען קאָן נאָך זעהען די אָבשטאַמונג אין די לאַטיינישע M. **נ** איז **נון** — אַ פיש (וואָס הייסט אַאַל). **ס** איז **סמך** — אָנלעהנען. **ע** איז **עין** — אַן אויג. **פ** איז **פה** — אַ מויל מיט אַ צונג. **צ** איז **צדה** — אַן אנגעל צו פאַנגען פיש. **ק** איז **קוף** — אַן אויער פון אַ נאַדעל און איז עהנליך צום לאַטיינישען אות Q. **ר** איז **ראש** — אַ קאָפּף. **ת** **תו** — אַ צייכען.

**צוזאַמענהאַנג פון די אותיות.** חוץ די אויבערשטע בעדייטונג פון יעדען אות, האָט דער סדר פון די אותיות אויך אַ בעזונדערע בעדייטונג, פון אַ שיף מיט אַ בריק און אַ הויז מיט די כלי בית. וועלכע בעצייכענען דאָס לעבענספיהרונג. למשל: פון איין זייט וואַסער איז **א**, ד. ה. **אניה**, אַ שיף אין וואַסער. פון די אַנדערע זייט איז **ב**, ד. ה. **בית** אַ הויז אויף די יבשה, צו וועלכע מען קומט צו דורך'ן **ג** ד. ה. **גשר** אַ בריק אַזוי קומט מען גלייך צו **ד**, ד. ה. **דלת** די טיר. און ווען מען געהט אריין ווערט מען עמפּפאַנגען מיט **ה**, ד. ה. **האַ!** ענדליך ביזט דו דאָ.

יעצט קומט דאָס הויז און זיין אינהאַלט. למשל: איינער קומט אַהיים מיט זיין כּלי־זין, מוז ער האָבען ו א נאָגעל אויפצוהענגען זיין געוועהר ח מחתה — א פאַן מיט פייער, (אָדער חת — אָבוואַשען) ט, א בעזעם. דאַן נעמט ער אָן די כּלים מיט זיין י, יד — דאָס הענטל פון די כּלים.

כ, נאָכהער נעמט ער כּף — א לעפעל.

ל, נאָכהער נעמט ער למד — דעם יאָך פון די בהמות, און געהט צוריק צו מ מים — צום וואַסער צו פאַנגען נ. נון — פיש אַזעלכע דיקע ווי ס.

ע, איז עין — ער קוקט מיט'ן אויג און פ, זאָגט מיט'ן מויל צ, וואַרף די אַנגעל און פאַנג דעם פיש.

ק, ביים לאָך פון אויער וואָס איז ר, ראש אויף זיין קאָפּ. ש, שינים — די צעהן. ת, זענען די צייכענס פון דעם מין.

אויסער די אויבענגענאַנטע אָרדנונג, גיעבט עס נאָך איינינע אלפא ביתות מיט אַנדערע אָרדנונגען, למשל:

1) דאָפּעלטע. את, בש, גר, דק, הץ, ופ, זע, חס, טן, ים, כל.

2) דרייפאַכע. אחס, בטע, גיף, דכץ, חלק, ומר, זנשת. איק, בכר, גלש, דמת, הנץ, וסם, זע, חט.

3) פיערפאַכע. אטבח, גזדו, יצכף, לעמס, קתרש, הן. אלבם, גנדס, העוף, זצחק, טריש, כת.

דער מדרש רבה (פ' בא פט"ו) ערקלעהרט דעם פּסוק הן עם לבדד ישכון, וואָס איז דער פּשט פון „הן"? אין א. ב. פון אטבח, טיילען זיך אַלע אותיות אין צווייען, חוץ צווי איינ־צעלנע אותיות וואָס בלייבען איינציג, למשל: א"ט בעטרעפט 10, ב"ח — 10, ג"ז — 10, ד"ו — 10. און די ה, האָט נישט קיין חבר. י"צ — 100, כ"ף — 100, ל"ע — 100, מ"ס — 100, און די נ, האָט ניט קיין חבר. דאַמיט בלייבען די הנ אַליין. דאָס איז די מיינונג פון „הן עם לבדד ישכון" דאָס פאָלק ישראל איז אָבגעזונדערט פון די אומות אַזוי ווי דער „הן" איז אַליין.

אשורית (סיריש) די שריפט, (דאָס איז די פלעקעל-שריפט), און דאָס לשון איז געווען די סירישע, ASSYRIA, וועלכע איז אויך געווען בעקאַנט צו יודען אין די צייט פון אחז און חזקיהו די מלכים פון קיניגרייך יהודה.

הקב"ה האָט ישעיה הנביא'ן געהייסען שרייבען אויף אַ טאָפעל מיט אַ גריפעל פון אַ פראָסטען מענש (ישעיה ח' א') אַ שריפט, וואָס זאָל זיין פערשטענדליך אפילו צו פראָסטע מענשען, ניט אין לה"ק.

דעריבער שטעהט אין די תורה (שמות ל"ב ט"ז) והמכתב מכתב אלקים הוא חרות על הלחות. אויף די לוחות איז געווען אויסגעקריצט גאָטס שריפט, איבערדעם האָבען ניט אַלע געקאָנט לעזען די שריפט. שפעטער, ווען אַ נביא האָט געשריעבען צום פאָלק זיינע נביאות אויף להיק שריפט, וואָס איז געווען גאָטס שריפט, האָט דאָס פאָלק געמורמעלט אויף'ן נביא מיט זיין שריפט, ווייל זיי האָבען געזעהען אַ שריפט אָבער ניט פאַרשטאַנען דאָס לשון, ווי מיר זעהען עס דייטליך (פון ישעיה כ"ח ט' י"ד) צו לצו, צו לצו, קו לקו, קו לקו, זעיר שם, זעיר שם, ווייל דאָס כתב אשורית איז געווען די פלעקעל שריפט למשל:  דעריבער

האָבען זיי געמאַכט לצנות פון נביא'ס נביאות און געזאָגט: צו לצו, עס איז עפּעס אַ מין צעשפּרייטע שריפט מיט געבּאָטען, וואָס מיר פערשטעהען ניט, נור זעהען בלויז קו לקו, אַ שטריך דאָ, אַ שטריך דאָרטען, אַ פלאָקען דאָ, אַ פלאָקען דאָרט, אויפגעשטעלטע און אומגעלעגטע פלעקער, זעיר שם, אַ ביסעל דאָ, און זעיר שם, אַביסעל דאָרט, מעהר זעהען מיר ניט.

דאָס זעלבע זעהען מיר אויך (אין ישעיה ח' ט"ז) צור תעודה חתום תורה בלמודי, ווייל דאַמאָלס איז געווען דער מנהג צו בעהאַלטען דאָקומענטען אין אַן ערדענע כּלי און דעם אינהאַלט פון דאָקומענט אויפצושרייבען אויף די ערדענע כּלי אויסענווייניג מיט די פלעקעלשריפט. דעם מנהג געפינען מיר אין ירמיה ל"ב — לקח את הספרים האלה את ספר המקנה

הזה ואת החתום ואת ספר הגלוי הזה ונחתם בכלי חרש למען יעמדו ימים רבים. ספר המקנה, הייסט דער דאָקומענט, החתום איז דער אינהאַלט, וואָס איז אויפגעשריבען געוואָרען אויף די כלי אויסענוועניג. מיט די פלעקעלשריפט, אז דער המון זאָל דאָס קאָנען לעזען.

די גמ׳ (סנהדרין כ״א) זאָגט, אַז צוערשט איז די תורה געגעבען געוואָרען אויף כתב עברי (ד. ה. לבנא שריפט, וועל־כעס הייסט אויף סיריש „צעשפרייט״ דאָס מיינט מען די פלעקעלשריפט און לשון הקדש. אָבער אין עזרא׳ס צייטען איז די תורה איבערזעצט געוואָרען פון לה״ק אויף לשון ארמית כדי דאָס פאָלק זאָל פערשטעהען אָבער די שריפט איז גע־בליעבען די זעלבע, נעמליך פלעקעלשריפט.

די גמ׳ (ירושלמי מגילה פ״א ה״ט) זאָגט, אַז אשורית, (סיריש) איז נור אַ שריפט אָבער ניט קיין שפראַך. עברית איז אַ שפראַך אָבער ניט קיין כתב. דעריבער האָבען די דאַמאָלס־דיגע יודען צוזאַמענגעבונדען די סירישע שריפט מיט׳ן לשון עברי און דאַדורך איז ענטשטאַנען אַ שפראַך מיט אַ שריפט. און פאַרוואָס ווערט די סירישע שריפט גערופען אַשורית? ווייל אשור הייסט געלויבט, און די סירישע שריפט איז אַ זעהר שעהנע און לויבענסווירדיגע. ר׳ לוי זאָגט, אַז זי הייסט אשורית ווייל זי שטאַמט פון אשור.

## 25. יצירת האדם. ANTHROPOLOGY

וועגען די ענטשטעהונג פון מענש איז פאַר די לעצטע הונדערט יאָר אַ גרויסע מענגע ביכער געשריעבען געוואָרען, הויפטזעכליך אָבצולייקענען דאָס אדה״ר איז געוועזען יציר כפיו של הקב״ה, נור ער האָט זיך ענטוויקעלט פון נידעריגע ברואים ביז צו די היינטיגע שטופע, ווי למשל: ספענסער, העקעל, מארעטט און בעזונדערס דער ענגלישער נאַטורפאָרשער

דאַרווין (1809—1882) וועלכער האָט אין 1871 פּערעפּענטליך אַ ווערק אין וועלכען ער בעהויפּטעט, אַז די מענשליכע ראַסע איז ניט געבוירען געוואָרען ווי מיר זעהען זי היינט, נור זיך ענטוויקעלט פון נידריגע ברואים. און די מייסטע נאַטורפאָר־שער האָבען אָנגענומען זיין לעהרע, בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „דאַרווין'ס טעאָריע", אַז ניט בלויז דער מענש האָט זיך ענט־וויקעלט נור אַלע ברואים האָבען זיך ענטוויקעלט און האַלטען זיך אַלץ נאָך אין ענטוויקלען, וועלכע ער רופט אָן EVOLUTION (אַ נאָמען, וועלכער איז צוערשט געברויכט געוואָרען פון הער־בערט ספּענסער 1820).

מיר וועלען פּרובּירען צו געבען אַ רעזומי פון דאַרווין'ס טעאָריע. ער שרייבט אין ערשטען באַנד:

1) עס איז בעוואוסט, אַז דער מענש איז געבויט נאָך דעם זעלבען סיסטעם, ווי אַנדערע זויג חיות, זיין סקעלעט קאָן פערגליכען ווערען מיט אַ סקעלעט פון אַ מאַלפּע, פלעדערמויז אָדער ים־הונט. דער מענש שטעהט, לויט דעם אַנאַטאָמישען כאַראַקטער פון זיין געהירן־סיסטעם פיעל נעהנטער צו די מענ־שענאַרטיגע מאַלפּעס, איידער די מאַלפּעס שטעהען צו אַנדערע זויג־חיות. (קפּיטל 1. 53 §).

2) דאָס מענשליכע עמבריא איז גענוי עהנליך צו דעם עמבריא פון אַנדערע זויג־חיות. ערשט אויף די שפּעטערדיגע ענטוויקלונגס שטופען — זאָגט פּראָפעסאָר האַקסלעי — בעווייזט די יונגע מענשליכע בריאה שאַרפע קענצייכענס אין פערגלייך מיט די יונגע מאַלפּע, וועהרענד פון דעם הונט ווייכט די מאַלפּע אָב אין דעם ענטוויקלונגספּונקט, אַזוי ווי דער מענש. (קפּיטל 1. 57 §).

3) עס איז קיין ספק ניט, אַז דער מענש שטעהט אַ סאַך נעהנטער צו די מאַלפּעס איידער די מאַלפּעס שטעהען צו דעם הונט (קפּיטל 1. 60 §).

4) די אויערען פון דעם שימפּאַנזי און דעם אוראַנג זע־נען זעהר עהנליך צו דעם מענשענס אויערען און די מוסקולען זענען אויך נור וועניג ענטוויקעלט, ד. ה. אַז וואָס איז שייך

די פונקציע פון די אויערען זענען זיי אין אַזאַ רודימענטערען צושטאַנד, ווי ביים מענשען, ווייל די דאָזיגע מענשענעהנליכע חיות, אַזוי גוט ווי די פאָרעלטערען פון מענשען זאָלען האָבען פערלוירען די קראַפט אָנצושטעלען זייערע אויערען קאָנען מיר ניט זאָגען. (קפיטל 1. 65 §).

5) דער מענש אין די העכסטע דאָמינירענדע חיה (קפיטל 2. 119 §).

6) און אַזוי ווי דער מענש געהערט, פון גענאַלאָגישען שטאַנדפונקט צו דעם קאַטאררהין אָדער אַלטוועלטיגען שטאַם, מוזען מיר בעשליסען, אַז אונזערע ערשטע אורעלטערן וואָלטען מיט רעכט אויך בעצייכענט געוואָרען אַלס מאַלפעס (דאָסזעלבע זאָגט אויך העקעל אין זיין „נאַטירליכע שעפפונגסגעשיכטע") מיר מוזען אָבער ניט אַריינפאַלען אין דעם טעות פון דער השערה, אַז דער ערשטער אורפאָטער פון דעם גאַנצען מאַלפעס-שטאַם, אַריינרעכענדיג אויך דעם מענש, איז געוועזען גאָר גלייך אָדער אפי׳ עהנליך צו וועלכע יעצט עקזיסטירענדע מאַלפע. (קפיטל 6. 293 §)

7) דער ריקען פון מענש האָט אפי׳ ניט די פונקציע פון אַ ווײדעל, פונדעסטוועגען שטעלט ער מיט זיך פאָר גאַנץ גענוי דעם דאָזיגען טייל וועלכער געפינט זיך ביי אַנדערע חיות. (קפיטל 1. 77 §)

8) די ערשטע פאָרעלטערן פון מענשען האָבען אַמאָל געמוזט זיין אינגאַנצען בעדעקט מיט האָר און ביידע געשלעכטער האָבען געהאַט בערד, זייערע קערפערס זענען געוועזען בעזאָרגט מיט אַ ווײדעל. (קפיטל 6. 302 §)

9) אין דערווירקליכקייט איז פאַראַן אַ ווײדעל ביים מענש, ווי ביי די מענשענעהנליכע מאַלפעס, אויבוואויל מען קאָן איהם אויסערליך ניט זעהען. (קפיטל 2. 135 §)

10) עס איז מעהר וואַהרשיינליך, אַז אונזערע ערשטע פאָרעלטערן האָבן געלעבט אויף דעם אַפריקאַנישען קאָנטינענט איידער ערגעץ אַנדערשווי, עס איז אָבער נוצלאָז צו חקירה׳ן וועגען דעם ענין. (קפיטל 6. 203 §)

11) מארעטט, אין זיין בראשור THE MAN IN THE MAKING שרייבט: איז די מאלפע פערוואנדט מיט אונז? איך גלויב, אז עס וואלט געוועזען א פוסטע גאוה אבצולייקענען, נור מיר קאנען זיך טרייסטען מיט'ן געדאנק, אז אונזער פארפאטער איז קיין מאלפע ניט געוועזען, ווייל קיין דירעקטען בעווייזן האבען מיר ניט; מיט אנדערע ווערטער הייסט עס די פארשטעלונג פון די וויסענשאפט וועגען די אבשטאמונג פון מענש איז, דאס מיר פערטרעטען די הערשענדע ליניע פון ענטוויקלונג (EVOLUTION) מער ווי די מאלפע, וועלכע איז געווארען צוגעוואוינט צום וואלד-לעבען וועהרענד דער געוועהנליכער אורפאטער, פונקט ווי מיר זעלבסט, איז געוועזען מעהר אן אלזייטיג געזיטעטע בריאה, צ. ב. ש. צו עסען אלץ, פלייש אדער פרוכט, און אויף אלעם וועלכעס זיין האנד האט געקאנט גרייכען.

דאס איז אין קורצען דארווין'ס טעאריע וועגען מענשענס ענטשטעהונג, וועלכע איז אבער פול מיט ספקות, און פיעל זאכען איז דארווין זעלבסט מודה, אז ער ווייסט ניט, למשל: אין נומ. 4 וועגען די אויערען. אין נומ. 6 וועגן גלייכהייט מיט די מאלפע. אין נומ. 10 וועגען אדם הראשון'ס פלאץ אויף וועלכען ערדטייל ער האט געלעבט א. ז. וו. און ער טאפט, ווי א בלינדער אין דער פינסטער, זיין גאנצע לעהרע איז ניט מעהר ווי א השערה, א בעהויפטונג, אבער בעווייזען קלאר מיט דייטליכע פאקטען קאן ער ניט.

דאס זעלבע טוט אויך מארעטט (זעה נומ. 11) און נאך פיעל אנדערע נאטורפארשער.

און אפילו אויף די בלויזע בעהויפטונג דארווין'ס קאן דער שכל הישר פיעל פרעגען און בעווייזען דעם געגענזאץ פון זיין השערה און דאס האבען אויך פיעל נאטורפארשער פון די היינטיגע צייט געטהון, נישט פון א רעליגיעזען, נאר פון א וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט. דארווין חקירה'ט צו בעווייזען די עהנליכקייט פון מענשען צו די מאלפע און אז דער מענש איז מיט די מאלפע מעהר מחותן, ווי די מאלפע מיט

אַנדערע חיות (נומ. 1) אַז דאָס מענשליכע עמבריא איז גאָר ענהליך צום עמבריא פון אַנדערע חיות, ד. ה. אַ שטופע נידע-ריגער שוין (נומ. 2) אַז די אויערען און מוסקולען פון אַ מאַל-פע זענען דיזעלבע ווי ביים מענשען (נומ. 4), דער מענש איז די הערשענדע חיה (נומ. 5), אונזערע פאָרעלטערען וואָל-טען היינט בעצייכענט געוואָרען אַלס מאַלפעס, נור דאָך ניט גלייך צו די היינטיגע מאַלפעס (נומ. 6), און אַז די ערשטע פאָרעלטערן מוזען ביידע געשלעכטער גאָר האָבען געהאַט בערד (נומ. 8).

לאָמיר די גאַנצע חקירה אַוועקלאָזען און אָננעהמען, אַז דער מענש איז אַ ריכטיגע חיה מיט אַלע קליפפערלעך, נו איז וואָס?

האָט דארווין געמיינט צו פערמינדערן דעם כבוד פון מענשליכען אָבשטאַם? אָדער האָט ער דאָ ענטדעקט עפעס (אויב מען קאָן עס רופען ענטדעקונג) וואָס נאָך קיינער פאַר איהם האָט ניט געוואוסט?

אויב אַזוי האָט ער, במחילה, ביי ביידע אַ גרויסען טעות געמאַכט.

דארווין קאָן ניט שלום מאַכען מיט'ן געדאַנק אויב מיר זענען אַ מענש אָדער אַ חיה אָדער מיר שטאַמען בלויז אָב פון אַ חיה.

אַז מיר שטאַמען ניט פון אַ מענש, איז ער זיכער ווי 2 מאָל 2 איז... 5, נור אויב פון אַ חיה, דאַן בעגניגט ער זיך נאָך ניט, נור ער מיינט נאָך צו זוכן נידריגערע אָבשטאַ-מונגען. און דאָס וואָס ער איז אין ספק פינדען מיר אין אונ-זער תורה. דארווין האָט אָנגעטאַפּט דעם ריכטיגען פונקט, אָבער, ווי געזאָגט ווייל ער האָט געטאַפּט, ווי אין דער פינ-סטער, איז ער אַוועקגעקראָכן צו ווייט און אינגאַנצען אין דער זייט, און ממילא שוין די רעליגיעזע אָנזיכט דערמיט גענצליך פערשטויסען.

לאָמיר אָבער אַ קוק געבען אין די תורה און אונטער-זוכען גענוי די ערקלעהרונגען פון די חכמי התלמוד און די

שפּעטערדיגע ערקלעהרער, וועלען מיר דאַרווין'ס טעאָריע גאַנץ דייטליך אַרויסגעפונען, אָבער ניט ווי דאַרווין אין אַ גאָטלאָזער פאָרם, נור מיט אַ געטליכען הינטערגרונד. מיר וועלען פּרו- בירען אָנווייזען די שטעלען אין די תורה און תלמוד וועגען בריאת אדם און מיר וועלען זעהען, אַז באמת איז אדם טאַקי געוועזען אַ חיה, ניט ווי אַ היינטיגער מענש. אָבער ניט דורך ענטוויקלונג, נור דורך בעשאַפונג. און דאָס איז קיין שום סתירה צו די תורה.

א) ויברא את האדם בצלמו בצלם אלקים ברא אותו, מפרש רש"י, בצלמו, בדפוס העשוי לו שהכל נברא במאמר והוא נברא בידים, גאָט האָט צוערשט געמאַכט אַ פאָרם פון אַן אדם, און האָט איהם ערשאַפען נאָך דעם פאָרם, און דאָס איז געוועזען דער ערשטער אדם, וועמען מיר רופען מענש. איבער- דעם זאָגט רש"י, בצלמנו, בדפוס שלנו, אין אונזער פאָרם, וואָס מיר האָבען געמאַכט צו בעשאַפען דעם ערשטען אדם.

ב) נעשה אדם, מפרש הספורני, מין ממיני נפש חיה שיצרתי ששמו אדם. מיר וועלען מאַכען אַזאַ מין בריאה ווי די אַנדערע לעבעדיקע חיות און זיין נאָמען זאָל זיין ניט חיה, נור אדם. (פערגלייך דאַרווין נומ. 5)

ג) וכן פירש"י על הפסוק ויהי האדם לנפש חיה, אף בהמה וחיה נקראו נפש חיה, אך זו של אדם חיה שבכולן שנתוסף בו דעה ודבור. רש"י ערקלעהרט, אַז די בהמה און חיה הייסען אויך נפש חיה נור דער נפש חיה פון אדם איז גאָר אַ גאַנץ אייגענאַרטיגע חיה פאַר זיך, ווייל די חיה, וואָס הייסט „אדם" האָט בעקומען די אייגענשאַפטען פון שכל און שפּראַך דורכדעם, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען אַ נשמה, די איינציגע זאַך, וואָס ער האָט די אַנדערע ברואים פון נפש חיה ניט געגעבען. נפש חיה פאַר בהמות און חיות מיינט דער כח צו לעבען אָבער נור ווי אַ בהמה, וועהרענד נשמת חיים פאַר'ן מענשען מיינט דער שכל, ווי אַזוי צו לעבען. דעריבער שטעהט ביים מענשען „נפש חיה" — כח און „נשמת-חיים" — שכל.

ד) אויך דער ספורני ערקלעהרט עס אויפ'ן זעלבן אָרט. ויהי האדם לנפש חיה, נפש חיונית מוכנת לקבל צלם אלקים. מ"מ ויהי האדם לנפש חיה, היה עכ"ז חיה בלבד בלתי מדברת עד שנברא בצלם ודמות. ווען אדם האָט געקריגען דעם כח צו לעבען, איז עס נור געווען בלויז אַ לעבעדיג ווען פאַר־ברייטעט צו עמפּפאַנגען דעם פאָרם פון אַן אדם, וואָס גאָט האָט געמאַכט פאַר איהם, אָבער איז אַלץ געבליבען בלויז אַ נפש חיה אַ ווען פון אַ חיה ניט האָבענדיג דעם שכל צו רעדען, ביז ער איז געפאָרמט געוואָרען נאָך דעם פאָרם און אויסזעהען דורך די נשמה.

ה) ויהי האדם לנפש חיה, מלמד שעשה לו עוקץ כחיה, פון נפש חיה ענטנעהמט ר' יהודה, אַז אדם איז געווען אַן אמת'ע חיה און אפילו געהאַט אַ ווידעל אויך (פערגלייך דאַר־ווין נומ. 7, 8, 9). דאַרווין איז אין ספק אויב מיר שטאַמען אָב דירעקט פון אַ מאַלפּע. (אַזוי זאָגט מאָרעטט אויך) ווייל קיין דירעקטען בעווייז האָט ער ניט, דאָך האָט ער אַזוי געקלעהרט. און ר' יהודה האָט דאָס יאָ געוואוסט און שוין מיט 2000 יאָר צוריק, נור דער חילוק איז, אַז דאַרווין וויל דורכאויס אַ נאָמען געבען אדם'ס חיה „מאַלפּע" וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט און ר' יהודה זאָגט גאָר פשוט — וואָס פאַר אַ חילוק איז, ווי די חיה פון אדם האָט געהייסען? — דער פאַקט איז, אַז ער איז געווען אַ חיה, און נישט דורך ענטוויקלונג, נור דורך ערשאַפונג.

ע"כ אויב ר' יהודה, וועלכער האָט געוואוסט דאָס, שוין מיט 2000 יאָר צוריק, זאָגט, אַז אַ חיה איז ער יאָ געווען, אויף וועלכען ער איז ניט אין ספק, ווי דאַרווין און פון ענט־וויקלונג זאָגט ער גאָר ניט, אויף וועלכען דאַרווין איז אויך ניט גאַנץ זיכער, קומען מיר צום שלוס, אַז ר' יהודה איז גע־רעכט ניט דאַרווין.

ו) את כל ירק עשב וכו' לאכלה, רש"י, השוה להם בהמות וחיות למאכל. וכן במדרש (רבה פ"ח) אוכל ושותה כבהמה וכו' נאָך אַ ראיה איז, אַז אדם איז געווען אַ חיה, ווייל גאָט האָט אדם וחוה ערלויבט צו עסען בלויז גראָז פונקט

ווי אַ בהמה אָדער אַ חיה, אַזוי זאָגט אויך דער מדרש: ער עסט און טרינקט ווי אַ בהמה א. א. וו.

ז) ד׳ דברים נשתנו בימי אנוש בן שת וכו׳ ונעשו פניהן כקופות, פיער זאַכען זענען אין אנוש׳ס צייט געענדערט געוואָרען וכו׳ איינס פון די פיער זאַכען איז, דאָס זייערע פּנימער זענען געוואָרען מאַלפּע פּנימער (בראשית רבה פכ״ג).

זו שאומרת נעלה ונעשה מלחמה, נעשו קופין, מאַנכע פון דור הפלגה, וועלכע האָבען געזאָגט: מיר וועלען אַרויף אין הימעל און מלחמה האַלטען זענען געוואָרען מאַלפּעס. (סנהדרין ד׳ ק״ט) דאַרווין נומ. 2, 3, 6.

אָט האָבען מיר אַן אָנווייזונג, אַז אויך מענשען-חיות זענען געוועזען, וואָס האָבען אויסגעזעהען ווי מאַלפּעס, אָבער וועןז ערשט שפּעטער. אויך די השערה דאַרווין׳ס האָבען אונזערע חכמים געוואוסט און געוואוסט טאַקע קלאָר, אַז אדם איז געוועזען אַ חיה, אָבער ניט אין מאַלפּע געשטאַלט, נור אַ גאַנץ אַנדער מין חיה. און די מאַלפּען-חיות האָבען זיך ערשט אָנגעפאַנגען פון דור הפלגה, ווייל זיי האָבען געלעבט אַ פערדאָרבען לעבען, זייער נשמה, דער צלם אלקים, האָט זיי גאָר ניט געלערנט ווי צו לעבען, דעריבער האָבען זיי פערלוירען זייער צלם אינגאַנצען און זענען געבליבען אָן צלם ביז׳ן הייניגען טאָג. אָט די זענען די מאַלפּעס, און דאָס איז געוועזען דאַרווינס טעות, וואָס ער האָט געהאַפּט אין דער פינסטער ביי דעם פונקט און ניט געוואוסט צו אונטערשיידען צווישען די חיה-אַרטיגע מענשען, וואָס האָבען געהאַט שכל ווי צו לעבען דורך זייער נשמה, און צווישען די חיה-אַרטיגע מענשען, וואָס האָבען קיין שכל ניט געהאַט (אפי׳ מיט זייער נשמת חיים) צו לעבען ווי מענשען, נור ווי אמת׳ע חיות און זענען דעריבער געוואָרען מאַלפּעס.

יעצט קומען מיר אפילו צו דאַרווין׳ס לערע פון EVOLUTION וואָס איז אויך דאָ דערמאָנט, נעמליך, די ערשטע חיות פון אדם׳ס צייט, וואָס האָבען טאַקע שכל געהאַט ווי צו לעבען, האָבען אויך בעהאַלטען זייער צלם אויף זייערע

פנימער און האָבען זיך ענטוויקעלט שטופענווייז ביז צום היינ-טיגען מענשליכען אויסזעהען. און דאָס פינדען מיר אויך אין מדרש (בב״ר פ״ח) עומד כמה״ש, מדבר, ויש בו דעת, ורואה כמה״ש הוא מצד שנברא בצלם אלקים, וזאת היא יתרונו של אדם על הבהמה, דאָס וואָס דער מענש שטעהט, רעדט, האָט שכל און זעהט פונקט ווי אַ מלאך איז, ווייל ער בעזיצט דעם צלם אלקים. וועלכער איז די איינציגע זאַך, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען מעהר ווי די בהמה, כדי דער מענש זאָל זיין אַ הולך ממדרגה למדרגה ד. ה. זיך ענטוויקלען. און דאָס האָבען די מענשען פון אדם׳ס צייט געטוהן און פון זיי שטאַ-מען מיר אָב, וועהרענד די היינטיגע מאַלפעס שטאַמען אָב פון די דור-הפלגה מאַלפעס.

אויך איוב זאָגט (קפיטל י״א, י״ב) אדם עיר פרא יולד, איוב רופט אדם׳ען ניט אָן מאַלפע, נור אַ ווילדען אייזעל ד. ה. יעדעס געבוירענע קינד איז ווי אדם — אַ בהמה — בעת ער ווערט געבוירען. נאָכהער געהט ער פון שטופע צו שטופע און ענטוויקעלט זיך, צ. ב. ש. פון אַן אדם ווערט אַ גבר, דאַן אַן אנוש און דאַן אַן איש. ווען ער ענטוויקעלט זיך אָבער ניט, בלייבט ער דאָך דערזעלבער אדם ווי ביי די געבורט, ד. ה. אַ בהמה. (זעה דעם מבוא אין מיין ספר „רשפי אש״).

ח) אדם איז ניט דער נאָמען פון ערשטען מענש, נור פון גאַנצען מענשליכען מין. און אפי׳ אַ נקבה הייסט אויך אדם, אַזוי שטעהט אין בראשית ויקרא את שמם אדם. ביידע, אדם און חוה, האָט הקב״ה גערופען אדם, נור דער ערשטער אדם הייסט „אדם הראשון״ ווייל עס גיבט נאָך אַנדערע אדם׳ס אויך, אַ בעווייז איז, „אמחה את האדם״ איך וועל פערניכטען דעם אדם און פערניכטעט האָט גאָט ניט אדם׳ן נור דאָס דור המבול גאַר. נור ווי געזאָגט, אַלע הייסען אדם.

ט) נאָך אַ ראיה, אַז דאַרווין׳ס EVOLUTION פינדען מיר דייטליך ביי די חכמי התלמוד: דער מדרש (ב״ר פי״א) ערצעהלט, אַז אַ פילאָזאָף האָט געפרעגט ר׳ הושעיא׳ן פאַרוואָס האָט גאָט ניט געגעבען מצות מילה צו אדה״ר? האָט ער איהם

געענטפערט, אַז אַלץ, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען אין ששת ימי בראשית מוז מען ערשט נאָכהער צו רעכט מאַכען צ. ב. ש זענפט מוז מען ערשט זיס מאַכען, ווייץ — מאָהלען א. ז. וו. אַזוי אויך דער מענש אפי׳ מוז זיך אויסבעסערן און ווייטער ענטוויקלען.

# 26. תנועת כדור הארץ.

## בעוועגונג פון די ערד

וועגען די בעוועגונג פון די פּלאַנעטען האָבען אַלע אַסט־ראָנאָמער, ביז צום 15־טען יאָרהונדערט, איבעראיינגעשטימט, אַז זיי בעוועגען זיך און צווישען זיי אויך די זון און אַז די ערד איז דער צענטער פון אַלע פּלאַנעטען. ביז עס איז גע־קומען דער בעריהמטער פּויליש־דייטשער אַסטראָנאָם קופּערני־קוס (1473) און געמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע און געלערנט, אַז די ערד איז ניט דער צענטער פון די פּלאַנעטען, וועלכע בעוועגען זיך אַרום איהר, נור אַז די זון שטעהט שטיל, ווי אַ פּונקט אין אַ גרויסען ראַד און איז דעריבער דער צענטער פון די פּלאַנעטען און צווישען זיי אויך די ערד בעוועגען זיך אַרום די זון. (DE, ORBIUM COELESTIUM REVOLUTIONIBUS)

הגם די לעהרע איז שוין אַ מאָל געלערנט געוואָרען פון דעם בעריהמטען פילאָזאָף PYTHAGORAS (580 פ.א.צ.) אָבער די מיינונג איז דעמאָלט פון די וועלט ניט אָנגענומען געוואָ־רען און אַזוי אַרום גאַנץ פערגעסען געוואָרען ביז עס איז גע־קומען קופּערניקוס און אויפגעשטורעמט די וועלט מיט זיין לעהרע „אַז די ערד בעוועגט זיך״.

די לעהרע איז אָנגענומען געוואָרען פון אַלע געגענוואַר־טיגע אַסטראָנאָמער, און די אַסטראָנאָמיע ווערט היינט געלערנט נאָך די לעהרע. און אויב שוין דער גרויסער דענישער אַסט־

ראָנאָם TYCHO BRAHE ‏(1546) האָט די לעהרע פון קאָ־פּערניקוס ניט אָנגענומען, נור בעהויפּטעט, אַז די ערד איז דער צענטער פון די פּלאַנעטען און אַז די זון און די לבנה בעוועגען זיך אַרום איהר און די אַנדערע פּלאַנעטען בעוועגען זיך אַרום די זון; פון דעסטוועגען איז קופּערניקוס'ס לעהרע דאָך געבליבען דער וועגווייזער פאַר די ענטדעקונגען פון די שפּעטערע אַסטראָנאָמער, נעמליך: גאַלילעאָ, קעפּלער און ניוּ־טאָן. דערמיט איז קופּערניקוס אַנערקענט געוואָרען אַלס דער בעריהמטער אַסטראָנאָם פון זעכצעהנטען יאָרהונדערט, וועלכער האָט, מיט זיין לעהרע, אויפגעשטורעמט די וועלט.

אָבער דאָס, וואָס די וועלט האָט ערפאַרען און בעוואונ־דערט אין זעכצעהנטען יאָרהונדערט, האָבען אונזערע חכמים שוין לאַנג, לאַנג פריהער געוואוסט.

מיר פינדען אין זוהר (פ׳ ויקרא ד׳ י׳) „ובספרא דרב המנונא סבא פריש יתיר דהא כל ישובא מתגלגלא בעיגולא ככדור, אלין לתתא ואלין לעילא, וכל אינון בריין משניין בחזווייהו משינויא דאוירא כפום כל אתר ואתר, וקיימין בקיומייהו כשאר בני נשא, ועל דא אית אתר בישובא כד נהיר לאלין השך לאלין, לאלין יממא ולאלין ליליא, ואית אתר דכוליה יממא ולא אשתכח ביה ליליא, בר בשעתא חדא זעירא וכו׳ ורזא אתמסר למאריהון דחכמתא ולא למפלגי תחומין, בגין דאיהו רזא עמיקא דאורייתא.“

אין ספר פון רב המנינא סבא ווערט עס דייטליכער ער־קלעהרט, נעמליך, אַז די גאַנצע וועלט דרעהט זיך אַרום אין אַ ראָד אַזוי ווי אַ באַל, מאַנכע ברואים זענען פון אויבען און מאַנכע פון אונטען און די אַלע ברואים זענען זעהר פערשי־דען אין זייער אויסזעהען דורך דעם קלימאַט פון יעדען אָרט, וואָס איז פערשידען איינער פון אַנדערן, און די זעלבע מענ־שען, וואָס זענען אונטען שטעהען אויף זייערע פיס פונקט ווי די מענשען פון אויבען. איבערדעם איז דאָ ערטער אויף דער וועלט, ווען עס איז דאָ ליכטיק איז דאָרטען פינסטער, דאָ איז טאָג און דאָרטען איז נאַכט און עס זענען דאָ ערטער

אין וועלכע עס איז איינגאַנצען טאָג און נור איינמאָל פאַר אַ קורצע צייט איז דאָרטען נאַכט א. ז. וו. אָבער דער סוד איז נור בעוואוסט צו די בעלי הקבלה און ניט צו די אַסטראָנאָמער, וועלכע טיילען איין די וועלט אין חלקים, ווייל דאָס איז אַ טיפער סוד פון סודות התורה.

הגם דער ספר הברית (מאמר ט׳ פרק ח׳) זאָגט, אַז קופערניקוסעס שיטה איז ניט ריכטיג און בעווייזט מיט לאָגישע בעווייזן פון שלמה המלך, וועלכער איז געווים געוועזען אַ גרויסער אַסטראָנאָם, און דאָך האָט ער אימער געזאָגט תחת השמש און ניט תחת הארץ און אַז פון זוהר איז אויך קיין ראיה, ווייל דער זוהר זאָגט באַלד דערויף „ורזה דא וכו׳ ד. ה. אַז עס איז ניט צו נעהמען פשוט כפשוטו, נור עס איז אַ סוד. דאָך זעהען מיר, אַז די חכמים האָבען פון די שיטה געוואוסט מיט צוויי טויזענד יאָר צוריק און האָבען גאָרניט אויפגעשטורעמט די וועלט דערמיט. דאָס קאָן מען ערקלעהרען דערמיט, אַז מן הסתם איז טאַקע דאָ בעהאַלטען אַ סוד (ווי דער זוהר זאָגט) וואָס די מענשהייט האָט נאָך ניט ענטדעקט, דעריבער האָבען די חכמי התלמוד עס טאַקי ניט פעסטגעזעצט פאַר די גאַנצע וועלט, נור עס געלאָזען אַלס סוד פאַר חכמים און ווען דער סוד וועט אַמאָל ענטדעקט ווערען, דאַמאָלט וועט עס ווידער אַרויסרופען אַ שטורם, אָבער דאַמאָלס וועלען מיר פערשטעהן פאַרוואָס עס איז געוועזען אַ סוד.

אויך האָבען די חכמים געוואוסט, אַז די וועלט איז קיילעכדיק, דער מדרש רבה (במדבר פי״ג, ירושלמי ע״ז ד׳ מ׳) זאָגט מזרק אחד כסף, כנגד העולם שהוא עשוי ככדור, א״ר יונה אלכסנדרוס מקדנוס כד בעא מיסק לעיל הוה סליק וסליק עד שראה את העולם ככדור. מזרק הייסט וואַרפען, ד. ה. די וועלט, וועלכע איז געפאָרעמט ווי אַ באַל, וואָס מען וואַרפט פון האַנד צו האַנד, אלכסנדר מקדון איז אַרויף געגאַנגען אין דער הויך, אַזוי ווייט ביז ער האָט געקאָנט זעהען די וועלט, וועלכע האָט זיך איהם אויסגעוויזען קיילעכדיג ווי אַ באַל.

# 27. נוטריקון סטענאגראפיע.

## SHORTHAND

שוין אין די אַלטע צייטען איז סטענאָגראַפיע בענוצט געוואָרען צו שרייבען פערשטעלטע און סודות׳דיגע זאַכען כדי ניט אַלע זאָלען עס פערשטעהן. צ. ב. ש. אין די רוימישע צייטען, ווי TIRO OF CICERO און אַנדערע.

עס איז געוועזען דאַן אַ מין שריפט, וואָס נור איינצעלנע מענשען האָבען געוואוסט פון איהר, ניט אזוי צוגענגליך פאַר אַלע, ווי היינט. ערשט אין 1588 איז געשריבען געוואָרען דאָס ערשטע ווערק איבער סטענאָגראַפיע פון TIMOTHY BRIGHT, M. D. אונטערן נאָמען CHARACTERIE.

ר׳ חננאל (אין גמ׳ שבת פ׳ הבונה) זאָגט: נוטריקון הוא לשון יון, וסופרי המלכים והשרים שלהם יש להן כתב שקוראין אותו נוטריקון, ואומר המלך לסופר כתוב טופס והמלך מסדר לפניו בפיו והסופר כותב מפיו מילי שמשמשת כמה, ובשיטה אחת כותב מגילה וזהו נוטריקון.

ר׳ חננאל זאָגט, אַז נוטריקון איז גריכיש, די גריכישע מלכים און פרינצען האָבען שרייבערס, וואָס שרייבען אויף אַ שריפט, וואָס הייסט נוטריקון און עס ווערט געברויכט אויף פאָלגענדן אופן: דער קעניג דיקטירט דעם שרייבער אַ קאָפּיע און דער שרייבער שרייבט אַזעלכע ווערטער, וואָס יעדעס וואָרט בעדייט פיל ווערטער און דעריבער קאָן מען אין איין שורה אָנשרייבען אַ גאַנצע מגילה, דאָס הייסט נוטריקון.

אָט זעהען מיר, אַז דער נוטריקון איז נור בענוצט געוואָרען פון מלכים ושרים ביז צום זעכצעהנטען יאָרהונדערט.

אונזערע חכמים האָבען זיך שוין אַ סאַך פריהער בענוצט מיט די סטענאָגראַפיע, וועלכע הייסט אין לה״ק (אייגענטליך אויף גריכיש), נוטריקון, וועלכעס מיינט אין גריכיש — אָבגעקירצטע שריפט. אָדער אין לאַטייניש NOTARIUS, וועלכעס מיינט אַ שרייבער פון די קורצשריפט און איז אויך דערמאָנט

אין די גמ' (סוטה ל"ה) ר' יהודה אומר. בינה יתירה נתן בהן הקב"ה ושגרו נוטירין שלהן (NOTARII). ר' יהודה זאָגט אַז די אוהע"ר האָט גאָט געגעבען שכל און זיי האָבען געשיקט זייערע נוטירין (notarii) ד. ה. זיי האָבען געשיקט זייערע, נוטריקון שרייבער (סטענאָגראַפיסטען).

נוטריקון איז אַ מרה פון ל"ב מדות פון ר"א ב"ר יוסי הגלילי, מיט וועלכע די תורה ווערט ערקלעהרט, וז"ל: פון וואַנען שטאַמט, אַז מיר דרש'ענען נוטריקון אין אגדה? ווייל עס שטעהט אין די תורה אברהם, דרש'נען די חכמים אברהם איז צוויי ווערטער, אב-המון, כרמל איז אויך צוויי ווערטער רך-מל, אנכי איז נוטריקון: אנא, נפשי, כתבית, יהבית.

דער מדרש (תנחומא וארא סי' ט') זאָגט: פרעה'ס מכות זענען געווען אויסגעקריצט אויף משה'ס שטעקען מיט נוטריקון כתב, דצ"ך עד"ש באח"ב בעזונדערס איז נוטריקון בעקאַנט צו יעדען מענש, וואָס האָט אַמאָל געלערנט און עס איז דעריבער ניט נויטיג ווייטער צו ערקלעהרען דערוועגען.

# 28 אונזעהבארע טינט.

ר' חננאל (אין שבת פ' הבונה, פון ירושלמי) זאָגט: א"ר חייא אילין בני מדינתא ערומין סגין כדבעי כתבין לחבריה כתוב ליה במי מילין ומשדר לחבריה והוא שפיך עליה דיו שאין בו עפיץ וקליט מקום הכתב.

ר' חייא זאָגט: די מענשען פון דעם לאַנד זענען זעהר קלוג, ווען זיי ווילען שרייבען צו איינעם אַ סוד, שרייבען זיי מיט אַזאַ וואַסער, וואָס עס טריקענט אויס אָהן פאַרב. דער עמפפאַנגער גיסט אַרויף טינט אָן גאַליש און די אותיות שיינען דאַן אַרויס.

# 29 מאַגנעט.

דער מאַגנעט איז שוין דערמאָנט אין דער גמ׳ (ע״ז ד׳ מ״ד) ויקח את עטרת מלכים וכו׳ ומשקלה ככר זהב ותהי על ראש דוד, ומי מצי מנח לה? אמר ר׳ יוסי בר חנינא אבן שואבת היתה לה דהוי דארי לה.

דוד המלך האָט געטראָגען אַ קרוין אויפ׳ן קאָפּ, וועלכע האָט געוואויגען אַ צענטנער, איז דאָך די פראַגע, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך געווען פאַר דוד׳ן? זאָגט ר׳ יוסי, עס איז גע-ווען אַ מאַגנעט איבער דוד׳ס קאָפּ און דער מאַגנעט האָט געהאַלטען די קרוין אַזוי, אַז עס האָט אויסגעזעהן, ווי זי זיצט אויף זיין קאָפּ.

אין ג׳ (סנהדרין ד׳ ק״ז) דערצעהלען די חכמים, אַז די צוויי קעלבער וואָס ירבעם האָט געמאַכט אין דן און בית-אל האָבען געהאָנגען אין דער לופט, און דאָס איז געווען דורך דעם מאַגנעט.

אויך אין זוהר (פ׳ שמות ד׳ כ״א) ווערט דער מאַגנעט דערמאָנט ויבא אל הר האלקים חורבת כאבן דמקבלא פרזלא, כד חמי ליה מדלגא עילוי, משה איז געקומען צום באַרג חורב, פונקט ווי יענער מאַגנעט שטיין, וואָס ציהט צו זיך דאָס אייזען, און ווען דאָס אייזען איז שווערער ווי דער מאַג-נעט, אַזוי שפרינגט דער מאַגנעט אויף דעם אייזען.

# 30 בליצאַבלייטער.

אַ בליצאַבלייטער איז אַ לאַנגע אייזערנע שטאַנג, וואָס שטעהט נעבען אַ הויז פון דער ערד ביז אַ יאַרד איבערן דאַך און דאָס איז ספעציעל געמאַכט, כדי צו פערהיטען דאָס הויז פון אַ בליץ

דער ערשטער, וועלכער האָט דעם בליצאָבלייטער דער־פינדען איז געוועזען בנימין פרענקלין (1706) און דער בליצ־אָבלייטער איז שוין היינט אַ געוועהנליכע זאַך צו זעהען ביי יעדען הויז.

עס איז נעמליך געבויט אויף די אידעע, אַז דער בליץ איז בלויז די אויסלאָדונג פון עלעקטריציטעט און אַזוי ווי אייזען ציהט צו עלעקטריציטעט, דעריבער, ווען אַ שטיק אייזען שטעקט אַרויס פון אַ דאַך פון אַ בנין און ציהט זיך אַרונטער ביז צו די ערד און ווען אַ בליץ קומט נאָהנט צום בנין ציהט די אייזערנע שטאַנג צו זיך די עלעקטריציטעט פון דעם בליץ און פיהרט איהם אַרונטער אין דער ערד אַריין.

אָט דאָס איז אין קורצען די גרויסע ענטדעקונג פון בנימין פרענקלין, אַז דאָס הויז איז שטענדיג געשיצט פון אַ בליץ, ווייל דאָס אייזען ציהט דעם בליץ צוערשט צו.

ווען מיר געבען אָבער אַ קוק אין תוספתא (שבת פ"ז ה"י) זעהען מיר דאָרטען גאַנץ דייטליך דעם בליצאָבלייטער בזה"ל: הנותנת ברזא (גי' הגר"א. ברזל) בין האפרוחים הרי זה מדרכי האמורי, אם מפני הרעמים או מפני הברק הרי זה מותר, מפרש המנחת בכורים ומועיל בודאי, כי כן טבע הברזל שמושך אליו את הרעם.

אַז איינער לייגט אַוועק אַן אייזען צווישען עופות, הייסט דאָס, דרכי אמורי, אָבער ווען ער לייגט עס אַוועק כדי צו שיצען די עופות פון אַ בליץ איז עס מותר, ווייל די נאַטור פון אייזען איז, אַז עס ציהט צו זיך דעם בליץ און אַזוי אַרום ווערען די עופות געשיצט.

# 31. בריאת העולם CREATION

די וועלט, ווי עס איז אָנגענומען ביי די מענשהייט, איז בעשאפען געוואָרען אין די ששת ימי בראשית, ווי עס הייסט אין די תורה: כי ששת ימים עשה ד׳ את השמים ואת הארץ. און פון דאמאלס אָן האָט די וועלט זיך שטענדיג אין ענט־וויקלען, ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג.

און ווי די תורה לערנט אונז, איז דעמאלס ביי בריאת העולם געווען דער אָנפאַנג פון די וועלט, מיט אַלעם, וואָס זי ענטהאַלט אין איהר פעריאָדישע עקזיסטענץ, ווי מיר גלויבן.

פיל פאָרשער, דענקער, פילאָזאָפען און וויסענשאַפטסלייט לייקענען אָב די ערצעהלונג פון די תורה, אַז די ששת ימי בראשית איז געווען דער ערשטער אָנפאַנג פון בריאת העולם זיי ווילען בעווייזען דורך די ערד און זאַכען, וועלכע זענען ענטדעקט געוואָרען אין די טיפעניש פון די ערד, אַז די וועלט איז פיל עלטער ווי זעקס טויזענד יאָר, א השערה, וועלכע לויט דעם ערשטען בליק, שיינט צו שטעהן אין געגנזאַץ צו די תורה און דעריבער קאָנען מיר אייגענטליך ניט אנערקענען אַזאַ אָנזיכט, וועלכע שיינט, ווי עכטע כפירה, אפיקורסות און אָבלייקנונג פון די תורה חלילה.

עס וועט צו ווייט פיהרען ווען מיר זאָלען אויפצעהלען די אַלע פאָרשער, וועלכע האַלטען זיך ביי די בעהויפטונג. מיר ווילען זיך בעגניגען מיט אייניגע פ׳ן זיי.

ANAXIMANDER (610 פ. א. צ.) איז געווען דער ערשטער געאָלאָגיסט, וועלכער האָט אָנגעשריבען אַ פילאָזאָפישע אָבהאַנדלונג איבער געאָלאָגיע, וואָס איז אָבער פערלוירען געגאַנגען.

PYTHAGORAS (580 פ. א. צ.) און ARISTOTLE (384 פ. א. צ.) בעהויפטען, אַז עס איז אָנגעגאַנגען אַ כסדרדי־גער וועקסל: פון וואַסער איז געוואָרען לאַנד און פון לאַנד ווידער וואַסער.

כמעט דאָס זעלבע זאָגען אויך STRABO און XANTHUS (אָנפאַנג א. צ.) און נאָך פיל אַנדערע.

ביז צום 15־טען יאָרהונדערט איז די וויסענשאַפט אין איירָאפּא זעהר ווענִיג בעוואוסט געוועזען. ערשט אין 16־טען יאָרהונדערט האָט די GEOLOGY בעקומען אָנהעגגער.

BURNETT (1690) ערקלעהרט, ווי אַזוי די אומענדערונג פון לאַנד און וואַסער האָט פּאַסירט און בעשרייבט, ווי די ערד האָט אויסגעזעהן פאַר'ן מבול, וואָס האָט פאַרפלייצט די ערד דורך די שפּאַלטען, וועלכע די זון האָט פעראורזאַכט אין די ערד.

VALLISNERI (1721) האָט בעוויזען מיט אותות ומופתים אַז איטאַליען איז געוועזען אַמאָל איינגאַנצען פערפלייצט אַ לאַנגע צייט, נאָכהער איז דאָס וואַסער לאַנגזאַם אָבגעפּאַלען.

BUFFON (1749) האָט ענטוויקעלט די טעאָריע פון LEIBNITZ (1680) אַז די ערד איז אורשפּרינגליך געוועזען וואָלקאַניש און האָט אַרויסגעגעבען אַ מאַסע לאַווע, וועלכע האָט זיך, דורך די בעשטענדיגע בעוועגונג און אונטערן דרוק פון וואַסער, געפאָרמט שיכטען פון שטיינער.

GESNER (1758) זאָגט: ער האָט אויסגערעכנט, אַז עס מוז דויערן 80.000 יאָר צו פאָרמירען געבּירגע צו דערזעלבער פאָרם, ווי זיי זענען היינט.

די עוואָלוציאָנ'ס לערע פון דאַרווין „ORIGIN OF SPECIES" איז אָנגענומען געוואָרען כמעט ביי אַלע נאַטור־פאָרשער און דאַמיט פּרובּירען זיי צו בעווייזען פילאָזאָפיש, די פאָרמירונג און ענטוויקלונג פון לעבענסוועזענס דורך די איבער־בלייבּנישען פון אָבגעשטאָרבענע חיות, וואָס זענען ענטהאַלטען אין די ערד.

LYELL ,HUXLEY מיט דאַרווין אין דער שפּיץ האָ־בען דאַדורך פעסטגעשטעלט דאָס דיזעלבע אורזאַך, וועלכע איז גורם דאָס פאָרמירען פון לעבענס אין די יעצטיגע צייט, איז אויך דיזעלבע, וועלכע איז געוועזען מיט דורות צוריק און וועט אויך זיין פאַר שפּעטערדיגע דורות, ד, ה. אַז די עוואָלו־

ציאָן פון לעבענס, געבורט, און קעניגטום פון ערשטען (אור־שפרונג) פונקט, מוז האָבען אָבגעשטאַמט פון די לאַנגזאַמע פער־מעהרונג פון אונצעהליגע אומענדערונגען דורך אונבעשטימטע צייטען און אַמוועניגסטענס מוז עס האָבען געדויערט אַ 300 מיליאָן יאָר צו דעקען אַזוי אַ געאָלאָגישע אומענדערונגסצייט.

די לערע, אָבער, האָט בעקומען אַ טויטקלאַפּ פון LORD KELVIN וועלכער האָט, דורך פיזיקאַלישע גרינדע בעוויזען, דאָס נור בלויז אַ 100 מיליאָן יאָר צוריק איז די ערד, אויב זי האָט נור עקזיסטירט, געווען בלויז אַ מאַסע הייטער, צע־שמאָלצענער ליקוויד, וועלכער איז געווען לאינגשוועגליך געווען פאָר אַ לעבענסוועזען צו האָבען עקזיסטירט.

און אַזוי זענען די מיינונגען פון די געאָלאָגיסטען פער־שידען און געהען זיך פאַנאַנדער אין טייל פונקטען. אין איין פונקט אָבער, זענען אַלע פאָרשער פון די לעצטע 500 יאָר איינייג, נעמליך: אַז די ערד איז עלטער ווי אונזער רעכנונג נאָך די תורה.

ווען מיר בעקענען זיך אָבער מיט די מיינונגען פון אונ־זערע חכמים און פילאָזאָפען, זעהען מיר, דאָס אונזערע חכמים האָבען דאָס שוין פריהער געוואוסט און זעהר ענערגיש דע־באַטירט דעריבער, אָבער מיט אַ גאַנץ אַנדערן הינטערגרונד ווי די חכמי העמים.

אריסטו זאָגט, דאָס די וועלט האָט געהאַט אַן אורשפּרונג און איז דעריבער בעשאַפען געוואָרען פון עפּעס אַן „עפּעס" (יש מיש) דער רמב"ם (מו"נ ח"ב פ' ל') ווידערשפּרעכט די בע־הויפּטונג און זאָגט, אַז די וועלט איז גענצליך ניי און דער בעשאַף איז געוועזען פון אַ „גאָר ניט" (יש מאין).

דער אבן עזרא זאָגט, אַז עס איז ניט געוועזען יש מאין, ואף כי אלקים הוא בורא הכל וקדמון לכל נוצר, הארץ הזאת לא היתה חדשה בששת ימי בראשית כי כבר נחרבה פעמים רבות ע"י ד' וחזר ובנאה.

הגם הקב"ה איז דער שעפער פון וועלט־אַל און דער מייסטער פון אַלע באַשעפענישען, דאָך איז די ערד ניט ניי

געוועזען ביי בריאת שמים וארץ. נור די איז שוין געוועזען פריהער און גאָט האָט זי חרוב געמאַכט איינִיגע מאָל און ווי־דער בעשאַפען.

לכתחילה זעהט אויס, דאָס דער אבן עזרא שטימט איין מיט אריסטו, דאָס די וועלט האָט, חלילה, קיין אָנפאַנג געהאַט און וועמען דער רמב״ם לייקענט אָב. פערטיפען מיר זיך אָבער אין אבן עזרא׳ס מיינונג אַביסעל גענויער, דאַן זעהען מיר, דאָס דער אבן עזרא, אַריסטו און דער רמב״ם זענען אַלע פערשידען אין זייערע בעהויפטונגען.

אריסטו׳ס מיינונג איז ריכטיגע כפירה, ווייל ער בעהויפ־טעט, אַז די וועלט האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין אָנפאַנג, און איבערדעם איז דער רמב״ם גערעכט אין זיין ווידערשפרעכען איהם, ווייל די וועלט האָט געמוזט האָבען אַן אָנפאַנג, זאָל עס אפילו זיין געוועזען פאַר מיליאָנען יאָרן צוריק. ווערענד דער אבן עזרא רעדט גאָר ניט פון העכער ווי אונזער צייטרעכנונג, נור פון די ששת ימי בראשית, וואָס די תורה ערצעהלט אונז און דערויף ערקלעהרט ער, אַז די זעלבע ששת ימי בראשית זענען ניט געוועזען פון די ערשטע בריאה ביי גאָט, נור שוין איינִיגע מאָל, אָדער פיל מאָל בעשאַפען געוואָרען און חרוב געוואָרען און פון די פריעריגע חרוב געוואָרענע וועלט, אָדער וועלטען, ווען גאָט האָט אין די ששת ימי בראשית פון זעקס טויזענד יאָר צוריק בעשאַפען די יעצטיגע וועלט האָט ער זי שוין בעשאַפען יש מיש (ניט יש מאין ווי גאָר, גאָר די ער־שטע וועלט ביי די אורשפרינגליכע ערשטע בריאה.) און דער יש מיש איז געוועזען פון דעם איבערבלייבעכץ פון די חרוב געוואָרענע וועלט.

און אַזוי זאָגט טאַקי אויך ר׳ יהודה ב״ר סימון (מ״ר בראשית פ״ג ופט״ו) יהי ערב אין כתיב כאן אלא ויהי ערב, מכאן שהיה סדר זמנים קודם לכן. (בעולמות שברא לפני זה והחריבן. יפה תואר) עס שטעהט ניט אין דער תורה „עס זאָל זיין אָווענד״ נור „עס איז געוועזען אָווענד״ דאָס בעווייזט, אַז עס איז שוין אַמאָל, נאָך פאַר דער בעשאַפונג פון די וועלט,

געוועזען אַ גוט געאָרדענטע צייטאָרדנונג, וועלכע איז אונטער־געגאַנגען צוזאַמען מיט'ן חורבן פון די וועלט און ווידער איינ־געטיילט געוואָרען פון גאָט. נאַכט – טאָג, מיט'ן בעשאַפען פון די נייע וועלט, ד. ה. איידער די יעצטיגע וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, איז שוין אַמאָל געוועזען אַ וועלט, וועלכע האָט שוין אויך געהאַט די זעלבע אָרדנונג פון טאָג—נאַכט ווי די יעצטי־גע וועלט.

א"ר אבהו (שם) מלמד שהיה בונה עולמות ומחריבן, כלומר, כל העולמות שברא לפני זה גם הם יפים בעתם, דיין הניין לי, יתהון לא הניין לי (ולא היה זה דרך ניחום ושנוי רצון אלא דרך זכוך עד שיצא העולם כמו שהיה עתה כדי שיהיה לו קיום, ואח"ז כאשר נתחלפה העת החריבן ובנה עולם אשר היא יפה לפי עתו, דכתיב וירא אלקים את כל אשר עשה מכבר קודם זה. רז"ו).

ר' אבהו זאָגט, אז פון דעם ויהי ערב פערשטעהען מיר, אַז הקב"ה האָט פאַר די יעצטיגע בריאה, שוין געהאַט בעשאַ־פען וועלטען און שפעטער זיי חרוב געמאַכט ד. ה. אַלע פריער בעשאַפענע וועלטען זענען אויך געוועזען שעהנע און גוטע, אָבער נור פאַר די צייט פון זייער עקזיסטענץ.

שפעטער האָט גאָט זיי ווידער חרוב געמאַכט און בעשאַ־פען ווידער אַ נייע וועלט, ווייזענדיג דערמיט, דאָס די נייע וועלט איז בעסער צוגעפּאַסט צו די יעצטיגע צייט ווי די אַל־טע וועלט.

עס מוז אָבער פערשטאַנען זיין, אַז דאָס איז ניט געשע־העז דורך חרטה פון גאָט אויף זיין ווערק אָדער ווייל עס האָט גאָט ניט געפאַלען זיין אייגענע בריאה. ניין! נור עס איז געוועזען אַנ'אַרט אויספיינערונג, אויסבעסערונג און פאַר־שעהנערונג, כדי זי זאָל צופּאַסען צו די דאַמאַלסדיגע עקזיסטי־רענדע לעבענס און דאַדורך צו מאַכען די וועלט עקזיסטירען. שפעטער, ווען די צייט האָט זיך געענדערט, דאָס לעבען איז געוואָרען אַנדערש. און דער גאַנג פון דער וועלט האָט אַנגע־נומען אַנדערע פאָרמען, אַזוי אַז די וועלט איז ניט מעהר גע־

ווען צוגעפאַסט צו די צייט, האָט הקב"ה זי חרוב געמאַכט און בעשאַפען אַן אַנדערע בעסערע וועלט, וועלכע האָט זיך געפאַסט צו די דאַמאָלסדיגע צייט, דעריבער שטעהט וירא אלקים וכו' גאָט האָט געזעהן, וואָס ער האָט בעשאַפען, ד. ה. בעשאַפען שוין לאַנג צוריק. נאָך איידער די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען.

דיזעלבע אָנדייטונג פינדען מיר אויך אין די גמרא (סנהדרין צ"ז) ר' קטינא אומר שית אלפי שני הוי עלמא וחד חריב, אביי אמר תרי חריב, ר' קטינא זאָגט: די וועלט וועט עקזיסטירען זעקס טויזענד יאָר און טויזענד יאָר וועט זי זיין חריב, אביי זאָגט צוויי טויזענד יאָר וועט זי זיין חריב, ולכן אמחז"ל (שבת פ"ח) שהתורה קדמה לבריאת עולם אלפים שנה, דכתיב ואהיה שעשועים יום יום, ויומו של הקב"ה הוא אלף שנה. (כלומר, שהתורה נשארה מהעולם שנחרב קודם לעולם ההווי, ב' אלפים שנה, זמן חורבן העולם הקודם).

די חכמי התלמוד בעמערקען, אַז די תורה איז שוין גע-וועזען צוויי טויזענד יאָר פריער פאַר בריאת עולם. און אַזוי ווי די תורה איז שוין געוועזען צוויי טויזענד יאָר פריער, דורכ-דעם וואָס זי איז איבערגעבליבען פון די פאָריגע וועלט, דאַמיט איז אַ ראיה צו אביי, אַז די וועלט וועט זיין חרוב צוויי טוי-זענד יאָר.

דער רבנו בחיי (פ' בהר) זאָגט שהעולם יהיה נברא וחריב ז' פעמים, על דרך שאמרו חז"ל (סנהדרין צ"ח) אין הקב"ה מחדש עולמו אלא לאחר ז' אלפים שנה וכו' שהששת אלפים שנה שאנו קיימים בהם כעת, אינם ו' אלפים הראשונים אלא שכבר קודם ו' אלפים אלו היה ג"כ עולם בנוי וחריב, וז"ש ר' יהודה מכאן שהיה סדר זמנים קודם לכן.

די וועלט וועט בעשאַפען און חרוב ווערען זיבען מאָל, דאָס דריקט אויס דעם געדאַנק פון אונזערע חכמים, וואָס זאָגען דאָס נאָך זיבען טויזענד יאָר וועט הקב"ה בענייען די וועלט א. ז. וו. דען די זעקס טויזענד יאָר פון וועלט בעשאַפונג אין וועלכע מיר לעבען יעצט זענען ניט די ערשטע זעקס טויזענד, נור

פאַר די גענענווערטיגע זעקס טויזענד זענען שוין אויך געווע-
זען וועלטען, בעשאַפען און חרוב געוואָרען. דאָס איז דער
פשט, וואָס ר׳ יהודה זאָגט, אַז פון „ויהי ערב״ ענטנעהמען מיר
אַז עס זענען שוין אַמאָל געוועזען איינגעטיילט טאָג און נאַכט
נאָך איידער די איצטיגע וועלט איז בעשאַפען געוואָרען.

ר׳ יוסף אלבו (עקרים מאמר א׳ פ״ב) אומר, האומרים
שהיה סדר זמנים קודם לכן כאלו יאמרו שאין התורה מכרחת
להאמין שהזמן מחודש. וכן ר׳ אליעזר הגדול וכו׳ שמים מהיכן
נבראו וכו׳ ואף אם יובנו דבריו כפשוטן לומר שהעולם נברא
יש מיש, כלומר, מחומר ראשון קדום, אין תפיסה עליו בזה
לומר שהוא מאמין הקדמות חלילה.

ר׳ יוסף אלבו זאָגט, אַז די וואָס זאָגען, דאָס די יעצטי-
גע בריאה איז ניט נײ, נור אַז עס איז שוין געוועזען אַ סדר
פון צייטען פאַרהער, איז גלייך, ווי זיי וואָלטען געוואָלט בע-
ווייזען פון די תורה, אַז עס איז גאָר קיין חיוב ניט צו גלוי-
בען, אַז די וועלט איז אַבסאָלוט נײ. דאָס זעלבע איז אויך
וועגען אליעזר הגדול, וועלכער פרעגט: פון וואָס זענען בע-
שאַפען געוואָרען די הימלען? אויסדריקענדיג דאַמיט, אַז די
וועלט איז ניט אינגאַנצען נײ.

אפילו מיר וועלען אָננעמען זיין מיינונג גאַנץ פשוט צו
זאָגען, אַז די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פון עפעס ד. ה.
פון אַ מאַטעריאַל, וואָס האָט שוין פריער עקזיסטירט, קען מען
איהם דאָך ניט רעכענען צו יענע, וואָס גלויבען, אַז די וועלט
האָט קיין אָנפאַנג געהאַט, ווייל ר׳ אליעזר מיינט ניט דעם גאָר
ערשטען בראשית, וועלכער איז געוועזען אַ יש מאין, נור פון
געגענווערטיגען בראשית.

דער רמב״ם אָבער, איז געוואַלדיג געגען ר׳ יהודה׳ס און
ר׳ אליעזר׳ס מיינונג, ער שרייבט (מו״נ פ׳ ל׳ ח״ב) פאָלגענדעס:
כי זה אמונת הקדמות וכל בעל תורה יברח מזה. די מיינונ-
גען ווי ר׳ יהודה׳ס און ר׳ אליעזר׳ס זענען אין איינקלאַנג מיט
יענע וואָס גלויבען, אַז די וועלט האָט קיין אָנפאַנג, חלילה ניט
געהאַט, פון אַזאַ מיינונג מוז יעדער בעל תורה אַנטלויפען,

נאָך מעהר זאָגט ער (שם פכ"ו ח"ב) ראיתי לר' אליעזר הגדול דברים בפרקים המפורסמים הנודעים בפרקי דר"א, לא ראיתי מעולם דברים יותר זרים מהם בדברי אדם מן הנמשכים אחר תורת משרע"ה, „מאמר שמים מאי זה מקום נברא? מאור אבושו לקח ונטה כשלמה והיו נמתחין והולכין, שנאמר, עוטה לור כשלמה נוטה שמים כיריעה. והארץ מאי זה מקום נברא? משלג שתחת כסא הכבוד לקח וזרק, שנאמר, כי לשלג יאמר הוא ארץ". ואני תמה, זה החכם מאי האמין? אם האמין, כי הוא מן השקר שימצא דבר מלא דבר, וא"א מבלתי חומר יתהוה ממנו מה שיתהוה. לזה בקש לשמים וארץ מהיכן נבראו? ואי זה דבר הגיע מזה המענה? יתחייב שיאמר לו–ואור לבושו מהיכן נברא?

אין פרקי דר"א האָב איך געזעהן מיינונגען און גע-דאַנקען, וועלכע האָבען מיך ערשטוינט. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן, אַז מענשען, וואָס האַלטען זיך ביי תורת משה זאָלען אויסדריקען אַזעלכע ווילד-פרעמדע געדאַנקען, ווי ר' אליעזר. ער פרעגט, למשל: פון וואָס זענען די הימלען בעשאַ-פען? און ער ענטפערט: הקב"ה האָט אויסגעשפרייט די ליכט פון זיין אומהילע ווי אַ דעקע, און אויסגעצויגען דערפון הימ-לען. און פון וואָס איז די ערד בעשאַפען געוואָרען? פון דעם שניי אונטערן כסא הכבוד. אַזוי שטעהט אין איוב פון שניי האָסט דו בעשאַפען די ערד — אַזוי זאָגט ר' אליעזר. און מיך וואונדערט זעהר אויף דעם גרויסען חכם, וואָס איז דען געוועזען זיין אנזיכט וועגען די בריאה? צי האָט ער דען גע-מיינט, אַז עס איז אונמעגליך אַרויס צו קריגען „עפעס" פון „גאָר ניט" ד. ה. אַז אַ מאַטעריאַל קאָן ניט ענטשטעהן פון גאָר ניט, און דעריבער איז איהם געקומען אויפ'ן געדאַנק צו פרע-גען, פון וואָס הימעל און ערד זענען בעשאַפען געוואָרען? און וואָס פאַר אַ תירוץ האָט ער דערצו געפונען? פון ליכט און שניי. אויב אַזוי, קאָן מען דאָך איהם צוריק פרעגען: און פון וואָס איז דאָס ליכט און שניי בעשאַפען געוואָרען?

זעהען מיר דאָך, אַז דאָס איז אַ מעשה אָן אַ סוף, נור

ווי געזאָגט, עס איז געווען אַ יש מאין, אַן „עפּעס" פון אַ „גאָר ניט".

יאָ, דאָס איז אַלץ געזאָגט אויף די ערשטע ששת ימי בראשית, אָבער אויף די לעצטע ששת ימי בראשית זענען אַלע מודה, אַז די בריאה איז געווען יש מיש – פון די פריער חרוב געוואָרענע וועלטען.

אַזוי זאָגט אויך דער תפארת ישראל (בדרושו „אור החיים" לסדר נזיקין) מכל האמור נראה ברור שכל מה שמסרו לנו המקובלים זה כמה מאות בשנים, שכבר היה העולם פעם אחת ושוב נחרב וחזר ונתקימם זה ארבע פעמים, ושכל פעם העולם התגלה בשלמות יתירה יותר מבתחלה. — פון דעם אַלעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרען, זעהען מיר דייטליך, אַז אַלץ, וואָס די מקובלים האָבען אונז איבערגעגעבען אין משך פון הונדערטער יאָרן איז, דאָס די יעצטיגע וועלט איז ניט די ערשטע, נור, אַז עס איז שוין אַמאָל געווען אַ וועלט און נאָכהער חרוב געוואָרען און ווידער בעשאַפען געוואָרען 4 מאָל און אַז ביי יעדע נייע וועלט בעשאַפונג האָט זיך די וועלט אַרויסגעוויזען צו זיין פולקאָמענער, שעהנער און בעסער ווי די פריהעריגע.

ווי מיר זעהען פון די אָנגעפירטע חכמים, איז עס קיין שום סתירה, חלילה, צו די תורה און אַז ביי יעדע בריאה איז דאָ אַ בראשית. אָבער דעם רמב"ם'ס מיינונג בעציט זיך נור אויף דעם גאָר ערשטען בראשית, אויף וועלכען די גמ' אין חגיגה זאָגט: המבקש מה לאחור מה לפנים וכו' רתוי לו כאלו לא בא לעולם און דאָס האָבען אונזערע חכמים שוין געוואוסט מיט 2000 יאָר צוריק.

# 32. בי־דואר POST.

דאָס וואָרט „פּאָסט" שטאַמט פון לאַטייַנישען וואָרט POSITUM (איבערגעבען, אָנפערטרויען) ווייל אין די אַלטע צייטען פלעגען שטעהען טרעגער אויף די וועגען איבערצופירען קעניגליכע בעפעהלען, וועלכע האָבען געמוזט באַלד אויסגעפירט ווערען, איינער האָט איבערגעטראָגען דעם בעפעל — אין די פאָרם פון אַ היינטיגען בריעף — צום צווייטען טרעגער. די אַרט פּאָסט איז געוועזען בעקאַנט אין פערסיען און סיריען.

אין כינא האָט מען שוין אין 14־טען יאָרהונדערט גע־וואוסט פון אַזאַ סאָרט פּאָסט. פון דאַמאָלס אָן האָט זיך שוין די פּאָסט אַלץ מער ענטוויקעלט ביז זי האָט ערדייכט צו די שטופע אויף וועלכע זי שטעהט היינט, אַזוי דאָס מיר קענען זיך שוין אָהן אַ פּאָסט ניט בעגעהען.

די פּאָסט געפינען מיר שוין ביי די חכמי התלמוד און די שפּעטערדיגע חכמים. אין משלחין איגרות ביד נכרי וכו' דקביע בי־דואר במתא — כלומר, שלטון העיר ולו רגילין לשלוח אגרות. (רש"י). בי־דואר, איש ידוע שכל כתב אליו יובל והוא המשכיר ומשלח כל אגרת למי שנשתלחה לו (רבינו חננאל, הרי"ף, והרא"ש. שבת י"ט, ב"ק קי"ד, ע"ז כ"ו)

בי־דואר במתא, הייסט דער שטאָטישער פּאָסט־מייסטער צו וועמען אַלע בריף ווערען צוערשט צו געשיקט, און ער צושיקט יעדען בריעף נאָך די אַדרעס. משל להד"ד, לדואר שהיה מהלך ופרוזדוגמא בידו, ועבר בתוך הנהר ונפלו הכתבים לתוך המים. למשל אַ בריעף־טרעגער איז איבער אַ וואַסער געגאַנגען און די בריעף זענען אין וואַסער אַריין געפאַלען. (תנחומא פ' עקב).

# 33. חלוץ עצמות, אתליטין

## GYMNASTIC

אתליט שטאמט פון דעם גריכישען װאָרט ATHLETS און בעדייטעט אַלע ארט גימנאַסטישע איבונגען װי: אַ װעט־געפעכט — FIGHT פוטבאָל — FOOTBAL, פערד רענען — RACES, שווימען א. א. װ.

אַ װעטגעפעכט איז בײַ די גריכען אַזוי הויך געשעצט געװעזען, אַז די גרעסטע חכמים, קינסטלער און פילאָזאָפען פון די דאַמאָלסדיגע צייט, װי: PLATO, PYTHAGORAS CLEANTHES, CHRYSIPPUS א. ז. װ. האָבען אַנטיילגע־גענומען אין װעטגעפעכטען. דער זיגער איז אַזוי בעערט גע־װאָרען, דורך זיין נצחון, װעלכער האָט זיין שטאט פערשאַפט אַזאַ גרויסען כבוד, אַז מען האָט איהם אַהיים געפירט אין אַ קאַרעטע געשפּאַנט צו פיר פערד און אין די שטאָט אריין גע־פירט, ניט דורכ׳ן געװעהנליכען אַלגעמיינעם טויער, נור דורך אַן עקסטראַ איינגאַנג, װעלכער איז ספּעציעל, אין די שוצװאַנד פון די שטאָט, איינגעבראָכען געװאָרען, און מיט גרויס פּאַראַד דורך די שטאָט געפירט. ער האָט דאַן פון די שטאָט בעקו־מען אַ לעבענסלענגליכען געהאַלט און אפי׳ זיין לוי׳ איז אויס־געהאַלטען געװאָרען פון דער מלוכה.

די אַלע אַטלעטישע קונצען האָבען אונזערע חכמי התלמוד געװוי געקענט און אַליין אויך געאיבט, פאַר אַ טייל האָבען זיי אויך געשריבען דינים.

דער ערשטער אַטלעט איז געװעזען יעקב אבינו. ויגל את האבן מעל פי הבאר. ער אַליין האָט ארונטער געראָלט אַ שטיין װאָס דריי פּאַסטוכער האָבען קוים געקענט רירען (בראשית כ״ט י׳)

ויאבק איש עמו יכו׳ ויוכל לו, יעקב האָט געראַנגעלט מיט אַ מאַן און האָט אים בעזיגט. (בראשית ל״ב כ״ה)

נפתלי אילה שלחה. נפתלי האָט געקענט שנעל לויפען (בראשית נ׳ כ״א) שבטו של בנימין היה לו שבע מאות

איש שכל אחד מהם היה קולע אבן אל השערה ולא יחטיא.
אין שבט בנימין זענען געווען זיבען הונדערט מאַן, וועלכע האָבען געקענט צילען אַ שטיין אויף אַ האָר און ניט פעלען צו טרעפען (שופטים כ׳ ט״ז).

יקומו נא הנערים וישחקו לפנינו, ויקומו י״ב לבנימין וי״ב מעבדי דוד ויחזיקו איש בראש רעהו וכו׳ ויפלו יחדיו.

יואב, דוד׳ס גענעראַל, האָט בעפוילען: זאָלען די יונגען אונז אַביסעל אונטערהאַלטען און זיך ראַנגלען מיטאַנאַדער, זענען אויפגעשטאַנען צוועלף פון שבט בנימין און צוועלף פון דוד׳ס סאָלדאַטען און זיך געראַנגעלט. (ש״ב, ב׳, י״ד)

משל לשני אתליטין שהיו עומדין ומתגששים לפני המלך, פונקט ווי צוויי אטלעטען האָבען געפאָכטען אין קעניגס גע־גענוואַרט (ב״ר פכ״א י׳, ופע״ז ב׳) טפיטן של סוס טמא מושב מפני שעומדין עליו בקומפין, — כלומר, שדה ששוחקין בו המלכים — דער זאָטעל פון אַ פערד איז מקבל טומאה ווייל מען שטעלט זיך אַרויף אויף איהם אין פעלד ווי מלכים אַמוזירען זיך, ד. ה. דאָס פעלד ווי דאָס פערד געיעג (מרוץ הסוסים) קומט פאָר. (כלים פכ״ג ב׳)

ר׳ גמליאל נוטל שמנה אבוקות וכו׳ נועץ שני גודלין בארץ,נושק את הרצפה וזוקף. ר׳ גמליאל האָט אַן שמחת בית השואבה זיך אַזוי פיל משמח געווען, אַז ער האָט גענומען אַכט שטורקאַצען און געוויזען קונצען מיט זיי, ער האָט זיך געשטעלט אויף די דוימענפינגער און זיך איינגעבויגען ביז צו די ערד און זיך דאַן אויפגעשטעלט. (סוכה נ״ג)

טור שמעון נחרב מפני שהיו משחקין בכדור — כלומר, שלא עסקו בתורה (קרבן העדה). טור שמעון איז חרוב געוואָרען ווייל יודען האָבען זייער צייט פערבראַכט אין באַלשפיל און דאַדורך קיין תורה ניט געלערנט. (ירושלמי תענית פ״ד ה׳)

חייב אדם ללמוד את בנו וכו׳ אף לשחות בנהר. עס איז

דער חוב פון יעדען פאָטער צו לערנען זיין זוהן א מלאכה, ווי אויך שווימען. (קדושין כ"ט)

ר' יוחנן הוי קא סחי בירדנא חזייה ריש-לקיש ושוור לירדנא. אבתריה. ר' יוחנן האָט זיך געבאָדען אין ירדן, האָט איהם ריש לקיש געזעהען איז ער אויך אריין געשפרונגען אין וואַסער (ב"מ פ"ד).

## 34. דרך-ארץ ANSTAND, ETIQUETTE

די חכמי העמים, אין זייער היסטאָריע, שרייבען וועגען דרך-ארץ, אַז זיי ווייסען ניט קלאָר פון ווי עס שטאַמט די עטיקעט.

די עטיקעט האָט זיך צוערשט בעוויזען אין חויף פון LOUIS XIV, 1668 קעניג אין פראַנקרייך, און איז זעהר שטרענג אָבגעהיט געוואָרען. פון דאָרט האָט זי זיך פערשפרייט אין אייראָפּאַ און אזיע.

אַזוי ווייט, און ניט מער, ווייסט די היסטאָריע צו דער-צעלען וועגען עטיקעט.

ווען מען זאָל אָבער פרעגען אַ בן-תורה פון ווי עס שטאַמט דרך-ארץ וועט ער גלייך ענטפערען, אַז פון אונזערע חכמי התלמוד, וועלכע האָבען אונז אַ גאַנצען צעטעל פון ד"א פאַרגעשריבען און איז פערשפרייט אין גאַנץ ש"ס, און זאָגאר אַ בעזונדערע מסכתא וועגען ד"א געשריבען. עס איז אונמעג-ליך אַלע שטעלען פון ש"ס אָדער די גאַנצע מס' דרך-ארץ דאָ פאַרצופירען. מיר וועלען זיך בעגניגענען נור מיט איינינע שטעלען פאַר אַ בעווייז.

כל מי שאין התורה עובר על פיו אין בו דרך ארץ.

ווער קיין תורה לערנט, בעזיצט אויך ניט קיין דרך ארץ, קיין אנשטאנד (מס' כלה א') למוד לשונך לומר איני יודע שמא תתבדה ותאחז. כדי דו זאָלסט ניט געכאַפּט ווערען ביי אַ ליגען זאָלסט דו שטענדיג דיך בעדינען מיט'ן אויסדרוק „איך ווייס ניט" (ד"א זוטא פ"ג).

תן דעתך עד שיצא מפיך, בעדענק דאָס וואָרט בעפאָר עס ווערט אויסגעשפּראָכען. — „דאָס וואָרט איז איין האַר, ווען אויסגעשפּראָכען, אַ נאַר".

הוי דן את חברך לכף זכות, בעאורטייל יעדען צום גוטען. (ד"א פ"ג).

כשנכנס ר' יוחנן לבית היה מנענע, ר' יוחנן האָט גע-טראָגען אַ גלאָק מיט זיך, און ווען ער איז אַריין אין אַ הויז האָט ער צוערשט געקלונגען (ויקרא רבה כ"א)

לעולם אל יכנוס אדם פתאום לבית חברו. (ד"א רבה פ"ה) וא"ר יוחנן אפי' לביתו (נדה ט"ז). ר' יוחנן זאָגט, מען זאָל ניט אַריין געהען פּלוצלינג אין אַ הויז און אפי' אין זיין אייגען הויז אויך ניט.

הנכנס לבית אל יאמר תנו לי ואוכל עד שיאמרו לו הם, אכול, מזגו לו את הכוס שוהה ושותה, לא יאמר אדם לחברו טול שמן מפך ובאמת הפך הוא ריקן לא יסרב אדם בחברו לסעוד ויודע בו שאינו סועד, לא ירבה לו בתקרובת, ויודע בו שאינו מקבל, אל יאמר אדם למוכר בכמה חפץ זה והוא אינו רוצה ליקח.

אין אַ פרעמד הויז זאָל מען ניט זאָגען: גיב מיר צו עסען, נור וואַרטען, ביז מען בעט אים. ווען מען גיסט איין אַ כוס, זאָל ער ניט באַלד טרינקען, נור אַביסל וואַרטען.

הייס ניט דיין חבר נעמען אייל פון קרוג, ווען דו ווייסט אַז דער קרוג איז ליידיג.

בעט ניט דיין חבר מיט צו עסען, וויסענדיג, אַז ער וועט ניט עסען.

שיק ניט דיין פריינד צו אָפטע מתנות וויסענדיג, אַז ער וועט ניט נעמען.

ווען דו ווילסט ניט קויפען זאָלסט דו ניט פרעגען ווי פיל עס קאָסט. (ד"א רבה פ"ח, חולין צ"ד)

כל מה שיאמר לך בעה"ב עשה, טו וואָס דער בעל הבית הייסט דיך (פסחים פ"ו, ד"א רבה פ"ו).

אוכל בשוק דומה לכלב, געגליכען צו אַ הונד איז דער' וואָס עסט אין גאַס. (קדושין מ')

בא לשתות ברבים, הופך פניו לצד אחר וישתה. טרינקען אין אַ געזעלשאַפט, ווי קיינער טרינקט ניט, איז בעסער זיך אַוועק צו קערען. (ד"א זוטא פ"ו).

שלא יאמר אדם דבר לחברו אא"כ קוראו בשם. ווען מען וויל איינעם עפעס זאָגען, זאָל מען איהם צוערשט רופען ביים נאָמען. (יומא ד')

ד"א קדמה לתורה. דרך ארץ איז פריער פאר תורה. (תנ"דבא רבא רפ"א ויק"ר פ"ט).

יפה ת"ת עם ד"א. תורה געהט האַנד אין האַנד מיט דרך ארץ (אבות פ"ב מ"ב).

הלומד מחברו פרק אחד, או הלכה אחת, או פסוק אחד, או אפי' אות אחת, צריך לנהוג בו כבוד. פון דעם חבר, וואָס מען האָט געלערנט אַ פרק משניות, אָדער איין הלכה, אָדער איין פסוק, אָדער אפילו איין אות נור, איז מען מחויב איהם בכבוד צו האַלטען. (שם פ"ו מ"ג)

ר"א בן עזריה צוה לתלמידיו לפני מותו, צאו והזהרו כל אחד בכבוד חברו. פאר זיין טויט האָט ר' אליעזר בן עזריה

געוואָרנט זיינע תלמידים בכבוד צו האַלטען איינער דעם צוויי-
טען. (ד״א רבה פ״ג)

ת״ח שנמצא רבב על בגדו חייב מיתה. אַ תּלמיד חכם,
אויף וועמעס קלייד מען געפינט אַ פלעק איז מחויב מיתה.
(שבת קי״ד)

לא ישתה כוסו בבת אחת. טרינק ניט אַ גאַנץ כוס מיט
איין שלוק (שבת קכ״ט, ד״א רבה פ״ו)

לא ישתה מן הכוס ויתננה לחברו. גיב ניט צו אַנאַנ-
דערן צו טרינקען פון דיין כוס. (תמיד כ״ז, ד״א רבה פ״ט)

לא ירוק אדם בפני חברו. שפיי ניט אין דיין חבר׳ס
געגענוואַרט. (ד״א רבה פ״י)

הרחק מן הכיעור ומן חדומה לכיעור. דערווייטער דיך
פון אַ מאוסדיגע זאַך פון אַ מאוסדיגען מענשען און זייער
גלייכען. (חולין מ״ד)

מלה בסלע משתיקא בתרין. רעדען איז ווערט איין סלע,
שווייגען — צוויי. (מגילה י״ח) SPEECH IS SILVER;
SILENCE IS GOLDEN

בג׳ דברים אדם ניכר: בכיסו, בכוסו ובכעסו, ואמרי ליה
גם בשחקו וי״א גם בעטיפתו. דורך פאָלגענדע דריי זאַכען קאָן
מען דערקענען אַ מענש: דורך זיין געלד — אויב אַ בעל
צדקה אָדער אַ קמצן, אַ קאַרגער. — דורך טרינקען — אויב
ער איז ביים שכל אָדער אַ שכרן. — און דורך זיין כעס —
אויב ער איז אַ כעסן, אָדער קאָן זיך קאָנטראָלירען. אַנדערע
זאָגען, אַז אויך דורך זיין לאַכען — אויב חוצפה׳דיג אָדער
מענשליך. מאַנכע זאָגען, אַז אויך דורך זיין קליידונג —
אויב ריין אָדער שמוציג. (עירובין ס״ה, ד״א זוטא פ״ה).

חכם אינו מדבר בפני מי שגדול ממנו בחכמה ובמנין,
ואינו נכנס לתוך דברי חברו, ואינו נבהל להשיב, שואל בענין

ומשיב כהלכה, ואומר על ראשון ראשון, ועל אחרון אחרון, ועל מה שלא שמע, אומר לא שמעתי, ומודה על האמת.

די מדות פון אַ חכם זענען פאָלגענדע: ער האָט דרך ארץ און רעדט ניט פאַר אַ גרעסערן און עלטערן חכם. פאַלט ניט אַריין אין זיין חבר׳ס רייד. איילט זיך ניט תשובה צו געבען אָן בעדענקען, פרעגט צו די זאַך און ענטפערט ריכ-טיג, דאָס ערשטע צוערשט, דאָס לעצטע שפעטער; אויף אַ זאַך, וואָס ער האָט ניט געהערט, זאָגט ער, איך האָב דאָס ניט געהערט און איז שטענדיג מודה אויפ׳ן אמת. (אבות פ״ה מ״ז, ד״א זוטא פ״ב)

לא ישחק אדם בין הבוכים ולא יבכה בין השוחקים, לא ישב בין העומדים, ולא יעמוד בין היושבים וכו׳ כללו של דבר אל ישנה אדם ממנהג הבריות שהרי משה עלה למרום ולא אכל והמלאכים ירדו לארץ ואכלו.

אַ מענש זאָל ניט לאַכען צווישען וויינענדיגע, ניט ווײ-נען צווישען לאַכענדיגע, ניט שטעהן צווישען זיצענדיגע און ניט זיצען צווישען שטעהענדיגע א. ז. וו. דער כלל איז, אַז אַ מענש זאָל ניט טוהן אַנדערש, ווי אַנדערע מענשען. דען ווען משה איז אַרויף אין הימעל און געוועזען דאָרט פערציג טעג האָט ער אויך ניט געגעסען, און ווען די מלאכים זענען אַרונטער געקומען צו אברהם, האָבען זיי אויך ניט אַנדערש געטוהן ווי אברהם, און אויך געגעסען. (ב״מ. פ״ז ד״א רבה פ״ז)

# 35. מכונה MACHINE

א מאשין איז א צוזאמענשטעלונג פון פיל טיילען, וואס העלפען ברענגען די מאשין אין בעוועגונג, און דאס הייסט „מאשינעריע".

די היסטאריע פון די מאשין אין אלגעמיין איז זעהר קורץ און ווייסט כמעט גאר ניט צו ערצעלען, ווייל כמעט אלע מאדערנע מאשינען זענען ערשט אין לעצטען יארהונדערט ערפונדען געווארען, אדער אנדערע אפשר אביסעל פריהער, ווערענד די מאשינעריע (איינצעלנע שטיקער פון א מאשין, ווי: א ליווער, א ראד, א אקסעל דאמפף א. ז. וו.) זענען שוין עלטער, אבער אלץ ניט קיין טויזענד יאר.

אונזערע חכמי התלמוד, אבער, האבען שוין געוואוסט פון מאשינען און מאשינעריע און זיך אויך בעדינט מיט זיי און דאס נור פאר'ן רעליגיעזען געברויך, וו. צ. ב. בן קטין עשה מוכני לכיור, מאי מוכני? אמר רבה גלגלתא דהוו משקעא ליה. בן קטין האט געמאכט צום האנדפאס אין ביהמ"ק א מאשין וועלכע האט נעהאט א מעכאניזם, וואס האט זיך בעוועגט דורך א ראד, וועלכער האט דאס וואסער ארונטער גע-טריבען (יומא ל"ז).

און אפי' נאך פאר די חכמי התלמוד האט זיך שוין שלמה המלך בעדינט מיט מאשינעריע אויף זיין וואונדערפולען און וועלטבערימטען „כסא שלמה", שלמה'ס טראן, וואס די וועלט האט עס פריער נאך ניט געזעהען און וועט עס ניט זעהען, אויסער, אז עס וועט קומען א נייער שלמה המלך.

און אום צו האבען א בעגריף וועגען דאס גרויסע וואונ-דערפולע ווערק פון דעם גרעסטען חכם פון דער וועלט. וועלען מיר דא איבערגעבען אין אריגינאל און אין א יודישע איבער-זעצונג דעם תרגום שני פון מגילת אסתר, וועלכער בעשרייבט דעם כסא שלמה זעהר גענוי.

ודין הוא עובדא דכורסיא קיימין עלוי תרין עסר אריון די דהבא ולקבליהון תרין עסר נשריא דדהבא אריה לקבל נשרא ונשרא לקבל אריא מכונין אלין לקבל אלין ידא דאריא דדהבא דימיניה לקבל גפי נשרא דדהבא דשמאליה וגפי נשרא די דהבא דשמאליה לקביל ידא אריא דדהבא דימינא וסכום אריון שבעין ותרין ונשרן שבעין ותרין

וריש סגלגל הוה לכורסיא מלעיל יותר בירת מותביה דמלכא ולה שתא דרגין דהבין.

וכן על דרגא קדמיתא רביע תורא דדהבא ולקיבליה רביע אריא דדהבא ועל דרגא תנינא רביע דיבא די דהבא ולקיבליה רביע אימרא דדהבא, ועל דרגא תליתאי רביע נמרא די דהבא ולקיבליה אינקא דדהבא ועל דרגא רביעא רביע נשרא די דהבא ולקיבליה רביע טווסא די דהבא. ועל דרגא חמישתא רביע שונרא די דהבא ולקיבליה רביע תרנגולא דדהבא, ועל דרגא שתיתאה רביע בר נצא דדהבא ולקיבליה יונא דדהבא.

ועל ריש כורסיא קיימא יונה דדהבא

דער טראָהן איז געווען ווי פאָלגענד:

אויף איין זייט זענען געשטאַנען צוועלף גאָלדע־נע לייבען און אויף די צווייטע זייט געגענאיבער זענען געווען צוועלף גאָלדענע אָדלערס, אַ לייב געגען אַן אָדלער און אַן אָדלער געגען אַ לייב, דעם לייב׳ס רעכטע האַנד געגענאיבער דעם אָדלער׳ס לינקען פליגעל און אַזוי פער־קעהרט אַלע לייבען זענען געווען 72 און אויך אָדלערס 72.

די הינטערוואַנד פון טראָהן ביים מלך׳ס קאָפף איז געווען האַלב רונדיג און געהאַט זעקס גאָלדענע טרעפּן.

אויף די ערשטע טרעפּ האָט געהאָווערט אַ גאָלדענער אָקס און געגענאיבער אַ גאָלדענער לייב. אויף די צווייטע טרעפּ אַ גאָלדענער וואָלף און געגענאיבער אַ גאָלדענער שעפּס. אויף די דריטע טרעפּ אַ גאָלדענער לעמפּערט און געגענאיבער אַ גאָלדענער קעמעל. אויף די פירטע טרעפּ אַ גאָלדענער אָדלער און געגענ־איבער אַ גאָלדענע פּאַווע. אויף די פינפטע טרעפּ אַ גאָלדענע קאַץ, געגענאיבער אַ גאָלדע־נער האָהן. אויף די זעקסטע טרעפּ אַ גאָלדע־נער שפּאַרבער געגענאיבער אַ גאָלדענע טויב.

אין דער הויך אויפ׳ן טראָהן איז געשטאַ־נען אַ גאָלדענע טויב האַלטענדיג מיט די פיס

אחידא בר נצא בידיה, ועל מריש כורסיא קיימא מנרתא דדהבא מתקנא בתקונהא ובבוצינהא, ובחזירהא, ובצביתהא, ובמחתיתהא וכלידהא, ובשושנהא, וקיימין לקביל סטרא דמנרתא שבעה קנין דמנרתא די דהבא דציירין עלה שבעת אבהת עלמא אלין שמהתהון, אדם קדמאה, ונח, ושם רבא, ואברהם, יצחק, ויעקב, ואיוב ביניהם.

ולקביל סטרא תנינא דמנרתא קיימין קנין אוחרנין דציירין עליהון שבעה חסידי עלמא, ואלין שמהתהון, לוי, קהת, עמרם, משה, ואהרן, ואלדד ומידד, וחור (וחגי) בייא ביניהון.

ועל רישי מנרתא קביע כדנא די דהבא דמליא משחא דזיתא דכיא דמינה מדלקא דלקא לבירת מקדשא ותחות מינה קביעא אגנתא רבתא דדהבא דמליא משחא דזיתא דכיא דמקריבין מניה משחא לבוצינא דמנרתא וצייר עלה עלוי כהנא רבא.

ותרתין שבלין די דהבא נפקין תרין צנתרין דדהבא דציירין עליהון תרין בנוי דאהרן, נדב ואביהוא, ותרין מותבנין דדהבא חד לכהנא רבא וחד לסגנן כהניה ועיל מז

אַ גאָלדענעם שפּערבער. נאָך העכער אַרויף, אַ גאָלדענע מנורה מיט אַלע איינריכטונגען: ליכט קנעפּ, צוואַנגען, אַש-פּאַנען, בעכערס און בלומען. פון איין זייט זענען געווען זיבען רעהרען, מיט די אויפשריפטען: אדם, נח, שם, אברהם, יצחק ויעקב און איוב אין מיטען.

פון די אַנדערע זייט אויך זיבען רעהרען מיט די אויפשריפטען: לוי, קהת, עמרם, משה, אהרן, אלדד ומידד און חור (חגי) הנביא אין מיטען.

אויפ'ן שפּיץ פון די מנורה איז געווען אַ גאָלדענער קרוג מיט שמן-זית פאַר די מנורה. אונטען איז געווען אַ גאָלדענער בעקען מיט שמן-זית פאַר מקריב צו זיין. און אויפ'ן בע-קען איז געווען אויסגעמאָהלט די צורה פון עלי כהן גדול.

צווישען צוויי גאָלדענע זאַנגען זענען גע-ווען צוויי רעהרען אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעמאָהלט נדב ואביהוא. דאָרטען זענען געווען צוויי שטוהלען, איינער פאַר'ן כהן גדול און איינער פאַר'ן סגן הכהנים. הע-

רישי כורסיא קביעין שבען כורסון דדהבא די עליהון יתבין שבעין נהדרין.

ותרתין בנרת ימא יתבין מן תרתין אודני דמלכא שלמה דלא יודעוע.

ועל מרישי כורסייא קביעין בי' עסרין וארבעה גפנין דדהבא דעבדין טללא למלכא שלמה.

וכדבעי מלכא שלמה למיזל לכל אתר די הוא צבי כורסיא במוכנוי אזל רתחותוי.

ומשים ית רגליה על דרגא קדמיתא תורא דדהבא פשיט יתיה על דרגא תנינא ומן תנינא לתליתאה, ומתליתאה לרביעתא ומרביעתא לחמישתא, ומחמישתא לשתיתיתא, ומשתיתיתא עד דנחתין נשרין וחטפין ירת מלכא שלמה, מסקין ומותבין יתיה על ריש כורסיא. וכד הוה סליק מלכא שלמה ויתיב על כורסיא דמלכותא הוה חזר נשרא רבא ונסיב כרתרא דמלכותא ויהיב ברישיה ומן בתר כן הוה תנינא רבא מפקע במנגנון והון אריון ונשרין סלקין במנגנון ומטלין על רישיה דמלכא שלמה ויונה דדהבה הוה

כער אַרויף זענען געוועזען זיבציג גאָלדענע שטוהלען פאַר די זיבציג סנהדרין.

ביי יעדע זייט פון מלך׳ס אויער איז גע־וועזען אַ גאָלדענער פיש צו האַלטען דעם מלך׳ס קאָפּף גראָד.

העכער אַרויף זענען געוועזען פיראונצוואַנ־ציג גאָלדענע ווייִנשטעק צו בעשאָטענען דעם קעניג׳ס קאָפּף.

דער טראָהן איז דורך אַ ספּעציעלען מע־כאַניזם מיטגעגאַנגען איבעראַל ווי שלמה המלך איז געגאַנגען.

ווען ער האָט אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויף די ערשטע טרעפּ האָט דער גאָלדענער אָקס איהם אַרויפגעפיהרט אויף די צווייטע טרעפּ, פון די צווייטע אויף די דריטע ביז צו די זעקסטע. דאַמאָלס זענען די אָדלערס געפלויגען צו שלמה המלך, גענומען און אַרויפגעפיהרט און איהם געזעצט אויפ׳ן טראָהן. דאַן איז דער גרויסער אָדלער צוגעפלויגען און גענומען די קרוין און זי געזעצט אויפ׳ן קעניגס קאָפּף. אַזוי באַלד האָט זיך דער גאַנצער מעכאַניזם בעוועגט און די לייבען מיט די אָדלערס האָבען זיך געדרייט ביז זיי האָבען זיך אַרויפגעדרייט נאָהנט צו שלמה און געבילדעט אַ שאָטען פאַר׳ן קעניגס קאָפּף. דאַן איז אַ גאָלדענע טויב אַרונטערגע־

נחרתא מן עמודא, פתחרת ארונא ונסבא ספרא דאורייתא ויהבא ליה בידוי דמלכא שלמה.

וכד אתא כהנא רבא למשאל שלמא דמלכא, וכל סביא הוו יתבין מן ימינא דכורסיה ומן שמאליה ודיינין דינא דעמא. וכד הוו עיילין סהדיא די סהדון שקרא קדם מלכא הוו מנגנון פקעין, גלגליא חזרין, תורין געיין, אריותן נהמין, דובין חטפין, אמרין פעיין, נמרין בעיין, אנקין בכין, שינרין טייסין, טווסין מיללין, תרנגלין מקרקרין, בני נצן מחטפין, צפורין מיללין למחטויף לבהון דסהדיא דלא יסהדון סהדותא דשקרא, והון סהדיא אמרין בלבהון נסהיד סהדותא דקושטא, ואי לא, בגינן עלמא מתעקר.

והון אריותן זחלין כל בוסמנן במסקיה דמלכא שלמה למיתב על כורסיה דמלכותא והיך כורסא דמלכא שלמה לא היה לכל מלכיא.

נבוכדנצר רשיעא מלכא דבבל אחריב ית ארעא דישראל וכו׳ אגלי עמהון ית כורסיא דמלכא שלמה, וכד בעי מלכא נבוכדנצר רשיעא דיסק ויתיב עלוי, לא הוה

פלויגען, געעפענט דעם ארון הקדש, ארויסגענו־
מען די ספר תורה און געגעבען אין שלמה׳ס
האנד.

דער כהן גדול פלעגט קומען צו בעגריסען
דעם קעניג און די זקנים פלעגען זיצען צו די
רעכטע און לינקע זייט פון קעניג צו משפט׳ן
דאס פאלק. ווען עדות האבען פרובירט זאגען
פאלשע עדות, האט זיך דער גאנצער מעכאניזם
באלד אנגעפאנגען צו בעוועגען, די אקסען צו
מרוטשען, די לייבען צו שרייען, די וועלף צו
רייסען, די שעפסען צו מעקען, די לעמפערטען
צו ברילען, די קעמלען צו וויינען, די קעץ צו
מיאקען, די פאוועס צו פישטשען, די העהנער
צו קרעהען, די שפערבער צו פלאטערען און
אלע פייגעל האבען געפילדערט כדי איבערצו־
שרעקען די עדים ניט צו זאגען פאלשע עדות,
ווען די עדים האבען געהערט אזא מהומה איז
א שרעק געפאלען אויף זיי און האבען זיך גע־
טראכט לאמיר ליבער זאגען דעם אמת, אויב
ניט וועלען מיר דא האבען א שנעלען סוף.

ווען שלמה איז געגאנגען זיך זעצען אויפ׳ן
טראהן, וועלכער האט זיין גלייכען ניט געהאט
אין דער וועלט, האבען די לייבען אונטערגע־
שפרייט אלערליי געווירצען.

ווען נבוכדנצר הרשע האט חרוב געמאכט
ארץ ישראל א. ז. וו. האט ער צווישען אנדערע
זאכען אויך שלמה המלך׳ס טראהן מיטגענומען
און ווען ער האט זיך געוואלט זעצען אויף

ידע די במנגנון הוו סלקין לידה, אפריס ית ריגלידה על דרגא קדמאה ואריא די דהבא פשיט ית איטמיה דימינא ומחא יתיה על איטמידה דשמאליה והוה מחגיר מיניה עד יום מותיה.

ומבתר נבוכדנצר אתא אלכסנדרוס מוקדון ושבא ית כורסידה דשלמה מלכא ואוביל יתיה למצרים.

וכד חזא שישק מלכא דמצרים ית שבחיה דכורסיה הוה מתחמיד דיסק ויתיב עלוהי, ולא הוה ידע די במנגנון סלקין ליה, אפריס ית ריגליה על דרגא קדמאה, ואריא די דהבא פשיט איטמיה דימינא ומחא יתיה על איטמיה דשמאלא, והוה מתקרי פרעה חגירא עד יום מותיה.

וכד אתא אניפוניס בר אנטיוכוס מלכא וסליק על ארעא דמצרים ואחריב יתיה ושבא ית כורסיה דמלכא שלמה. ואייתי יתיה בספינן ואישתמטת כרעידה דכורסידה בשושילתא דדהבא, ואייתי כל אומני דעלמא וכל קניגייא למתקנא ית כרעיה דכורסיה, ולא יכולו עד יומא הדין.

איהם און ניט ווּיסענדיג, אַז אום דעם טראָהן צו בּעשטייגען, מוז מען צוערשט פערשטעהן דעם מעכאַניזם, דעריבּער, ווען ער האָט נור אַרויפגעשטעלט זיין פוס אויף די ערשטע טרעפּ האָט איהם דער לייבּ געגעבּען אַזאַ שטאַרקען קלאַפּ אויף זיין לינקע זייט, דאָס ער איז הינ־קעדיג געוואָרען אויפ׳ן גאַנצען לעבּען.

דאַן האָט אלקסנדר מוקדון געפאַנגען דעם טראָהן און געבּראַכט איהם קיין מצרים.

האָט איהם געזעהן שישק מלך מצרים און האָט אויך געוואָלט זיצען אויף איהם, האָט ער אויך געהאַט דעמזעלבּען סוף ווי דער רשע נבוכדנצר. דעריבּער האָט מען איהם גערופען „פרעה נכה" (דער לאָהמער פּרעה).

נאָכהער, ווען אניפוניס האָט מלחמה גע־האַלטען מיט מצרים און זי חרוב געמאַכט, האָט ער אויך געפאַנגען דעם טראָהן און איהם אַוועק געפיהרט מיט אַ שיף. דאָדורך איז אַ פוס פון טראָהן אַרויסגעפאַלען, האָט ער געבּראַכט מע־כאַניקערס, זילבּערשמידען און גאָלדשמידען און אַלערליי האַנדווערקער פון אַלע לענדער, אָבּער קיינער פון זיי האָט ניט געקאָנט צורעכט מאַכען דעם טראָהן און אַזוי איז ער געבּליבּען בּיז אויפ׳ן היינטיגען טאָג.

אַט זענען די מקורות פון כּמעט אַלע מאָדערנע ערפינ־דונגען פון די חכמי העמים, וועלכע אונזערע חכמים, ווי מיר האָבען בעוויזען אין דעם בוך, האָבען שוין לאַנג געוואוסט, אַזוי זאָגט אויך ר׳ יהודה אריה מוסקאַטי (מחבר פון קול יהודה על הכוזרי) בספרו נפוצות יהודה, דרוש ה׳ כל חכמות הגויים משלנו הם, ולנו המים, לחמנו הם.

אויך הרב יש״ר מקנדיא (שבילי אמונה זייט 163) שרייבט דאָסזעלבע „מצאתי כתוב כי אריסטו היוני אשר כל חכמי המחקר נגררים אחריו ושואבים מספריו שהיה רבו של אלכסנדרוס מוקדון שמלך על כל העולם, וכאשר כבש אלכסנדרוס את ירושלים השליט לאריסטו רבו על אוצר שלמה המלך ע״ה ואז חקר ודרש על ספרי שלמה ולקחם והעתיקם על שמו והוסיף הוא טעיות משלו ואז גנז הספרים של שלמה כדי להטעות את העולם שאריסטו עצמו חיברם משיקול דעתו״.

בראותי אני המחבר את הדברים האלה שמצאתי עלץ לבי בד׳ ואומרה אכן נודע הדבר, כי יסודי החכמות אשר ביד אדום וישמעאל, הן הנה היו לבני ישראל. והדברים האמתיים ההם כי לחמנו הם.

אריסטו, דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף, וועלכען אַלע שפּעטערדיגע פילאָזאָפען ביז היינט פערגעטערן, איז געוועזען דער לעהרער פון אַלעקסאַנדער מוקדון, דער גרויסער קעניג, וועלכער האָט געפיהרט מלחמה מיט ארץ ישראל. ווען ער האָט בעזיגט ירושלים, האָט ער דאָרט געפונען שלמה המלך׳ס אוצרות מיט זיינע ספרים, וועלכע ער האָט איבערגעגעבען צו זיין רבי אריסטו. ווען אַריסטו האָט דורכשטודירט שלמה׳ס ספרים און געזעהן, וואָס זיי ענטהאַלטען, האָט ער זיי איבער־זעצט אויף גריכיש אונטער זיין אייגענעם נאָמען מיט פיל זיינע בעמערקונגען, וואָס האָבען לויידער ניט געשטימט מיט שלמה המלך׳ס מיינונגען. נאָכדעם האָט ער דעם אָריגינאַל פון שלמה׳ס ספרים בעהאַלטען און נור פערשפּרייט אריסטוס איבערזעצונג. אַזוי אַרום טראָגען די ספרים דעם נאָמען פון אריסטו.

ווען איך האָב די פּאַסירונג געלעזען בין איך שטאַרק

געוואָרען און געזאָגט „יעצט פערשטעה איך שוין פון וואַנען אדום און ישמעאל האָבען גענומען די יסודות פון די חכמות. זיי שטאַמען פון די בני ישראל.

דאָס אַלץ בעווייזט איבערגענוג, אַז אַלע גרויסע חכמים און פילאָזאָפען פון די חכמי האומות און אפי' מאחינו בני ישראל, וועלכע האָבען די תורה פערלאָזען, האָבען קיין אָרגינעלע זאַכען ניט געשאַפען. דער גרונדגעדאַנק איז שטענדיק געוועזען פון אונזערע חכמים און דעריבער יענע זאַכען, וועלכע אונזערע חכמים האָבען גאָרניט בעריהרט, אָדער אפילו יאָ, אָבער ניט גרינדליך בעהאַנדלט נור פאַרבייגעהענדיג דערמאָנט און זיי איבערגעלאָזען פאַר די חכמי האומות, זענען יענע זאַכען קיינמאָל נישט ריכטיג ערקלעהרט געוואָרען, אַזוי, אַז איינער האָט סותר געוועזען דעם צווייטען און דער צווייטער האָט פערניכטעט, וואָס דער ערשטער האָט אויפגעבויט.

יעדער אַזוי גערופענער פילאָזאָף האָט אויפגעשטעלט אַ היפּאָטעזע ביז אַנאַנדערער האָט זי צוזאַמענגעוואָרפען. די ענדע דערפון איז געוועזען, אַז די פילאָזאָפען האָבען מיט זייער פילאָזאָפיע גאָר ניט אויפגעטהון, ווי דער גרויסער און בעריהמטער פילאָזאָף קאַנט אין זיין בוך „קריטיק דער ריינען פערנונפט” שרייבט: „מערקווירדיג איזט נאָך אן איהר, דאָס זי אויך ביז יעטצט קיינען שריטט פאָרווערטס האט טוהן קעננען אונד אַלזא אַללעם אנשיין נאָך געשלאָסען אונד פאָללענדעט צו זיין שיינט”

ער געהט נאָך ווייטער און בעהויפטעט, דאָס די פילאָזאָפיע שטעהט ניט אויף קיין פעסטען באָדען. זי קאָן בעוויזען ווערען אין די נעגאַטיווע אַזוי גוט ווי אין די אפּפירמאַטיווע זייט. ער שרייבט ווייטער:

„די טראַנסצענדענטאַלע פערנונפט אַלזאָ פערשטאַטעט קיינען אַנדערען פראָביערשטיין, אַלס דען פערזוך דער פעראייניגונג איהרער בעהויפּטונגען אונטער זיך זעלבסט אונד מיטהין צופאָר דעס פרייען אונד אונגעהינדערטען וועטטשטרייטס דערזועלבען אונטעראיינאַנדער, אונד דיעזען וואָללען וויר אַניעטצט אַנשטעללען”.

# ערשטער ווידערשטרייט דער

## טהעסיס

דיע וועלט האט איינען אנפאנג אין דער צייט אונד איזט דעם רוים נאך אויך אין גרענצען איינגעשלאָסען.

### בעווייז

דען מאן נעהמע אן, דיע וועלט האבע דער צייט נאך קיינען אנפאנג: זאָ איזט ביז צו יעדעם געגעבענען צייטפונקטע איינע עוויגקייט אבגעלאָפען אונד מיטהין איינע אונענדליכע רייהע אויפאיינאנדער פאָלגענדער צושטענדע דער דינגע אין דער וועלט פערפלאָסען. נון בעשטעהט אבער עבען דארין דיע אונענדליכקייט איינער רייהע, דאס זיע דורך סוקסעסיווע סינטהעסיס ניעמאלס פאָללענדעט זיין קאנן. אלזאָ איזט איינע אונענדליכע פערפלאָסענע וועלטרייהע אונמעגליך, מיטהין איין אנפאנג דער וועלט איינע נאָטווענדיגע בעדינגונג איהרעס דאזיינס וועלכעס צוערשט צו בעווייזען וואר.

אין אנזעהונג דעס צווייטען נעהמע מאן וויעדער אום דאס געגענטייל אן: זאָ ווירד די וועלט איין אונענדליכעס געגעבענעס גאנצעס פון צוגלייך עקזיסטירענדען דינגען זיין.

נון קעננען וויר די גרעסע איינעס קוואנטי וועלכעס ניכט אינערהאלב געוויסער גרענצען יעדער אנשויאונג געגעבען ווירד, אויף קיינע אנדערע ארט אלס נור דורך דיע סינטהעסיס דער טיילע אונד דיע טאָטאליטעט איינעס זאָלכען קוואנטי נור דורך דיע פאָללענדעטע סינטהעסיס אָדער דורך וויעדערהאָלטע הינצוזעטצונג דער איינהייט צו זיך זעלבסט געדענקען.

דעמנאך, אום זיך דיע וועלט, דיע אללע ריימע ערפיללט, אלס איין גאנצעס צו דענקען, מיסטע דיע סוקסעסיווע סינטהעסיס דער טיילע איינער אונענדליכען וועלט אלס פאָללענדעט אנגעזעהען, ד. א. איינע אונענדליכע צייט מיסטע אין דער דורכצעהלונג אללער

# טראַנסצענדענטאַלען אידעען

## אַנטיטהעסיס

די וועלט האַט קיינען אַנפאַנג אונד קיינע גרענצען אים רוימע, זאָנדערן איזט זאָוואָהל אין אַנזעהונג דערצייט אַלס דעס רוימס אונענדליך.

## בעווייז

דען מאַן זעטצע: זיע האַבע איינען אַנפאַנג דאַ דער אַנפאַנג איין דאַזיין איזט וואָפאָר איינע צייט פאָרהערגעהט, דאַרין דאַס דינג ניכט איזט, זאָ מוס איינע צייט פאָרהערגעגאַנגען זיין, דאַרין דיע וועלט ניכט וואַר ד. א. איינע לעערע צייט.

נון איזט אַבער אין איינער לעערען צייט קיין ענטשטעהען אירגענד איינעס דינגעס מעגליך: וויל קיין טייל איינער זאָלכען צייט פאַר איינעם אַנדערען אירגענד איינע אונטערשיידענדע בעדינגונג דעס דאַזיינס פאַר דיע דעס ניכטזיינס אַן זיך האַט (מאַן מאַג אַננעהמען, דאַס זיע פאָן זיך זעלבסט אָדער דורך איינע אַנדערע אורזאַכע ענטשטעהע).

אַלזאָ קאַנן צוואַר אין דער וועלט מאַנכע רייהע דער דינגע אַנפאַנגען, דיע וועלט זעלבער אַבער קאַנן קיינען אַנפאַנג האַבען אונד איצט אַלזאָ אין אַנזעהונג דער פערגאַנגענער צייט אונענדליך.

וואַס דאַס צווייטע בעטריפפט, זאָ נעהמע מאַן צו פערדערשט דאַס געגענטייל אַן, דאַס נעמליך דיע וועלט דעם רוימע נאַך ענדליך און בעגרענצט איזט: זאָ בעפינדעט זיע זיך אין איינעם לעערען רוימע דער ניכט בעגרענצט איזט. עס ווירדע אַלזאָ ניכט אַלליין איין פערהעלטניס דער דינגע אים רוים, זאָנדערן אויך דער דינגע צום רוימע אַנגעטראָפען ווערדען.

דאַ נון דיע וועלט איין אַבסאָלוטעס גאַנצעס איזט, אויסער וועלכעם קיין געגענשטאַנד דער אַנשויאונג אונד מיטהין קיין קאָררעלאַטום דער וועלט אַנגע-

קאָעקזיסטיערענדען דינגע אַלס אבגעלאָפּען אַנגעזעהען ווערדען; וועלכעס אונמעגליך איזט. דעמנאָך קאָנן איין אונענדליכעס אגגרעגאַט ווירקליכער דינגע ניכט אַלס איין געגעבענעס גאַנצעס, מיטהין אויך ניכט אַלס צוגלייך געגעבען אַנגעזעהען ווערדען. איינע וועלט איזט פאָלגליך דער אויסדעהנונג אים רוימע נאָך ניכט אונענדליך, זאָנדערן אין איהרען גרענצען איינגעשלאָ־סען: וועלכעס דאָס צווייטע וואַר.

## צווייטער ווידערשטרייט דער טהעסיס

איינע יעדע צוזאַממענגעזעטצטע סובסטאַנץ אין דער וועלט בעשטעהט אויס איינפאַכען טיילען אונד עס עק־זיסטיערט איבעראַלל ניכט אַלס דאָס איינפאַכע, אָדער דאָס, וואָס אויס דיעזעם צוזאַממענגעזעטצט איזט.

### בעוויז

דענן נעהמעט אַן, דיע צוזאַממענגעזעטצטען סוב־סטאַנצען בעשטעהען ניכט אויס איינפאַכען טיילען: זאָ ווירדע, וועננ אַללע צוזאַממענזעטצונג אין געדאַנקען אויפגעהאָבען ווירדע, קיין צוזאַממענגעזעטצטער טייל אונד (דאָ עס קיינע איינפאַכען טיילע גיבט) אויך קיין איינפאַכער, מיטהין גאַר ניכטס איבריג בלייבען, פאָל־גליך קיינע סובסטאַנץ זיין געגעבען וואָרדען.

ענטוועדער אַלזאָ לעסט זיך אונמעגליך אַללע צוזאַממענזעטצונג אין געדאַנקען אויפהעבען, אָדער עס מוס נאָך דערען אויפהעבונג עטוואָס אהנע אַללע צו־זאַממענזעטצונג בעשטעהענדעס, ד. א. דאָס איינפאַכע איבריג בלייבען.

טראָפפען ווירד, וואָמיט דיעזעלבע אים פערהעלטניס שטעהע, זאָ ווירד דאס פערהעלטניס דער וועלט צום לעערען רוים איין פערהעלטניס דערזעלבען צו קיינעם געגענשטאַנדע זיין. איין דערגלייכען פערהעלטניס אַבער מיטהין אויך דיע בעגרענצונג דער וועלט דורך דען לעערען רוים איזט ניכטס; אַלזאָ איזט דיע וועלט דעם רוימע נאָך גאַר ניכט בעגרענצט, ד. א. זיע איזט אין אַנזעהונג דער אויסדעהנונג אונענדליך.

# טראנסצענדענטאלען אידעען

## אנטיטהעסיס

קיין צוזאַמענגעזעטצטעס דינג אין דער וועלט בע-שטעהט אויס איינפאַכען טיילען, אונד עס עקזיסטיערט איבעראַלל ניכטס איינפאַכעס אין דערזעלבען.

## בעווייז

זעטצעט: איין צוזאַממענגעזעטצטעס דינג (אַלס סובסטאַנץ) בעשטעהע אויס איינפאַכען טיילען. וויל אַללעס אייסערע פערהעלטניס, מיטהין אויך אַללע צו-זאַממענזעטצונג אויס סובסטאַנצען נור אים רוימע מעג-ליך איזט: זאָ מוס, אויס זאָפיעל טיילען דאס צוזאַמ-מענגעזעטצטע בעשטעהט, אויס עבענזאָפיעל טיילען אויך דער רוים בעשטעהען, דען עס איינניממט.

נון בעשטעהט דעם רוים ניכט אויס איינפאַכען טיילען, זאָנדערן אויס ריימען. אַלזאָ מוס יעדער טייל דעס צוזאַממענגעזעצטען איין רוים איינעהמען. דיע שלעכטהין ערשטען טיילע אַבער אַללעס צוזאַממענגע-זעטצטען זינד איינפאַך.

אַלזאָ ניממט דאס איינפאַכע איינען רוים איין. דאַ נון אַללעס רעאַלע, וואס איינען רוים איינניממט, איין אויסערהאַלב איינאַנדער בעפינדליכעס מאַנניגפאַלטי-געס אין זיך פאַסט, מיטהין צוזאַממענגעזעטצט איזט אונד צוואַר אַלס איין רעאַלעס צוזאַממענגעזעטצטעס ניכט

אים ערשטען פאללע אבער ווירדע דאס צוזאַמענגעזעטצטע וויעדערום ניכט אויס סובסטאנצען בעשטעהען (וויל ביי דיעזען דיע צוזאממענזעטצונג נור איינע צופעלליגע רעלאציאָהן דער סובסטאנצען איזט, אָהנע וועלכע דיעזע אלס פיר זיך בעהאררליכע וועזען בעשטעהען מיססען).

דא נון דיעזער פאלל דער פאָראויסזעטצונג ווידערשפריכט, זאָ בלייבט נור דער צווייטע איבריג, דאס נעמליך דאס סובסטאנציעללע צוזאממענגעזעטצטע אין דער וועלט אויס איינפאכען טיילען בעשטעהע.

היער אויס פאָלג אונמיטטעלבאר, דאס דיע דינגע דער וועלט אינסגעזאממט איינפאכע וועזען זייען, דאס די צוזאממענזעטצונג נור איין אייסערער צושטאנד דערזעלבען זיי, אונד דאס, ווענן וויר דיע עלעמענטאר-סובסטאנצען גלייך ניעמאלס פעליג אויס דיעזעם צושטאנדע דע- פערבינדונג זעטצען אונד איזאָליערען קעננען, דאָך דיע פערנונפט זיע אלס די ערשטען סו-ביעקטע אללער קאָמפאָזיציאָן אונד מיטהין פאָר דערזעלבען אלס איינפאכע וועזען דענקען מיססע.

אויס אָקסידענצען (דענן דיע קעננען ניכט אָהנע סובסטאַנץ אויסער איינאַנדער זיין), מיטהין אויס סובסטאַנצען: זאָ ווירדע דאַס איינפאַכע איין סובסטאַנציעללעס צוזאַממענגעזעטצטעס זיין; וועלכעס זיך ווידערשפריכט.

דער צווייטע זאַטץ דער אַנטיטהעסיס, דאַס אין דער וועלט גאַר ניכטס איינפאַכעס עקזיסטירע, זאָלל היער נור זאָפיעל בעדייטען, אַלס: עס קעננע דאַס דאַזיין דעס שלעכטהין איינפאַכען אויס קיינער ערפאַהרונג אָדער וואַהרנעהמונג, וועדער אויסערען נאָך איננערען, דאַרגעטאַן ווערדען, אונד דאַס שלעכטהין איינפאַכע זיי אַלזאָ איינע בלאָסע אידעע, דערען אָביעקטיווע רעאַליטעט ניעמאַלס אין אירגענד איינער מעגליכען ערפאַהרונג קאַנן דאַרגעטאַן ווערדען, מיטהין אין דער עקספאָזיציאָן דער ערשיינונגען אָהנע אַללע אַנווענדונג אונד געגענשטאַנד. דענן וויר וואָללען אַננעהמען, עס ליעסע זיך פיר דיעזע טראַנסצענדענטאַלע אידעע איין געגענשטאַנד דער ערפאַהרונג פינדען: זאָ מיסטע דיע עמפירישע אַנשויאונג אירגענד איינעס געגענשטאַנדעס אַלס איינע זאָלכע ערקאַננט ווערדען, וועלכע שלעכטהין קיין מאַנניגפאַלטיגעס אויסערהאַלב איינאַנדער אונד צור איינהייט פערבונדען ענטהעלט. דאַ נון פון דעם ניכטבעוואוסטזיין איינעס זאָלכען מאַנניגפאַלטיגען אויף דיע גענצליכע אונמעגליכקייט דעסזעלבען אין אירגענד איינער אַנשויאונג איינעס אָביעקטס קיין שלוס גילט, דיעזעס לעטצטערע אַבער צור אַבסאָלוטען סימפליציטעט דורכאויס נעטיג איזט: זאָ פאָלגט, דאַס דיעזע אויס קיינער וואַהרנעהמונג, וועלכע זיע אויך זיי, קעננע געשלאָסען ווערדען.

דאַ אַלזאָ עטוואַס אַלס איין שלעכטהין איינפאַכעס אָביעקט ניעמאַלס אין אירגענד איינער מעגליכען ערפאַהרונג קאַנן געגעבען ווערדען, דיע זיננענוועלט אַבער אַלס דער אינבעגריף אַללער מעגליכען ערפאַהרונגען אַנגעזעהען ווערדען מוס: זאָ איזט איבעראַלל אין איהר ניכטס איינפאַכעס געגעבען.

# דריטטער ווידערשטרייט דער

## טהעסיס

דיע קויסאַליטעט נאַך געזעטצען דער נאַטור איזט ניכט די איינציגע, אויס וועלכער דיע ערשיינונגען דער וועלט אינסגעזאַמט אַבגעלייטעט ווערדען קעננען. עס איזט נאָך איינע קויסאַליטעט דורך פרייהייט צו ער־קלערונג דערזעלבען אַנצונעהמען נאָטווענדיג.

## בעווייז

מאַן נעהמע אן, עס געבע קיינע אַנדערע קויסאַ־ליטעט, אַלס נאַך געזעטצען דער נאַטור; זאָ זעטצט אַללעס, וואַס געשיעהט, איינען פאָריגען צושטאַנד פאָר־אויס, אויף דען עס אונאויסבלייבליך נאַך איינער רע־געל פאָלגט.

נון מוס אַבער דער פאָריגער צושטאַנד זעלבסט עטוואַס זיין, וואַס געשעהען איזט, (אין דער צייט גע־וואָרדען, דאַ עס פאָרהער ניכט וואַר), ווייל, ווענן עס יעדערצייט געוועזען וועדע, זיינע פאָלגע אויך ניכט אַללערערשט ענטשטאַנדען, זאָנדערן איממער געוועזען זיין ווירדע.

אַלזאָ איזט דיע קויסאַליטעט דער אורזאַכע, דורך וועלכע עטוואַס געשיעהט, זעלבסט עטוואַס געשעהענעס, וועלכעס נאַך דעם געזעטצע דער נאַטור ווידעראום איינען פאָריגען צושטאַנד אונד דעסען קויסאַליטעט, דיעזער אַבער עבענזאָ איינען נאָך עלטערען פאָר־אויסזעטצט א. ז. וו.

ווענן אַלזאָ אַללעס נאַך בלויסען געזעטצען דער נאַטור געשיעהט, זאָ גיבט עס יעדערצייט נור איינען סובאַלטערנען, ניעמאַלס אַבער איינען ערשטען אַנ־

# טראנסצענדענטאלען אידעען

## אנטיטהעסיס

עס איזט קיינע פרייהייט, זאנדערן אללעס אין דער וועלט געשיעהט לעדיגליך נאך געזעטצען דער נאטור.

## בעווייז

זעטצעט: עס געבע איינע פרייהייט אים טראנסצענדענטאלען פערשטאנדע אלס איינע בעזאנדערע ארט פון קויסאליטעט, נאך וועלכער דיע בעגעבענהייטען דער וועלט ערפאלגען קעננטען, נעמליך איין פערמעגען, איינען צושטאנד, מיטהין אויך איינע רייהע פון פאלגען דעסזעלבען שלעכטהין אנצופאנגען:

זא ווירד ניכט אלליין איינע רייהע דורך דיעזע שפאנטאניטעט, זאנדערן דיע בעשטיממונג דיעזער שפאנטאניטעט זעלבסט צור הערפארברינגען דער רייהע, ד. א. דיע קויסאליטעט, ווירד שלעכטהין אנפאנגען, זא דאס ניכטס פארהערגעהט וואדורך דיעזע געשעהענע האנדלונג נאך בעשטענדיגען געזעטצען בעשטיממט זיי.

עס זעטצט אבער איין יעדער אנפאנג צו האנדלען איינען צושטאנד דער נאך ניכט האנדלענדען אורזאכע פאראויס אונד איין דינאמיש ערשטער אנפאנג דער האנדלונג איינען צושטאנד, דער מיט דעם פארהערגעהענדען עבען דערזעלבען אורזאכע גאר קיינען צוזאממענהאנג דער קויסאליטעט, ד. א. אויף קיינע וויזע דארויס ערפאלגט.

אלזא איזט דיע טראנסצענדענטאלע פרייהייט דעם קויסאלגעזעטצע ענטגעגען אונד איינע זאלכע פערבינדונג דער סוקסעסיווען צושטענדע ווירקענדער אורזאכען, נאך וועלכער קיינע איינהייט דער ערפאהרונג מעגליך איזט, דיע אלזא אויך אין קיינער ערפאהרונג אנגעטראפפען ווירד, מיטהין איין לעערעס געדאנקענדינג.

וויר האבען אלזא ניכטס אלס נאטור, אין וועלכער

פאַנג אונד אַלזאָ איבערהויפט קיינע פאָללשטענדיג־
קייט דער ריידע אויף דער זייטע דער פאָן איינאַנדער
אַבשטאַממענדען אורזאַכען.

נון בעשטעהט אַבער עבען דאַרין דאס געזעטץ
דער נאַטור: דאַס אָהנע הינרייכענד אַ PRIORI בע־
שטימטע אורזאכע ניכטס געשעהע.

אַלזאָ ווידערשפריכט דער זאַטץ, אַלס ווענן אַללע
קויסאַליטעט נור נאַך נאַטורגעזעטצען מעגליך זיי, זיך
זעלבסט אין זיינער אונבעשרענקטען אַללגעמיינהייט,
אונד דיעזע קאַנן אַלזאָ ניכט אַלס דיע אנציגע אַנגע־
נאָממען ווערדען.

דיעזעם נאַך מוס איינע קויסאַליטעט אַנגענאָמען
ווערדען, דורך וועלכע עטוואס געשיעהט, אָהנע דאַס
דיע אורזאַכע דאַפאָן נאָך ווייטער דורך איינע אַנדערע
אָרהערגעהענדע אורזאַכע נאַך נאָטוועַנדיגען געזעטצען
בעשטיממט זיי, ד. א. איינע אַבסאָלוטע ספּאָנטאַנייטעט
דער אורזאַכען, איינע רייהע פאָן ערשיינונגען, די נאַך
נאַטורגעזעטצען לייפט, פאָן זעלבסט אנצופאנגען, מיט־
הין טראַנסצענדענטאַלע פרייהייט, אָהנע וועלכע זעלבסט
אים לויפע דער נאַטור דיע רייהענפאָלגע דער
ערשיינונגען אויף דער זייטע דער אורזאַכען ניעמאַלס
פאָללשטענדיג איזט.

## פיערטער ווידערשטרייט דער טהעסיס

צו דער וועלט געהערט עטוואַס, דאַס ענטוועדער
אַלס איהר טייל אָדער איהרע אורזאַכע איין שלעכטהין
נאָטווענדיגעס וועזען איזט.

בעווייז

דיע זיננענוועלט, אַלס דאַס גאַנצע אַללער ערשיי־

ווירדען צוזאממענהאנג אונד אָרדנונג דער וועלטבע־געבענהייטען זוכען מיססען. דיע פרייהייט (אונאבהענ־גיגקייט) פאָן דען געזעטצען דער נאַטור איזט צוואר איינע בעפרייאונג פאָם צוואנגע, אָבער אויך פאָם לייטפאַ־דען אַללער רעגעלן.

דענן מאַן קאַנן ניכט זאגען, דאסס אַנשטאַטט דער געזעטצע דער נאַטור געזעטצע דער פרייהייט אין דיע קויסאַליטעט דעס וועלטלויפס איינטרעטען, וויל, ווענן דיעזע נאָך געזעטצען בעשטיממט ווערע, זיע ניכט פריי־הייט, זאָנדערן זעלבסט ניכטס אַנדערעס אַלס נאַטור ווערע.

נאַטור אַלזאָ אונד טראַנסצענדענטאַלע פרייהייט אונטערשיידען זיך וויע געזעטצמעסיגקייט אונד געזעטצ־לאָזיגקייט, דאפאָן יענע צוואר דען פערשטאַנד מיט דער שוויעריגקייט בעלעסטיגט, דיע אַבשטאַממונג דער בעגע־בענהייטען אין דער רייהע דער אורזאַכען איממער הע־הער הינאויף צו זוכען, וויל דיע קויסאַליטעט אַן איה־נען יעדערצייט בעדינגט איזט אַבער צור שאַדלאָזהאַלטונג דורכגענגיגע אונד געזעטצמעסיגע איינהייט דער ערפאַה־רונג פערשפריכט, דאַ היננעגען דאס בלענדווערק פאָן פרייהייט צוואר דעם פאָרשענדען בעשטאַנדע אין דער קעטטע דער אורזאַכען רוהע פערהייסט, אינדעם זיע איהן צו איינער אונבעדינגטען קויסאַליטעט פיהרט, דיע פאָן זעלבסט צו האַנדעלן אַנהעבט, דיע אַבער, דאַ זיע זעלבסט בלינד איזט, דען לייטפאַדען דער רעגעלן אַב־רייסט, אַן וועלכעם אַללייִן איינע דורכגענגיג צוזאממענ־העגגענדע ערפאַהרונג מעגליך איזט.

# טראַנסצענדענטאלען אידעען

## אַנטיטהעסיס

עס עקזיסטיערט איבעראַלל קיין שלעכטהין נאָט־ווענדיגעס וועזען וועדער אין דער וועלט, נאָך אויסער דער וועלט, אַלס איהר אורזאַכע.

### בעוויז

זעטצעט: דיע וועלט זעלבער אָדער אין איהר זיי

נונגען, ענטהעלט צוגלייך איינע רייהע פאָן פערענדע=
רונגען, דענן אָהנע דיעזע ווירדע זעלבסט די פאָרשטע=
לונג דער צייטרייהע אַלס איינער בעדינגונג דער מעג=
ליכקייט דער זיננענוועלט אונז ניכט געגעבען זיין. איינע
יעדע פערענדערונג אַבער שטעהט אונטער איהרער
בעדינגונג, דיע דער צייט נאָך פאָרהערגעהט, אונד
אונטער וועלכער זיע נאָטווענדיג איזט, נון זעטצט איין
יעדעס בעדינגטע, דאַס געגעבען איזט, אין אַנזעהונג
זיינער עקזיסטענץ איינע פאָלשטענדיגע רייהע פאָן
בעדינגונגען ביז צום שלעכטהין=אונבעדינגטען פאָראויס,
וועלכעס אַליין אבסאָלוט נאָטוועדיג איזט. אַלזאָ מוס
עטוואַס אבסאַלוט=נאָטוועדיגעס עקזיסטיערען, ווען
איינע פערענדערונג אַלס זיינע פאָלגע עקזיסטיערט.
דיעזעס נאָטוועדיגע אַבער געהערט זעלבער צור
זיננענוועלט, דענן זעטצעט, עס זיי אויסער דערזעלבען,
זאָ ווירדע פון איהם דיע רייהע דער וועלטפערענדע=
רונגען איהרען אַנפאַנג אַבלייטען, אָהנע דאס דאָך
דיעזע נאָטוועדיגע אורזאַכע זעלבסט צור זיננענוועלט
געהערט. נון איזט דיעזעס אונמעגליך.

דענן דאַ דער אַנפאַנג איינער צייטרייהע נור
דורך דאַסיעניגע, וואַס דערצייט נאַך פאָרהערגעהט,
בעשטיממט ווערדען קאָנן: זאָ מוס דיע אָבערשטע
בעדינגונג דעס אנפאנגס איינער רייהע פאָן פערענדע=
רונגען אין דער צייט עקזיסטיערען, דאַ דיעזע נאך ניכט
וואַר (דען דער אַנפאנג איזט איין דאזיין, פאָר וועלכעם
איינע צייט פארהערגעהט דארין דאס דינג, וועלכעס
אָנפענגט נאָך ניכט וואַר) אַלזא געהערט דיע קויסאַ=
ליטעט דער נאטוועדיגען אורזאַכע דער פערענדע=
רונגען, מיטהין אויך די אורזאַכע זעלבסט צו דער
צייט, מיטהין צור ערשיינונג (אן וועלכער דיע צייט
אליין אַלס דערען פאָרם מעגליך איזט): פאלגליך
קאנן זיע פאן דער זיננענוועלט אַלס דעם אינבעגריף
אַלער ערשיינונגען ניכט אבגעזאנדערט געדאַכט
ווערדען. אַלזא איזט אין דער וועלט זעלבסט עטוואס
שלעכטהין=נאטוועדיגעס ענטהאַלטען.

איין נאָטוועגדיגעס וועזען, זאָ ווירדע אין דער רייהע איהרער פערענדערונגען ענטוועדער איין אָנפאַנג זיין, דער אונבעדינגט נאָטוועגדיג, מיטהין אָהנע אורזאַכע ווערע, וועלכעס דעם דינאַמישען געזעטצע דער בעשטימ־מונג אַללער ערשיינונגען אין דער צייט ווידערשטרייטעט: אָדער דיע רייהע זעלבסט ווערע אָהנע אַללען אַנפאַנג אונד, אָבגלייך אין אללען איהרען טיילען צופעלליג אונד בעדינגט, אים גאַנצען דעננאָך שלעכטהין נאָטוועגדיג אונד אונבעדינגט; וועלכעס זיך זעלבסט ווידערשפריכט, וויל דאָס דאַזיין איינער מענגע ניכט נאָטוועגדיג זיין קאַנן, וועגן קיין איינציגער טייל דערזעלבען איין אַן זיך נאָט־וועגדיגעס דאַזיין בעזיטצט.

זעטצעט דאַגעגען: עס געבע איינע שלעכטהין נאָטוועגדיגע וועלטאורזאַכע אויסער דער וועלט, זאָ ווירדע דיעזעלבע אַלס דאָס אָבערסטע גליעד אין דער רייהע דער אורזאַכען דער וועלטפערענדערונגען דאָס דאַזיין דער לעטצטערען אונד איהרע רייהע צוערשט אַנפאַנגען.

נון מיסטע זיע אָבער אַלסדאַנן אויך אַנפאַנגען צו האַנדעלן. אונד איהרע קויסאַליטעט ווירדע אין דיע צייט, עבען דאַרום אָבער אין דען אינבעגריף דער ערשיינונ־גען, ד. א. אין דיע וועלט, געהערען, פאָלגליך זיע זעלבסט, דיע אורזאַכע ניכט אויסער דער וועלט זיין, וועלכעס דער פאָראויסזעטצונג ווידערשפריכט.

אַלזאָ איזט וועדער אין דער וועלט, נאָך אויסער דערזעלבען (אָבער מיט איהר אין קויסאַלפערבינדונג) אירגענד איין שלעכטהין נאָטוועגדיגעס וועזען.

פון די אויבען אָנגעפיהרטע בעווייזען קענען מיר ענט־נעהמען, אז די פילאָזאָפיע האָט קיין פעסטען באָדען אונטער זיך ניט. פאַרוואָס? ווייל די חכמי התלמוד האָבען עס ניט גע־נוג ערקלעהרט, נור בלויז פערבייגעהענד, וואָלטען זיי עס דייטליכער ערקלעהרט, וואָלט עס זיכער געווען פעסטגע־שטעלט אָהנע עס צו קאָנען אָבוועגדן.

אזוי שרייבט אויך דער רבינו בחיי (פ׳ אחרי מות, י״ח) וידוע כי אין דעות הפילוסופים אצלנו עיקר, לפי שאינם אלא מצד המחקר, ולא ידעו ולא יבינו, בחשכה יתהלכו. אבל משכילי־ישראל אין להם אלא דברי חז״ל חכמי האמת אשר מפי הנביאים קבלו האמת, והם אשר ידעו הדברים כלם על אמתתם.

עס געפינען זיך אין ש״ס נאָך פיל מעהר אָנדייטונגען אויף חכמות צ. ב. ש: דרוקעריי, (יומא ס״ד) עלעקטריציטעט (חגיגה י״ג). GEODESY (מעסטען די ערד, פסחים ד׳ צ״ד.) שיתא אלפי פרסא הוה עלמא. די וועלט האָט 6.000 פרסאות. אַ פרסא איז פיר מייל ד. ה. 24.000 מייל. (עיין זרבבל להריב״ל ז. 48). א. ז. וו. נור מיר האָבען ניט געפונען פאַר נויטיק צו שרייבען דעריבער, ווייל זיי זענען נור אָנגעוויזן ברמיזה. והמשכיל יבין

סוף